STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10930

GOT UN KAPITAL

M. M. Sheinman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. שײנמאַן

גאָט און קאַפּיטאַל

מיט א פאָרוואָרט פון יעמ. יאראָסלאווסקי

איבערגעזעצט פון דער צווייטער
פארבעסערטער רוסישער אופלאגע

מעלוכישער נאצמינדפארלאג
באַם פרעזידיום פון ווציק

כארקאָוו 1932 קיִעוו

די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג
פונ דעמ בוכ אונ די שיפערנ פאַר
ביבליאָטעק-קאַטאַלאָגנ זײַנענ אָפּגע-
דרוקט אינ „צײַטשריפט פונ דרוק“ אונ
אינ דעמ „קאַרטנ-רעפּערטואַר“ פונ דער
אוקראַאינישער ביכער-פּאַלאַטע.

אלוקר. פּאָליגראַפישע פאַרייניקונג
פאַבריק פונ אינטערנאַצ. בוכ, רויטער פּלאַצ, 2.
באַשט. 118. 3000 עקז. 5 דרוקבויגנ.
אוקרהויפּטליט (116)6321

פארװארט

איינע פונ די גרונט־אופגאבעס אינ דער אנטירעליגיעזער פראפאגאנדע איז — קלאר מאכנ דעם קלאסנ־מעהוס פונ יעדער רעליגיע באהײַנטיקנ טאג, אופדעקנ אירע סאציאלע װארצלענ.

אינ דער קלאסנ־געזעלשאפט קענ ניט זײַנ קיינ רעליגיע, װאס זאל ניט זײַנ פארבונדנ מיט דער אידעאלאגיע פונ װעלכער ניט איז סאציאלער גרופע. אנטפלעקנ דידאזיקע סאציאלע װארצלענ, באװײַזנ באשײַמפערלעכ די פארבינדונג צװישנ די אדער יענע געזעלשאפטלעכע דערשײַנונגענ פונ װעלכער ניט איז סאציאלער גרופירונג אונ איר רעליגיעזער אידעאלאגיע איז ניט שטענדיק אזוי לײַכט. דערקלערנ דידאזיקע דערשײַנונגענ מארקסיסטיש, אופדעקנ זייער קלאסנ־מעהוס פונעמ מארקסיסטישנ שטאנדפונקט מער אדער װייניקער באפרידיקנדיק, — גיט זיכ אײַנ װײַט ניט יעדנ מארקסיסט. פאר אונדז מארקסיסטנ אבער איז אט אזא מינ דערקלערונג ניט בלויז נייטיק, נאר טאקע די איינציק־ריכטיקסטע.

אינ די קאפיטאליסטישע לענדער איז דער צוזאמענבונד צװישנ דער רעליגיע אונ דעמ קאפיטאל באזונדערס גרויס. דארט טרעט ארויס דער דאזיקער בונד גאר אפנ — בלויז־נאקעט.

מיר דארפנ דעריבער אינ אונדזער אנטירעליגיעזער פראפאגאנדע װאס בולטער אונ קלארער אופװײַזנ דעמ ארבעטער־קלאס אונ פויערטומ פונ אונדזער ראטנלאנד די רעאקציאנערע ראלע, װאס די רעליגיע שפילט. מיר דארפנ דערװײַזנ, אז די רעליגיע איז א מעכטיק געװער אינ די הענט פונעמ קאפיטאל אינ דער גארער װעלט קעגנ די ארבעטנדיקע מאסנ, אז זי איז א מיטל אײַנצוצוימענ די ארבעטנדיקע מאסנ אונ אײַנצוהאלטנ זיי אונטערנ קאפיטאליסטישנ יאכ.

מיר דארפנ דערוויזנ, אז די רעליגיע אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער דינט געטריי דעם קאפּיטאל (פונקט אזוי, ווי זי דינט אָביעקטיוו די רעשטלעכ פונ דער דאָרפישער אונ שטאָטישער בורזשואזיע אינ פ.ס.ר"ר.). מיר דארפנ אויפקלערנ די ארבעטנדיקע מאסנ, אז אומעטום, ווו עס קומט נאָר פאָר דער באפרייונג־קאמפ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ, — איז די רעליגיע די גרעסטע שטערונג אפנ באפרייונג־וועג פונ דידאָזיקע מאסנ.

אינ זיינ גלענצנדיקנ ארטיקל „וועגנ דעם באטייט פונעם קעמפערישנ מאטעריאליזמ" (אינ זשורנאל „אונטער דער פאָנ פונ מארקסיזמ" נומ. 3 1922 יאָר) האָט לענינ געשריבנ, אז „באזונדערס וויכטיק איז אויסצונוצנ די אַלע ביכער אונ בראָשורנ, וואָס פארמאָגנ אינ זיכ אסאכ קאָנקרעטע פאקטנ אונ פארגלייכונגענ, וואָס באווייזנ די פארבינדונג צווישנ די קלאסנ־אינטערעסנ אונ קלאסנ־אָרגאניזאציעס פונ דער היינטיקער בורזשואזיע מיט די אָרגאניזאציעס פונ די רעליגיעזע אנשטאלטנ אונ מיט דער רעליגיעזער פראָפּאגאנדע.

„אויסערגעוויינלעכ וויכטיק זיינענ אלע מאטעריאלנ, וואָס האָבנ א שייכעס צו די פאראייניקטע שטאטנ פונ צאָפנ־אמעריקע, אינ וועלכע עס זעט זיכ ווייניקער ארויס די אָפיציעלע, קאזיאָנע, מעלוכישע פארבינדונג צווישנ דער רעליגיע אונ קאפּיטאל. דערפאר אָבער ווערט אונדז קלאָר, אז די אזויגערופענע „מאָדערנע דעמאָקראטיע" (פאר וועלכער עס קניענ אונ בוקנ זיכ אזוי נאריש די מענשעוויקעס, די עסערנ אונ טיילווייז די אנארכיסטנ א. א.) שטעלט מיט זיכ פאָר ניט מער אונ ניט ווייניקער, ווי די פרייהייט צו פריידיקנ דאָס, וואָס פאר דער בורזשואזיע לוינט צו פריידיקנ. אונ לוינעג לוינט איר צו פריידיקנ די סאמע רעאקציאָנערסטע אידייעס, רעליגיע, פינצטערניש, אָבסקוראנטיזמ, באשיצנ די עקספּלואטאטערס א. ד. גל."

דער כ' שיינמאנ, איינער פונ אונדזערע יונגע אטעיסטנ (אפּיקאָרסימ), לאָזט ארויס שוינ די צווייטע ארבעט זיינע, וואָס איז גוט דורכגעטראכט פונעם שטאנדפּונקט פונ ריכטיק אוועקשטעלנ די אנטירעליגיעזע פראָפּאגאנדע. זיינ ערשטע ארבעט — „מיט פייער אונ בלוט אינ נאָמענ פונ גאָט" — גיט א כאראקטעריסטיק פונ דער רעליגיע, הויפּטזעכלעכ, פונ דער פארגאנגענהייט. דידאָזיקע ארבעט זיינע — „גאָט אונ קאפּיטאל" —

שילדערט אונדז, דעריקערשט, דעם הײַנטיקנ באַטײַט פונ דער רעליגיע. דאָס ביכל גיט א פאָרשטעלונג (צום באַדויערנ, ווײַט ניט קײנ פולע — מ'דארפ נאָכ איבער דעם גרינטלעכ, ווי עס דארפ צו זײַנ, ארבעטנ) וועגנ דער ראָלע פונ רעליגיע אינעם קאמפ פונ קאַפיטאל מיט די ארבעטנדיקע מאסנ, וועגנ דער ראָלע פונ די פילצאָליקע קאַפיטאליסטישע אָרגאניזאציעס, וואָס באהאלטנ זיכ אונטער א רעליגיעזנ שלײער מיטנ ציל אָפצונארנ די פאָלק־מאסנ. ווענ מע זאָל זיכ גוט באנוצנ מיט דעם־דאָזיקנ מאטעריאל, אימ אויסנוצנ ווי עס באדארפ צו זײַנ — קענ ער אסאכ מיטהעלפנ צו באפרײַענ זיכ פונעם רעליגיעזנ טשאד ניט בלויז די שטאָטישע ארבעטער, פאר וועמענ די־דאָזיקע פאקטנ זײַנענ באזונדערס איבערצײַגנדיק, נאָר אויכ די פויערים.

זײער גוט איז דאָס, וואָס אינ דעמדאָזיקנ ביכל זײַנענ געבראכט, פאקטנ ניט בלויז פונ דער טעטיקײַט פונ די „קריסטלעכע אָרגאניזאציעס" נאָר אויכ פונ די יידישע אונ מוסולמאנישע.

אינ דער אנטירעליגיעזער ארבעט צווישנ די מער אָפגעשטאנענע מאסנ קומט אונדז אויס גאנצ אָפט זיכ אָנצושטויסנ אפ באזונדערע דעמאגאָגישע מעטאָדנ מיצאד פארשײדענע רעליגיעזע פרײדיקער, וואָס טײַנעג, אז די קאָמוניסטנ טשעפענ זיכ נאָר צו דער קריסטלעכער לערע אלײנ, אז בלויז קעגנ איר קעמפנ זײ. איז טאקע וויכטיק אופצווײַזנ, אז אויכ די איבעריקע עקזיסטירנדיקע רעליגיעס זײַנענ לויט זײער עצעמ־טאָכ עקספּלואטאטערישע רעליגיעס, אומאָפהענגיק דערפונ, ווי עס נעמט זײ אופ דער אָדער יענער גלויביקער, די אָדער יענע סאָציאלע גרופע.

מע וואָלט באדארפט אפ ווײַטער אופווײַזנ די פארבינדונג צווישנ דער טעטיקײַט פונ די גרויסע קאפיטאליסטישע קירכנ־אָרגאניזאציעס אינ מײַרעוו־אײראָפע אונ אמעריקע אונ צווישנ די פרווונ אוועקצושטעלנ אזא אָרגאניזאציע אינ פסר"ר; צווישנ די פרווונ צו פארבינדנ די רעליגיעזע קירכנ־אָרגאניזאציעס בא אונדז מיט פונקט אזוינע ברידערלעכע אָרגאניזאציעס פונ די מאָרגאנס, פאָרדס, קולידזשס אינ אמעריקע אונ אינ אנדערע לענדער.

ס'איז אָנ שומ סאָפעק, אז אינ די לעצטע אנטשײדנדיקע שלאכטנ פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע וועט אויסקומענ זיכ צו באגע־

גענעב מיט א פאַרייניקונג פונ אַלע קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע קויכעס. קעדיי צו ראַטעווענ די קאַפּיטאַליסטנ, גיט די קירכ איר בראָכע דעמ פאַשיזמ אונ שטיצט די סאַמע גרויזאַמסטע מאַסמיטלענ, וואָס זײַנענ געווענדעט קעגנ אַרבעטער־קלאַס. אָט פאַרוואָס מיר האַלטנ פאַר נוצלעכ אַזאַ מינ ביכל, וואָס גיט די אַרבעטנדיקע א מעגלעכקײַט טיפער אַרײַנצודרינגענ אינ דער מעכאַניק פונ רעליגיעזער נאַרערײַ.

יעמ. יאַראָסלאַווסקי

פאָרוואָרט צו דער 2־טער רוסישער אופלאַגע

אינ מעשעכ פונ א קורצער צײַט האָבנ זיכ אָנגעזאַמלט זייער אַסאַכ פאַקטנ, פונ וועלכע ס'איז צו זענ, ווי די בורזשואַזיע פרווט אינ נאָמענ פונ ניט־עקזיסטירנדיקע געטער זיכ צו ראַטעווענ אונ אײַנצוהאַלטנ איר מאַכט איבער די מיליאָנענ פאַרשקלאַפטע אונ אונטערדריקטע.

דער אופשטײַג פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג אינ מײַרעוו־אייראָפּע אונ די גרויסע דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג אינ פסר"ד שטויסנ די בורזשואַזיע, נאָכ מער ווי ווענ עס איז פריער, צו שליסנ א בונד מיטנ גאַלאָכנטומ, מיטנ ציל אויסצונוצנ דעמ הימל אַפ צו פאַרשטאַרקנ איר הערשאַפט אַפ דער ערד.

וויסנ אונ פאַרשטיינ די דאָזיקע איבערגעשפּיצטע מעכאַניק — וויאַזוי די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג באַרעכטיקט זיכ אינ נאָמענ פונ ניט־עקזיסטירנדיקע געטער — איז נייטיק צוליב דעמ, קעדיי צו העלפנ די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסנ צו באַפרײַענ זיכ פונ די רעליגיעזע קייטנ אונ צושטיינ צו דער גרויסער שאַפונג־אַרבעט פונ בויענ א נײַע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ווּ עס וועט ניט זײַנ קיינ רעליגיע, — ווײַל עס וועלנ ניט זײַנ קיינ קייטנ, וואָס מע וועט דאַרפנ באַהייליקנ מיט געטלעכער וואַסער.

דער אווטער

I. די קירכ אונ די צווישנפעלקערלעכע ארבעטער-באוועגונג

דעם 11־טנ מארט 1929־טנ יאָר האָט מוסאָליני, דער פירער פונ די איטאליענישע פאשיסטנ, געהאלטנ אינ רוים פארנ אקטיוו פונ דער פאשיסטישער פארטיי א פאָרטראָג, אינ וועלכנ ער האָט זיכ אויספירלעכ אָפּגעשטעלט אפ דעם באָר־וואָס געשלאָסענעם אָפּמאכ (קאָנקאָרדאט) צווישנ דער איטאליענישער רעגירונג אונ דעם רוימישנ פויפּסט.

לויבנדיק אינ טאָג זיינ דעמדאָזיקנ אקט, האָט מוסאָליני דערקלערט, אז דער קאָנקאָרדאט „איז פארנ פאשיזמ א קוואל פונ שטאָלצקייט אונ א מיטל צו פארשטארקנ זיינע קויכעס אונ סאָלידארישקייט", אז „דערינ איז דער פאשיזמ פולשטענדיק קאָנסעקווענט", אז „איטאליע מעג שטאָלצירנ, — זי האָט דעמ פארדינסט, וואָס איר באָדנ איז אינ משכ פונ 2000 יאָר געוועזנ א רעליגיעזער צענטער"...

עריאָ, דער לידער פונ די פראנצויזישע ראדיקאלנ, האָט דעם 5־טנ פעברואר 1929־טנ יאָר פארעפנטלעכט אינ אנ עסטרייכישער צייטונג אנ ארטיקל וועגנ דער ראטנרעפּובליק, אינ וועלכנ ער פאלט אָנ באזונדערס שטארק אפ פסר"ר פאר איר אנטירעליגיעזער טעטיקייט. דערביי, אָפּשטעלנדיק זיכ אפ די נוצנ פונ דער רעליגיע, שרייבט ער: „די רעליגיע איז געווענ א געטרייער באגלייטער פונעמ מענטשנ אפ זיינ לאנגנ וועג אינ משכ פונ יאָרהונדערטער. די רעליגיע האָט געפּרעדיקט סטאטעטשנעקייט אונ ברידערלעכקייט... האָט פארשפרייט ארומ די וויינאכטבוימלעכ (יאָלקעס) פרייד, בארויקונג אונ האָפענונג"...

אינ יאנואר 1929-טנ יאָר האָט באָלדוינ, דער דעמאָלסטיקער הויפּט פונ דער קאָנסערוואטיווער רעגירונג אינ ענגלאנד, אינ אנ ארטיקל וועגנ

רעליגיע זיך אָפּגערופּנ מיט אנטציקונג וועגנ דער טעטיקייט פונ די קירכנ־טוער אונ, באזונדערס, וועגנ דער טעטיקייט פונ די באפּטיסטנ. „איכ קאָנסטאטיר מיט צופרידנקייט, — האָט ער געשריבנ, — די באגייס־טערונג אונ די קונסט, מיט וועלכע עס פירנ די זאכ די יאָרשים פונ די גרינדער פונ דערדאָזיקער סעקטע".

מיט וואָס־זשע דערקלערט זיך עס, וואָס די אָנגעזעענסטע פירעס אונ פּאָליטיקערס פונ דער היינטיקער בורזשואזיע ריידנ וועגנ דער רע־ליגיע מיט אזויפיל ליבע? אפ דערדאָזיקער פראגע האָט אינ 1925־טנ יאָר קלאָר געענטפערט קולידזש, דער דעמאָלסדיקער פרעזידענט פונ די צאָפנ־אמעריקאנישע פאריייניקטע שטאטנ.

ארויסטרעטנדיק אפ א זיצונג פונעמ קירכנ־ראט (סאָפ 1925 יאָר), האָט קולידזש זיך געקלאָגט אפנ וווקס פונ אומגעזעצלעכקייט אונ אפ דעמ, וואָס מע האָט שטארק פארלוירנ דעמ אָפּשיי צו דער רעגירונג. דערביי האָט ער זיך געווענדעט צו די גאלאָכימ מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „מיר פארמאָגנ ניט קיינ שומ אנדערע אופקלערנדיקע קראפט, בא אונדז איז ניטאָ קיינ שומ אנדער האָפענונג אויסצובעסערנ אונ צו פארפולקאָמענ די געזעלשאפט... אכוץ די האָפענונגענ אפנ וווקס פונ דער רעליגיעזקייט".

דאָס בעסטע געווער איינעמ קאמפ מיט דער „אומגעזעצלעכקייט", ד.ה. קידעמקאָל מיט דער ארבעטער־באוועגונג, איז, לויט דער מיי־נונג פונ דער אמעריקאנער בורזשואזיע, די רעליגיע.

אונ אָט דערפאר טאקע האלטנ מוסאָליני, באָלדוינ, עריאָ אונ אנ־דערע אידעאָלאָגנ אונ פירערס פונעמ קאפיטאל אזוי טייער די רעליגיע. דעריבער טאקע גיבנ זיי דער קירכ איינ האנאָכע נאָכ דער אנדערער, איינ פריווילעגיע נאָכ דער אנדערער אונ שטעלנ זי אינ אויסערסט גינ־סטיקע באדינגונגענ.

די עקספּלואטאטארישע קלאסנ האָבנ צוויי וועגנ אפ צו קעמפנ מיט דער ארבעטער־באוועגונג: דער ערשטער וועג — אומבארמהאָרציקע קעמפנ מיט די ארבעטער־אָרגאניזאציעס, צעשיסנ די אָנפירערס, ארעסטנ, פאר־שיקונג, טורמע. אזוינע מעטאָדנ פונ צערעכענענ זיך מיט די רעוואָליו־ציאָנערע ארבעטער זיינענ געוואָרנ א געוויינלעכע דערשיינונג אינ די אזויגערופענע „קולטורעלע" לענדער. אזוי, אשטייגער, ווערנ די אויעס־

טירטע קאָמוניסטן אין די פּוילישע טורמעס „געפּייניקט מיט פייער און וואַסער, מע שנײַדט לעבעדיקערהייט זייערע קערפּערס, מע שלאָגט זיי איבער די געשלעכט־אָרגאַנען".

אין די בולגאַרישע טורמעס פאַרברענט מען אפילע די פאַרשפּאַרטע רעוואָליוציאָנערן לעבעדיקערהייט. אזוי האָט מען פאַרברענט דעם זשורנאַליסט כערבוזש אין די קעסלען פון דער צענטראַלער באַהייצונג אין דער סאָפיער טורמע.

אף צו קעמפן מיט די שטרײַקן פון די אַרבעטער האָט פּוילן די ערשטע אָנגעהויבן באַנוצן גאַז־באָמבעס. נאָך פּוילן האָט מען דעמדאָזיקן מיטל אָנגעהויבן באַנוצן אין דער „פרומער" אַמעריקע, דערנאָך אויך אין פראַנקרײַך.

אין רומעניע ווערן גאַנצע דערפער פאַרניכטעט פון אַרטילערישע שראַפּנעלן, ווען די פּויערים פּרוּוון אופהייבן א קאַמף קעגן דעם אומדערהערטן שווערן יאָך פון די פּריצים.

אָט דאָס איז איין קאַמף-מיטל, וואָס די בורזשואַזיע ווענדעט אָן קעגן דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פון די אַרבעטער און פּויערים. דאָס איז ערשט איין וועג פון קאַמף.

ס'איז אָבער פאַראַן אויך אַ צווייטער וועג: **דאָס איז אונטערוואַרפן דעם אַרבעטער־קלאַס און דאָס פּויערטום אונטער דער אידייִשער ווירקונג פון דער בורזשואַזיִע.** מיט דער הילף פון אונטערגעקויפטע (דירעקט אָדער אומדירעקט) אַרבעטער־פירערס, דורך דער גאַנצער סיסטעם פון אָוועקשטעלן די אַרבעט אף די אונטערנעמונגען, ווי אויך דורכן שאַפן א גאַנצע ריי ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס אַזוינע — שטרעבט און פּרוּווט די בורזשואַזיע דערציִען דעם אַרבעטער־קלאַס און דאָס פּויערטום אין גײַסט פון איבערגעגעבנקײַט צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. צו וואָס דאַרף מען קעמפן, צו וואָס זיך זײַן איינס דעם אַנדערנס סאָנים? „אַלע מענטשן זײַנען דאָך ברידער!" די אָרדענונג, וואָס עקזיסטירט אף דער ערד, איז דאָך ניט אין אונדז געווענדט, דאָס האָט גאָט אזוי באַשאַפן, אז סע זאָלן זײַן אָרעמע און רײַכע, אומפאַרמעגלעכע און פאַרמעגלעכע, עקספּלואַטירטע און עקספּלואַטאַטערס. דאָסדאָזיקע ערדישע לעבן איז שוין אזוי פון גאָט אוועקגעשטעלט. זיך שטעלן קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג איז

אלציינס, ווי זיכ שטעלנ קעגנ גאָטס ווילנ. מע דארפ דולדנ, מע דארפ לײַדנ, דערפאר אָבער נאָכנ טויט, דאָרט אפ יענער וועלט, וועט אלעמענ זײַנ גוט. נאָכמער אפילע: וועמענ עס לעבט זיכ דאָ, אפ דער זינדיקער ערד, שלעכט, דעמ וועט דאָרט, אפ יענער וועלט, זײַנ גוט אונ וויל; אונ פארקערט ווידער — די רײַכע וועט דאָרט זײַנ אסאכ ערגער, ווײַל „עס איז אסאכ לײַכטער דורכצוקריכנ א קעמל דורכ אנ אויער פונ א נאָדל, איידער א רײַכנ אָנצוקומענ אינ הימלשנ קעניגרײַכ".

אָט אזא אנערעכ איז יענער אידייענ־קוואטש, וואָס ווערט אונטער־געטראָגנ פונ טאָג צו טאָג דעמ ארבעטער־קלאס אונ די האָרעפאשנע מאסנ דורכ די פילצאָליקע ארמייענ געדונגענע אגיטאטערס פונעמ קאפיטאל.

אָט אזוינע מעטאָדנ פונ אידייִש פאנאנדערלייגנ די ארבעטער־באַוועגונג איז איינער פונ די פארקנעכטונג־מיטלענ. מיט דעמדאָזיקנ מיטל קענ מענ אומגעהײַערע מאסנ ארבעטנדיקע אומבאמערקט פאר זיי אליינ דערציִענ פאר געהאָרכזאמע קנעכט פונ דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע.

אינ פראט פונ פארטונקלענ דעמ קלאסנבאוווּסטזײַנ בא די ארבעטער פארנעמט די קירכ דאָס ערשטע אָרט.

די קירכ פילט אויס די ארבעט פונ מאכנ א שאָלעמ צווישנ די ברייטסטע שיכטנ ארבעטנדיקע, עקאָנאָמישער ניט־גלײַכקײַט, אָרעמקײַט, עקספלואטאציע — מיט דער הערשאפט פונ א נישטיקנ הײַפעלע עקספלואטאטערס.

פריידיקנדיק שאָלעמ צווישנ די קלאסנ, ליבע צומ פײַנט, אכטונג צו „גאָטס אינסטיטוציעס" — צומ פריוואט־אייגנטומ, צו דער בורזשואזער מעלוכע א.ד.גל.; שרעקנדיק די ניט־געהאָרכזאמע מיט גענעמ אונ פײַניקונגענ נאָכנ טויט; העלפנדיק אונ שטיצנדיק מיט אלע מעגלעכקײַטנ די הערשנדיקע קלאסנ ניט בלויז מיט ווערטער, נאָר אויכ מיט מײַסימ — שויִנ דערמיט גופע שטעלט די קירכ מיט זיכ פאָר אנ אגענט פונעמ קאפיטאל, א וויכטיקנ שטיצפונקט זײַנעמ, א געווער אינ קאמפ מיט דער ארבעטער־באוועגונג.

טאקע נאָר דערמיט קענ מענ דערקלערנ יענע גרויסע אופמערקזאמקײַט, מיט וועלכער די קאפיטאליסטנ רינגלענ ארומ די קירכ.

די קירכ אינ קאמפ קעגנ דער ארבעטער־באוועגונג

דעמ 20־טנ אפרעל 1929־טנ יאָר האָט אינ גאסטאָני—אינעמ טעקסטיל־ראיאָנ פונ די צאָפנ-אמעריקאנישע פאראייניקטע שטאטנ—אויסגעבראָכנ א שטרייק פונ טעקסטיל־ארבעטער. זיי זיינענ ארויסגעטראָטנ קעגנ די פאבריקאנטנ מיט פאָדערונגענ צו העכערנ דעמ ארבעטלוינ אונ איינפירנ אנ 8־שאָעדיקנ ארבעטס־טאָג. די טעקסטיל־פאבריקאנטנ, אָנשפארנדיק זיכ אפ די מאכט־אָרגאנענ, האָבנ אנטשיידנ באשלאָסנ צו דערשטיקנ דעמ שטרייק אונ פארניכטנ גלייכצייטיק אויכ דעמ פראָפאריינ פונ די טעקסטיל־ארבעטער. געדונגענע באנדעס פונ די פאבריקאנטנ זיינענ באפאלנ די ארבעטער־הייזער, אָנגעפאלנ אפ די ארבעטער, טעראָריזירט זיי, געשלאָגנ אונ אייניקע אפילע דערהארגעט. די פאבריקאנטנ האָבנ ארויסגעוואָרפנ די ארבעטער פונ די הייזער, אונ זיי האָבנ זיכ געמוזט באזעצנ אינ פאלאטקעס. די רעגירונג האָט אינסצענירט א געריכט־פראָצעס אונ פארמישפעט אסאכ פראָפאריינ־טוער אפ קאטאָרגע, אפ טערמינענ פונ 10 ביז 20 יאָר. די פאבריקאנטנ האָט מיטגעהאָלפנ דאָס גאלאָכנטומ. די קירכ האָט מאָביליזירט אלע קויכעס, קעדיי צו ברעכנ דעמ ווידערשטאנד פונ די ארבעטער, קעדיי איינצורעדנ זיי, אז זיי זאָלנ זיכ שטעלנ צו דער ארבעט.

מע דארפ נאָכ געדענקענ, אז דאָס גאלאָכנטומ אינ דידאָזיקע טעקסטיל־ראיאָנענ געפינט זיכ אינגאנצנ אפנ אויסהאלט פונ די פאבריקאנטנ, אונ ס'איז גאָר קיינ כידעש ניט, וואָס די גאלאָכימ האָבנ גערופנ די ארבעטער צו ליקווידירנ דעמ שטרייק. „צו וואָס—האָבנ געטייַנעט די גאלאָכימ צו די ארבעטער—דארפט איר שטרייקנ! צי דענ איז ניט גלייכער זיכ ווענדנ צו די פאבריקאנטנ מיט גוטנ?—אלצייַנס איז דאָכ די זאכ אייערע שוינ פארשפילט".

דעמ 4־טנ אָקטיאבער 1929 יאָר, אפ דער לעווייע פונ די פיר ארבעטער, וואָס די פאָליציי האָט דערמאָרדעט, האָבנ פינפ גאלאָכימ איינגערעדט די ארבעטער, אז זיי זאָלנ זיכ פארלאָזנ אפ גאָט אונ אופהערנ שטרייקנ. דער באנקיר דזשעקינס, וואָס איז נאָכ דעמ ארויסגעטראָטנ, האָט דערקלערט: „איכ בינ זייער צופרידנ, וואָס יעזוס געפינט זיכ אינ אייערע רייענ".

די אָנפירער ווידער פון דער באַפּטיסטישער קירך האָבן צעשיקט די אַרבעטער־שטרייקער דראָונג־בריוו, אַז מע וועט זיי אויסשליסן פון קירך, אויב זיי וועלן ניט ליקווידירן דעם שטרייק.

אויך בעתן מעטאַליסטן־שטרייק אין רורער געגנט (דייטשלאַנד) אין 1928־טן יאָר זיינען די גאַלאָכים אַרויסגעטראָטן און גערופן די אַרבעטער, זיי זאָלן ליקווידירן דעם שטרייק.

אין 1922־טן יאָר, בעתן שטרייק פון די קוילנגרעבער אין מייערוועסט־ווירגיניע (צפון־אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן), האָבן די קאַפּיטאַליסטן ספּעציעל אויסגעשריבן צום אָרט פון שטרייק, צוזאַמען מיט אָפּטיילונגען פּאָליציי און מיליטער, אויך קריסטלעכע פּריידיקער, כדי זיי זאָלן מיט „גאָטס וואָרט" איינרעדן די קוילנגרעבער, אַז זיי זאָלן אויפהערן שטרייקן.

ווען די ענגלישע בורזשואַזיע האָט צום סוף 1925־טן יאָר פאַרטראַכט צו פאַרקלענערן דעם אַרבעטלוין פון די אַרבעטער, האָט זי זיך געווענדעט צו דער קירך, אַז זי זאָל איר העלפן דורכפירן די דאָזיקע זאַך. און אָט איז דער קענטערבעריער אַרכיעפּיסקאָפּ אַרויסגעטראָטן דעם 18 אָקטיאַבער מיט א דראָשע און גערופן צו „זעלבסטבאַגרענעצונג", דאָס הייסט, זיי דאַרפן זיין צופרידן און ניט בונטעווען קעגן דעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטן פאַרקלענערן דעם אַרבעטלוין.

אין אַפּריל חודש 1926 יאָר האָבן 24 עפּיסקאָפּן אין ענגלאַנד פאַרעפנטלעכט אן אויפרוף צו די גלויביקע, רופנדיק זיי, אַז זיי זאָלן טפילה טון אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שווערער לאַגע אין דער קוילן־אינדוסטריע.

דאָס קומט פאָר אין דערזועלביקער צייט, ווען דער ענגלישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך געגרייט צום קאַמף קעגן די פּרוּוון פון די שאַכטע־אייגנטימער צו פאַרקלענערן דעם אַרבעטלוין און פאַרלענגערן דעם אַרבעטס־טאָג.

אויך בעתן ס'איז פאָרגעקומען דער שטרייק אין ענגלאַנד (אין מיי 1926 י.) איז דער קענטערבעריער אַרכיעפּיסקאָפּ אַרויסגעטראָטן מיט אן אויפרוף וועגן שלום צווישן די אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן.

דער הויפּט פון דער קאַטוילישער קירך אין ענגלאַנד האָט אָפן דערקלערט, אַז „מע טאָר די אַרבעטער ניט נאָכגעבן אַף קיין האָר".

אזוינע בײַשפּילן און פאקטן, ווען די קירכע טרעט ארויס אלס אגענט פון די פאבריקאנטן, קען מען ברענגען אין די טויזנטער. בא יעדער שטרײַק, בא יעדן מין צוזאמענשטויס פון ארבעט און קאפּיטאל, שטעלט זיך קעסיידער דאָס גאלאָכנטום אפ דער זײַט פון די אונטערנעמער.

נאָכמער: קעדיי צו פירן זייער ארבעט מיט מער דערפאָלג, דרינגען אָפט ארײַן די גײַסטלעכע אפילע אין דער ארבעטער־באוועגונג, זיי שאפן בא דער מיטשטיצונג פון די אונטערנעמער זייערע פּאָליטישע פּארטייען, פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, אופקלער־ און בילדונג־געזעלשאפטן און אנדערע אזעלכע פארייניקונגען, וואָס ווערן אָנגעפירט פון די קירכן־לײַט; אין אָט די אלע פּארטייען, פאריינען און געזעלשאפטן פלאנצט מען אײַן, מיט דער הילף פון רעליגיע, אין די ארבעטער־מאסן די אידייע, אז די ארבעטער און פאבריקאנטן האָבן אלציינע אינטערעסן, ווײַל „אלע זײַנען דאָך ברידער פון איין גלויבן".

די אופגאבעס פון די קריסטלעכע פּראָפאריינען זײַנען: 1) פאר־שטארקן די הערשאפט פון דער קירכע איבער די מויכעס און באוויסט־זײַן פון די פּאָלקס־מאסן, 2) דערשלאָגן זיך און דערגרייכן די מיטאר־בעטערשאפט פון קלאסן — קלאסן־פרידן, 3) פארפעסטיקן די קירכע אלס א געזעלשאפטלעכע קראפט און 4) אָפּציִען די ארבעטער פון די קלאסן־אָרגאניזאציעס, אָפּווענדן זיי פון קלאסנקאמף.

די גרונט־אופגאבע פון די קריסטלעכע פּראָפאריינען איז — דער־ציִען די ארבעטער אין גײַסט פון „קלאסן־שאָלעמ", ד. ה. אזוי דער־ציִען די ארבעטער, אז זיי זאָלן זיך האכנאָעדיק אונטערוואַרפן און דולדן דעם יאָך פון די „ברידער" — קאפּיטאליסטן, ווי אויך אָפּציִען זיי פון די קלאסן־אָרגאניזאציעס, ארבעטער־פּארטייען, פּראָפאריינען א. אז. וו.

דידאָזיקע קריסטלעכע פּראָפאריינען, וואָס ארבעטן אונטער דער אָנפירונג פון גײַסטלעכע, האָבן נאָך, צום באדויערן, אין א טייל לענ־דער א היפש גרויסע ווירקונג אפ די ארבעטער־מאסן. אזוי, אשטייגער, האָבן די קריסטלעכע פּראָפאריינען אין בעלגיע סאָפ 1925 י. געהאט 150,000 מיטגלידער (די מענשעוויסטישע פּראָפאריינען אין בעלגיע האָבן 595,000 מיטגלידער, און די, וואָס שטייען צו צום רויטן פּראָ־פינטערן, האָבן סאכאקל 8,000 מיטגלידער). אפן בײַשפּיל פון בעלגיע

איז זייער לײַכט צו באַווײַזן, וויאַזוי עס האָבן זיך געשאַפן דידאָזיקע קלעריקאַלע „אַרבעטער"־אָרגאַניזאַציעס.

וואָס שטאַרקער ס'איז געוואָרן די אַרבעטער־באַוועגונג אין בעלגיע, אַלץ אײַפֿערדיקער און ענערגישער האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטן געווענדעט צו דער קאַטוילישער קירכע, זעענדיק אין איר פֿעריקן יענע אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף אָפּשוואַכן די אַרבעטער־באַוועגונג.

די גרויסע ווירקונג אַף די בעלגישע אַרבעטער האָט די קאַטוילישע קירכע דערגרייכט מיט דער הילף פֿון פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרבעטן, צום באַדויערן, אויסערגעוויינלעך גוט. דאָ האָט איר — אָפּרור־הײַזער, ספּעציעלע הײַזער אַזוינע פֿאַר אַרבעטער, וווּ עס ווערן געגעבן אומזיסטע קאָנצערטן, דאָ האָט איר קאָאָפּעראַטיוון, געזעלשאַפֿטן פֿון קעגנזײַטיקער הילף און אַ גאַנצע ריי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

דאָסזעלבע, אַשטייגער, איז געווען אויך אין רורער געגנט. ווי נאָר די אַרבעטער האָבן דאָ געגרינדעט דעם „פֿאַריין פֿון קוילנגרעבער", אַזוי איז דאָ באַלד אַלס קעגנגעוויכט צו אים געשאַפֿן געוואָרן דער „קריסטלעכער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַריין פֿון קוילנגרעבער".

כאָטש אין שפּיץ פֿון דעמדאָזיקן פֿאַריין האָבן זיך געשטעלט גאַלאָכים, איז אָבער די פּאַקטישע אָנפֿירונג געווען אין די הענט פֿון די פֿאַבריקאַנטן.

די קריסטלעכע פּראָפֿפֿאַריינען זײַנען פֿאַראייניקט אין אַ צווישנפֿעלקערלעכער אָרגאַניזאַציע (דער ערשטער צווישנפֿעלקערלעכער קאָנגרעס איז פֿאָרגעקומען אין 1929 י.). די צווישנפֿעלקערלעכע פֿאַרייניקונג פֿון די קריסטלעכע פּראָפֿפֿאַריינען ציילט ביז 3.000.000 מיטגלידער. דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַל פֿון די קריסטלעכע פּראָפֿפֿאַריינען פֿאַרמאָגט אויך אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרייניקונגען לויט דער פּראָדוקציע (אַזוי איז פֿאַראַן אַ קריסטלעכער אינטערנאַציאָנאַל פֿון מעטאַליסטן, טעקסטילער, טראַנספּאָרטלער, שפּײַזלער א. א.).

די קריסטלעכע פּראָפֿפֿאַריינען זײַנען באַזונדערס שטאַרק אין די לענדער, וווּ עס איז פֿאַראַן אַ גרויסער פּראָצענט אַרבעטער־קאַטאָליקן.

לויט די הויפּט־לענדער איז די צאָל מיטגלידער אין די קריסטלעכע פּראָפֿפֿאַריינען אַזוי פֿאַנאַנדערגעטיילט[1]:

1) „פּראָפֿפֿראָפּאַגאַנדע און קולטאַרבעט" — בולעטין פֿונעם פּראָפֿינטערן, נומ. 8—7, 1929־טן יאָר.

לענדער	די צאָל מיטגלידער אינ די קריסטלעכע פראָפאריינע
דײַטשלאנד	630.000
איטאליע	400.000
בעלגיע	150.000
נידערלאנד	146.029
פראנקרײַכ	102.000
אונגארנ	118.000
פוילנ	*) 193.000
שפאניע	100.000
טשעכאָ-סלאָוואקיע	120.000
עסטרײַכ	30.000
שווייצ	11.000

די קלעריקאלע פראָפאָרגאניזאציעס — דאָס זײַנענ שטרײַקברעכערי־שע אָרגאניזאציעס. זיי זײַנענ געשאפנ געוואָרנ בלויז מיטנ צוועק, קע־דיי ארונטערצורײַסנ שטרײַקנ, קעדיי צו שטערנ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג.

ניט אומזיסט ווערט אינ פראָגראַם פונ קאָמינטערנ וועגנ דידאָזיקע פראָפאריינע אזוי געזאָגט:

„די קאָנפעסיאָנעלע רעליגיעז־באפארבעטעשטרעמונגענ אינעם אר־בעטער־קלאס געפינענ זייער אויסדרוק אינ די קאָנפעסיאָנעלע פראָפע־סיאָנעלע פאריינענ, וואָס זײַנענ זייער אָפט דירעקט פארבונדנ מיט די אנטשפרעכיקע פּאָליטישע אָרגאניזאציעס פונ דער בורזשו־אזיע אונ שטייענ־צו צו דער אָדער יענער קירכלעכער אָרגאניזאציע פונעמ הערשנדיקנ קלאס (די קאטוילישע פראָפעסיאָנעלע פאריינענ, די קריסטלעכע יוגנט־פארבאנדנ, די יידישע ציאָניסטישע אָרגאניזאציעס א. ד. גל.) דידאָזיקע אלע שטרעמונגענ, זײַענדיק דער בולעטסטער פראָדוקט פונ דער אידעאָלאָגישער ווירקונג אפ אייניקע שיכטנ פונעמ פראָלעטאריאט, טראָגנ צומײַנסטנ א ראָמאַנטיש־פעאָדאלע באפארבונג.

*) די יעדיעס זײַנענ פארנ 1-טנ יאנוואר 1928 יאָר,

„באהײליקנדיק מיט דער הײליקער װאסער פונ דער רעליגיִע אלע נידערטרעכטיקײַטנ אונ געמײנקײַטנ פונעמ קאפּיטאליסטישנ רעזשימ, טעראָריזירנדיק די גלױבנדיקע אײדע מיט געשפּענסטער פונ די באַשטראָפונגענ אפ יענער װעלט, — זײַנענ די אָנפירער פונ דידאָזיקע אָרגאניזאציעס די רעאקציאָנערסטע מאכנעס פונעמ קלאסנפײַנט אינעמ לאגער פונ פּראָלעטאריאט” *).

דעמ בעסטנ באװײַז פונ דערדאָזיקער האנאָכע אינ דער פּראָגראמ פונ קאָמינטערנ גיבנ די קלאסנ־צוזאמענשטויסנ פונ די ארבעטער (די שטרײַקנ פונ די טעקסטיל־ארבעטער אינ בעלגיע אונ פראנקרײַכ, די שטרײַקנ אינ דײַטשלאנד, עסטרײַכ, פּױלנ אונ אנדערע לענדער), בעת װעלכע די קריסטלעכע פּראָפּארײנעג פּאראטנ די ארבעטער אינעמ סאַמע אנטשײדנדיקנ מאָמענט אונ גײענ אפ פּשאָרעס מיט די אונטער־נעמער.

די קריסטלעכע פּראָפּארײנעג פּארטײדיקנ צומאָל די אינטערעסנ פונ די ארבעטער, זײ גײענ אײַנ אפילע אינ באזונדערע פאלנ אפ שטרײַקנ. זײ טוענ עס אָבער צוליב דעמ, קעדײ צו קענענ װאָס גיכער ארונטערײַסנ זײ אונ פּארשטאָרקנ בא די ארבעטער די איבערצײַגונג אינ דער נוצלאָזיקײַט אונ אומנײטיקײַט פונעמ רעװאָלוציאָנערנ קאמפּ; קעדײ צו דערװײַזנ, אז דער פרידלעכער װעג איז דער בעסטער אפ צו לײזנ די קלאסנ־קאָנפליקטנ.

אײנער פונ די אָנפירער פונ א בעלגישער שול פאר קריסטלעכע ארבעטער, זשאָזעפ ארענדט, האָט מיט אזױנע װערטער אויסגעדריקט די נוצלעכקײַט פונ די קריסטלעכע פּראָפּארײנעג: „דער מענטש, װאָס הײבט נאָר אָנ פּארזוכנ אונ געניסנ פונ די גײַסטיקע פרײד, קענ זיכ אסאך לײַכטער אָפּזאָגנ פונ די גראָבע קערפּערלעכע פארגעניגנס, װאָס פּארקנעכטנ אונ דערנידעריקנ אימ”.

אפ פּראָסט מאמע־לאָשנ הײסט דאָס: דער מענטש, װאָס גיט זיכ אונטער דער װירקונג פונ רעליגיע, זאָגט זיכ גאנצ לײַכט אָפּ פונ „די גראָבע קערפּערלעכע פארגעניגנס”, ד. ה. פונעמ קאמפּ פאר א העכערנ ארבעטלױנ, פאר אנ אכטשאָעדיקנ ארבעטס־טאָג א. אז. װ.

---

*) „פּראָגראמ פונ קאָמינטערנ”.

א גרויסנ אינטערעס שטעלט מיט זיכ פאר די פראגע וועגנ דעמ, ווי די הייַנטצייַטיקע גייַסטלעכע פרוווּנ זיכ צושמירנ צו דער ארבעטער־באוועגונג, איבערפארבנדיק זיכ צוליב דעמ אינ א רויטנ קאליר, ווענ עס איז נייטיק.

אינ אפרעל 1929 י. האבנ די אמעריקאנער יידישע צייַטונגענ מיטגעטיילט פונ באלטימארע וועגנ אנ אנקעטע, וואס מע האט דורכגעפירט צווישנ די ארטיקע יידישע ראבאנימ. אינ זייערע ענטפערס האבנ די ראבאנימ אונטערגעשטראכנ, אז זיי זייַנענ פרייַנט פונ די ארבעטער. זיי האבנ דערקלערט, אז זיי זייַנענ גרייט אפילע צו גייענ אפ רעפארמעס פונעמ קולט, אבי דאס זאל זיי נאר געבנ א מעגלעכקייַט נעענטער צוגייענ צו די ארבעטער.

פונקט אזוי פראיעקטירט אויכ די קאטוילישע קירכ אייַנצופירנ ספעציעלע ארבעטער־יאנטויווימ.

אויב אינ פסר״ר טרעטנ איצט ארויס די סעקטאנטנ מיט דערקלערונגענ, אז קריסטוס איז „לויט דער סאציאלער לאגע — א פראלעטאריער אונ א זונ פונ אָרעמע האנטווערקער״, מייַנענדיק כאטש מיט דער „פראלעטארישער״ אפשטאמונג פונ זייער גאט צו געווינענ די סימפאטיע פונ די ארבעטנדיקע, — איז אינ אויסלאנד ווענדעט אנ די קירכ אלערליי מיטלענ, פרווּוט זיכ אפ פארשיידענע אופאנימ אונ וועגנ צו געווינענ די סימפאטיע פונ די ארבעטער, זייער צוטרוי — אונ דערמיט גופע בעסער צו פארווירקלעכנ די אופגאבעס, וואס די בורזשואזיע לייגט אפ זיי ארופ.

דער קאמפ פאר דער ווירקונג אפנ פויערטומ

נאר אינ צוזאמענבונד אונ אונטער דער אנפירונג פונעמ ארבעטער־קלאס וועט דאס פויערטומ קענענ ארָאפוואַרפנ פונ זיכ דעמ יאכ פונ די קאפיטאליסטנ, פריצימ אונ באלעגופימ.

דאס צעשטויבטע, ניט־ארגאניזירטע פויערטומ איז ניט איינמאל שוינ, אינ מעשעכ פונ א דריי יארהונדערטער, אופגעשטאנענ קעגנ די פריצימ, באיארנ אונ פירשטנ. אבער קיינמאל האבנ די פויערטומ־אופשטאנדנ ניט געהאט קיינ לאנגדויערנדיקנ דערפאלג.

נאָר אונטער דער אָנפירונג פונעם אָרגאַניזירטנ אַרבעטער־קלאַס, וואָס קעמפט פארנ קאָמוניזמ, וועלנ די אָרעמע אונ מיטעלע פויערימ זיכ דערשלאָגנ די פולשטענדיקע באפרייונג פונעמ פריצישנ יאָכ אונ פונ די קנעכטישע עקזיסטענצ־באַדינגונגענ, צו וועלכע זיי זיינענ פארמישפּעט אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט.

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט פארשטייט גאַנצ גוט מיט וואָס סע שמעקט, וואָס פאר א געפאַר עס איז פאר איר אזא צוזאַמענבונד פונעמ אַרבעטער־קלאַס מיטנ פויערטומ. דעריבער טאַקע שטרעבט זי מיט אַלערליי מיטלענ ניט צו דערלאָזנ דעמדאָזיקנ צוזאַמענבונד.

די בורזשואַזיע זוכט אויכ א „צוזאַמענשלוס" (סמיטשקע) מיטנ פויערטומ, פרווונדיק אנקעגנשטעלנ דאָס פויערטומ דעמ אַרבעטער־קלאַס, אָרגאַניזירנ דאָס פויערטומ אַלס אָנשפּאַר פאר זיכ אינ די קומענדיקע רעוואָליוציאָנערע שלאַכטנ. צו דעמ צוועק נוצט אויס די בורזשואַזיע גאַנצ ברייט די רעליגיע. עס ווערנ אָרגאַניזירט קאַטוילישע קרעדיט־בענק, קריסטלעכע קאָאָפּעראַציווע, קריסטלעכע פּאָליטישע פאַרטייענ אונ א גאַנצע ריי רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, געשאַפענע ספּעציעל אפ צו פאַרשטאַרקנ די רעליגיע צווישנ דעמ פויערטומ. דורכ די רעליגיעזע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע אונ אויפקלערערישע אָרגאַניזאַציעס פּרווט די בורזשואַזיע אַריינצונעמענ אונטער איר ווירקונג דאָס פויערטומ.

אָט איז א ביישפּיל, וויאַזוי די גייסטלעכע אינ בעלגיע האָבנ דורכ דער קאָאָפּעראַציע אַריינגענומענ דעמ פויער אינ זייערע לאַפּעס.

אינ בעלגיע איז פאַראַנ א פויערימ־אָרגאַניזאַציע מיטנ נאָמענ „פויערימ־בונד". דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע געפינט זיכ אונטער דער אָנפירונג פונ גייסטלעכע. סאָפ 1927־טנ יאָר האָט דערדאָזיקער פויערימ־פאַרבאַנד פאַרייניקט 1.184 אָרטיקע קעמערלעכ מיט 112.978 פאַמיליעס. די יוגנט־סעקציע פונעמ פאַרבאַנד ציילט 15.000 מיטגלידער.

די ווירקונג אפ די פויערימ ווערט דורכגעפירט דורכ די געהעריקע עקאָנאָמישע מאָסמיטלענ, וואָס שטעלנ דעמ פויער אינ אנ אָפּהענגיקער לאַגע פונעמ „פויערימ־בונד". דער פאַרבאַנד קויפט איינ רויוואַרג, טוראָוש, באַגיטיקונג אונ אַנדערע זאַכנ פאר זיינע מיטגלידער אונ פאַרקויפט זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטנ, סטראַבירט פונ אומגליקפאַלנ א. אז. וו. אינ פּראַקטיק פונ פּאָליטיק האַלט אונטער דידאָזיקע

פויערים־אָרגאַניזאַציע די קאַטוילישע קירכ און ווערט אַלײנ אָנגעפירט דורכ קאַטוילישע גאַלאָכים. ס׳איז, פאַרשטײט זיכ, איבעריק צו זאָגנ, אַז דאָס איז אַנ אויסערגעוויינלעכ־רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציע.

די קריסטלעכע קאָאָפּעראַציע איז אײנע פונ די שטאַרקסטע ווערק־ציַיג אינ די הענט פונ דער קירכ. מיט איר הילפ פאַרשפּרײט די קירכ איר ווירקונג אַפנ פויערטום. די גאַנצע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּע־ראַציע אינ בעלגיע געפינט זיכ אינ די הענט פונ דער קאַטוילישער קירכ. אינ דער פאַרוואַלטונג פונ יעדנ קאָאָפּעראַטיוו מוז אומבאַדינגט אַרײַנגײנ דער אָרטיקער גאַלעכ. פונ די, וואָס ווילנ אַרײַנטרעטנ אַלס מיט־גלידער אינ קאָאָפּעראַטיוו אָדער קרעדיט־קאַסע, פאָדערט זיכ: 1) זײַנ אַ מיטגליד פונ דער קאַטוילישער קירכ, 2) געוויסנהאַפט און פלײַסיק אויספילנ אַלע רעליגיעזע ריטואַלנ.

ס׳איז נײטיק אָנצוווײַזנ, אַז די קריסטלעכע קאָאָפּעראַציע האָט אָנ־געהויבנ שטאַרק צו וואַקסנ ערשט נאָכדעם, ווי ס׳איז קלאָר געוואָרנ, אַז די אַלגעמײנע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס אַרבעטנ אונטער דער אָנפי־רונג פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ. אַלס קעגנגעוויכט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ, קעדײ אָפּצוציענ פונ איר די מאַסנ, האָט די קאַטוילישע קירכ אָנגעהויבנ שאַפנ קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוונ.

די קריסטלעכע קאָאָפּעראַציע איז אַ דערשײַנונג ניט בלויז נאָר אינ בעלגיע. קעדײ אָפּצוציענ די פויערים פונ דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג, האָבנ אינ אונגאַרנ די גײַסטלעכע און פּריצים נאָכ אינ 1898 י. אָנגעהויבנ שאַפנ קאָאָפּעראַטיווג; זײער ציל איז געווענ — דורכ געבנ די פויערים קלײנ־קרעדיט האַלטנ זײ אינ אָפּהענגיקײט פונ די גאַלאָכים און פּריצים.

אינ עסטרײַכ האָט זיכ אינ 1921 י. געגרינדעט אַ פאַרבאַנד פונ קריסטלעכע געבּרויכ־געזעלשאַפטנ. אַזוינע פאַרבאַנדנ עקזיסטירנ אויכ אינ דער שווײצ, אינ האָלאַנד. אינ האָלאַנד האָט זיכ דער פאַרבאַנד געגרינ־דעט אינ 1914־טנ יאָר, און אינ 1922־טנ יאָר האָט ער געצײלט 40.000 מיטגלידער. אינ 1921־טנ יאָר האָט זיכ דאָ נאָכ אויכ געגרינדעט אַ פּראָטעסטאַנטישער פאַרבאַנד פונ געבּרויכ־געזעלשאַפטנ.

אינ דײַטשלאַנד האָבנ די פּריצים, קעדײ צו נעמענ דאָס פויערטום אונטער זײער אַפּעטראָפּסטװ און ווירקונג, צעוואָרפנ איבערנ לאַנד אַ

גאנצע נעצ פונ קאָאָפּעראַטיװנ, אינ װעלכע די אָנפירנדיקע ראָלע שפּילנ די גאלאָכים.

אינ טשעכאָ־סלאָװאקיע האָט די קלעריקאלע פּארטײ געשאפנ אנ אײגענע קאָאָפּעראַטיװע באװעגונג, װאָס כאפּט הויפּטזעכלעכ ארום דאָס פּויערטום אונ דאָס שטאָטישע קלײנבירגערטום.

אזוי ארום, אויסנעבנדיק זיכ פאר פרײַנט פונ די פּויערים, געבנדיק זײ קלײנע האלװאָעס, קרעדיט, פּרוװנ די בורזשואזיע אונ די פּריצים דורכ דער קריסטלעכער קאָאָפּעראַציע, מיט דער מיטהילפ פונ די גאלאָכים, װאָס פירנ דאָרט אָנ, אָפּצײַענ די פּויערים פונ דער רעװאָליוציאָנערער באװעגונג, אָפּװענדנ זײ פונעם רעװאָליוציאָנערנ קאמפּ, דערציענ אונ אנטװיקלענ בא זײ א האס אונ א פײַנטשאפט צו דער ארבעטער־באװעגונג ביכלאל אונ צום קאָמוניזם ביפראט.

קאמפּ פאר דער יוגנט

די פּראגע, נאָכ װעמענ ס'װעט גײנ די יוגנט, אינטערעסירט זײער אונ זײער די בורזשואזיע פּונקט אזוי, װי דאָס אינטערעסירט אויכ דעם ארבעטער־קלאס.

צי װעלנ די יונגע ארבעטער אונ פּויערים אויסװאקסנ באװוסטזיניקע קעמפער פאר דער זאכ פונ ארבעטער־קלאס, אָדער פארקערט, — די הערשנדיקע קלאסנ װעלנ קאָנענ מאכנ פונ זײ פארטײדיקער אונ באשיצער פונ דער קאפּיטאליסטישער קנעכטשאפט? — די בורזשואזיע שטרעבט מיט אלע מעגלעכקײטנ ארומצוכאפּנ דעם יונגנ דאָר פונעם ארבעטער־קלאס אונ פּויערטום מיט איר אײַנפלוס, אונ מע דארפ מודע זײַנ, אז אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער האָט נאָכ ניט דער ארבעטער־קלאס אזא װירקונג אפ זײַנ אונטערװאקסנדיקנ דאָר אונ אפנ אונטערװאקסנדיקנ דאָר פונ די פּויערים, װי דאָס האָט אפ זײ די בורזשואזיע. דידאָזיקע װירקונג פונ דער בורזשואזיע אפנ אונטערװאקסנדיקנ דאָר פונ די ארבעטנדיקע װערט דערגרײכט דורכ די שולנ, קלובנ, ביכער, דורכ דער פּרעסע, קינאָ, — דורכ דער גאנצער בילדונג־אונ דערציונג־סיסטעם.

ניט קײנ קלענערע ראָלע אינ דעם פראט שפּילט די קירכ. זי אָרגאניזירט די יוגנט אונ דערציט זי אינ גײַסט פונ „ליבע, זעלבסט־באררײקונג אונ אלפּארצײַונג".

וועגן די רעליגיעזע ארגאניזאציעס פון דער יוגנט קען מען אורטיילן לויט דערדאזיקער טאבעלע:

לענדער 1)	צאל מיטגלידער אין די רעליגיעזע יוגנט־ארגאניזאציעס	צאל מיטגלידער אין די קאמיוגישע ארגאניזאציעס	צאל מיטגלידער אין די ס. ד. יוגנט־פארבאנדן
דייטשלאנד	1,400,000	20,000	(2 90,000
איטאליע	600,000	איצט 11,000. און צו דער צייט ווען די פאשיסטן האבן זיי צעטריבן 40,000	גיטא קיין ידיעות
בעלגיע	450,000	בא 500 מיטגלידער	10,000
פראנקרייך	180,000	14,000	2,500
טשעכא־סלאוואקיע .	180,000	14,000	9,000
פוילן	100,000	4,000 — דער קאמיוג איז פארטריבן אין אונטערערד.	6,450
עסטרייך	87,000	1,000	20,000
ענגלאנד		(2 800	5,000
אמעריקע	(3 1,800,00	2,000	3,000
(צוזאמען)			

1) אכוץ די אנגעוויזענע לענדער, עקזיסטירן אזוינע ארגאניזאציעס, אין דער אדער אין אן אנדער פארם, אויך אין אנדערע לענדער.
2) אצינד — 56,000 מיטגלידער.
3) דאס איז בלויז די צאל פון דער קריסטלעכער יוגנט־געזעלשאפט. אלע רעליגיעזע יוגנטלעכע ארגאניזאציעס אין אמעריקע ציילן עטלעכע מיליאן מיטגלידער.

דידאזיקע ציפערן געהערן צום 1925־טן יאר, זיי זיינען צונויפגעשטעלט לויט די זשורנאלן פון „קים", דער ארגאן פון אויספירקאם פון „קים" (קאמוניסטישער יוגנט־אינטערנאציאנאל) און צ. ק. פון אל. ק. יו. פ., טיילווייז אויך לויט די באריכטן פון דער רוסישער דעלעגאציע אין „קים" אפן אלפארבאנדישן צוזאמענפאר פון אל. ל. ק. יו. פ. בא היינטיקן טאג האט זיך די צאל מיטגלידער אין קאמיוג אין אייך טייל לענדער פארגרעסערט, און אין אן אנדער טייל לענדער — פארקלענערט. אין אלגעמיין אבער איז דאס בילד אזא, ווי ס'איז געוויזן אפ דער טאבעלע.

ס'איז אָנ שומ סאָפעק, אַז אינ דידאָזיקע געבראַכטע ציפערנ האָבנ סײַ די רעליגיעזע, סײַ די מענשעוויסטישע יוגנט־פאַרבאַנדנ אַביסל אי־בערגעטריבנ די צאָל פונעמ באַשטאַנד פונ זייערע מיטגלידער.

דאָך אָבער קאָנ מענ, אַפנ סמאַך פונ דער־דאָזיקער טאַבעלע, גאַנצ זיכער זאָגנ, אַז די רעליגיעזע יוגנט־אַרבאַנדנ שטײַגנ אינ אַסאַך מאָל אַריבער סײַ די קאָמיוגישע, סײַ די מענשעוויסטישע.

אונ ס'איז גאָר קײנ כידעש ניט: די בורזשואַזיע קאַרגט ניט קײנע מיטלענ אַפ אויסצוהאַלטנ דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס. אינ דערזעלבער צײַט קומט אויס דעמ קאָמיוג, אינ א רײ לענדער צו אַרבעטנ אינ אונטערערד, אינ באַדינגונגענ פונ ווײַסנ טעראָר, אָנ מיטלענ אונ דערפאַרונג אינ דער אַרבעט, וואָס דאָס פאַרמאָגנ די בורזשואַזע יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

עס עקזיסטירט אויך א קאַטוילישער יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אַפנ קאָנגרעס דעמ 9־טנ סענטיאַבער 1921 יאָר אינ דער שטאָט רוימ, ווו עס זײַנענ בײַגעווענ פאָרשטייער פונ 27 לענדער. בא הײַנטיקנ טאָג פאַרמאָגט דער קאַטוילישער אינטערנאַציאָנאַל בא 30.000.000 מיטגלידער. די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע זײַנע איז די איטאַ־ליענישע — די „איטאַליעניש־קאַטוילישע יוגנט־געזעלשאַפט", וואָס ציילט בא 600.000 מיטגלידער.

מיינט איר עפשער, אַז דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס באַשטייענ פונ בור־זשואַזע זינדלעך? — האָט איר גראָד א טאָעס. די גאַנצע זאַך טאַקע באַשטייט אינ דעמ, וואָס דאָ ווערט באַאַרבעט דער באַוווסטזײַנ פונ פראָלעטאַרישע קינדער. דאָס סאַמט מענ זיי אָפ מיט רעליגיעזנ גיפט, מע דערציט פונ זיי מענטשנ, וואָס באַציִענ זיך פײַנטלעך צו די אינטערעס פונ זייער קלאַס. אָט איז, אַשטייגער, פאַראַנ אינ דײַטשלאַנד א קאַטוילישער פאַרבאַנד פונ יונגע ייִנגלעך אונ מיידלעך, וואָס פאַרמאָגט 382.000 מיטגלי־דער. דער סאָציאַלער באַשטאַנד פונעמ דאָזיקנ פאַרבאַנד איז אינ 1925־טנ י. געווענ אַזאַ (אינ פראָצענטנ):

אַרבעטער	45,0
האַנטווערקער	20,6
דאָרפישע יוגנט	10
קאָמערסאַנטנ	5,9
לערנ־יוגנט	4,9
באַאַמטע	3,3

אזוי ארום זעט איר, אז בורזשואזע זינדלעכ זײַנענ דאָ פאראנ
וויניק. דער גרעסטער טייל זײַנענ דאָ קינדער פונ ארבעטער, האנט־
ווערקער אונ פויערים.

צוליב דעמ, קעדיי ארײַנצוציִענ די יוגנט אינ זייער נעצ, פארמאָגנ
דידאָזיקע אָרגאניזאציִעס נים בלויז געלט, נאָר אויכ קלובנ, ביבליאָטעקנ
שולנ, גאָרקיכנ א. א. וו. ביז שוצ אונ שטיצע מיצאד דער מאכט אונ
די אונטערנעמער.

אזוינע יוגנטלעכע אָרגאניזאציעס ווערנ געשאפנ ניט בלויז דורכ דער
קריסטלעכער קירכ. אינ אמעריקע האָבנ די ייִדישע ראבאָנימ, מיטנ ציל
צו קעמפנ קעגנ דער וואקסנדיקער אפיקאָרסעס צווישנ די ייִדנ, געשאפנ
א ייִדישנ פארבאנד פונ יוגנטלײַט. פונקט ווי דער פארבאנד פונ
קריסטלעכע יונגלײַט, אזוי פארמאָגנ אויכ זיי זייערע אייגענע קלובנ,
ספעציִעלע הײַזער, שולנ, קורסנ, גאָרקיכנ אונ פירנ א גרויסע פראָפא־
גאנדיסטישע ארבעט צווישנ דער יוגנט.

אָט זײַנענ אייניקע יעדיִעס וועגנ איינער אזא רעליגיִעזער אָרגאני־
אציע צווישנ דער ייִדישער יוגנט—„יאָנג איזראעל" (יונגער ייִסראָעל)
דידאָזיקע קלעריקאלע אָרטאָדאָקסישע אָרגאניזאציע פאראייניקט די ייִדי־
שע יוגנט אינ עלטער פונ 16 ביז 31 יאָר אונ האָט איר צענטער אינ
ניו־יאָרק. אזא אָרגאניזאציע עקזיסטירט אויכ אינ ענגלאנד, קאנאדע
אונ אינ אייניקע שטעט פונ אפריקע.

בא יעדער אָפטיילונג פונעמ פאריינ „יונגער ייִסראָעל" איז פאראנ א
מינ סינאגאָגע־קלוב. אינ ניו־יאָרק, וווּ סע געפינענ זיכ העכער 20
אָפטיילונגענ אזוינע, זײַנענ פאראנ סינאגאָגעס־קלובנ אונ טאלמודיש־
ביבלישע קורסנ, וואָס פירנ זייער ארבעט יעדנ שאבעס אונ אלע אָוונט.
די פראָגראמ פונ דידאָזיקע קורסנ איז א פארשיידנארטיקע, דאָ לערנט
מענ טוירע, טאנאכ, טאלמוד, די העברעיִשע שפראכ, געשיכטע פונ ייִ־
דישנ פאָלק, פארשיידענע אלגעמיינע לימודימ אונ צומאָל טאנצנ אפילע.
קימאט אפ אלע ניו־יאָרקער קורסנ קומענ פאָר רעגולער טאנצ־אָוונטנ,
אפ וועלכע מע דערלערנט די אלע נײַסטע פאָקסטראָטנ. יעדער שילער
אָדער שילערנ פונ די קורסנ קענ ניט ערגער פונ די ראבאָנימ אליינ
האלטנ א שיינע דראָשע אפ א טאלמודישער טעמע אונ אינ דערוועלבער
צײַט גאנצ פײַנ טאנצנ.

אכוץ דער רעליגיעזער דערציִונג פירט דער „יונגער יִסראָעל" אנ אקטיוונ קאמפ פארנ אָפּהיטנ דעמ שאבעס אלס רעליגיעזנ יאָנטעוו־טאָג; דער „יונגער יִסראעל" האָט אפילע אָרגאניזירט א ספּעציעלע פּארמיטלונג־ביוראָ, וואָס שיקט אפּ ארבעט די, וואָס ווילנ ניט ארבעטנ אומ שאבעס. דידאָזיקע ביוראָ, וואָס ווערבירט ארבעטער פונ פארשיידענע נאציִאָנאליטעטנ, האָבנ די קאפּיטאליסטנ שטארק אונטערשטיצט. די סיבע פונ דערדאָזיקער אונטערשטיצונג איז גאנצ פארשטענדלעכ: אונטערנ לאָזונג פונ קאמפ פאר שאבעס שטעלט צו די ראבאָנישע אָרגאניזאציע „יונגער יִסראָעל" ביליקע יונגע ארבעט־קראפט די קאפּיטאליסטנ. אונ פאר דערדאָזיקער ארבעט, פאר דער „קאָמיסיאָנ", באקומט, פארשטייט זיכ, די ביוראָ געלט. די מערהייט אינ דער אָרגאניזאציע שאפנ די הענדלער אונ די אינטעליגענצ. ווערבירנ ארבעטער גיט זיכ איינ דעמ פארבאנד „יונגער יִסראָעל" נאָר מיט דער הילפ פונ דער ארבעטגעברישער ביוראָ. דידאָזיקע ארבעטער לאָזט מענ צו צו באטייליקנ זיכ אינ דער אָרגאניזאציע ערשט נאָכ א געהעריקער באארבעטונג. פונ די מיטגלידער אינעמ פארבאנד „יונגער יִסראָעל" גרייטנ צו די ראבאָנימ קאָדרענ פּראָפּאגאנדיסטנ פאר דער רעליגיע.

א גרויסע ארבעט צווישנ דער יוגנט פירט די קאטוילישע קירכ. אכוץ דעמ קאטוילישנ יוגנט־אינטערנאציִאָנאל, האָט זיכ איר איינגעגעבנ צו, שאפנ א גאנצע ריי קאטוילישע אָרגאניזאציעס פונ סטודענטנ, מיידלעכ לערנ־יוגנט א. א. וו. אינ 1920 יאָר האָט די רוימיש־קאטוילישע קירכ דערפונדנ אפילע א ספּעציעלנ הייליקנ — א באשיצער אונ פארטיידיקער פונ דער יוגנט.

אינ פראנקרייכ, בעלגיע אונ אינ אנדערע לענדער האָט די קאטוילישע קירכ געשאפנ ספּעציעלע אָרגאניזאציעס פונ דער קריסטלעכער ארבעטער־יוגנט. מיר האָבנ יעדיִעס וועגנ דעמ קאָנגרעס פונ דער בעלגישער אָרגאניזאציע פונ „יונגע קריסטלעכע ארבעטער", וואָס איז פאָרגעקומענ דעמ 6־טנ אָקטיאבער 1929 יאָר אינ בריוסעל. דער הויפּט־פאָרטרעגער אפנ דאָזיקנ קאָנגרעס, דער גאלעכ רענאָלד, האָט געפאָדערט א ענגנ צונויפבונד פונ דער ארבעט פונ די יוגנטלעכע אָרגאניזאציעס מיט דער קאטוילישער קירכ אונ מיט די קאטוילישע פארטייענ. ער האָט געפאָדערט א פּאסיקנ אונ אויפמערקזאמענ צוגאנג צו דער ארבעטער־

יוגנט, מאכמעס דאָס אריינציִען זיי אין די רייען פון דער קירך איז בא הײַנטיקן טאָג איינע פון די „ערשטע אופגאבעס״.

אין דידאָזיקע אָרגאניזאציעס גייט די ארבעטער־יוגנט, פריִער פון אלץ, צוליב דער מעגלעכקייט אָנצוקומען וואָס גיכער אפ ארבעט, און איין קיין שום פאל ניט צוליב שטארקע רעליגיִעזע טטימולן. ווי א קלאל, זיינען די קאטוילישע יוגנט־אָרגאניזאציעס (ווי, אגעוו, אלע קלעריקאלע יוגנט־אָרגאניזאציעס בכלל) זייער ענג צונויפגעבונדן מיטן פאשיזם.

די קאטוילישע יוגנט־אָרגאניזאציעס אין פראנקרייך שטייען זייער נאָענט צו די ראָיאליסטן (מאָנארכיסטן) און ווערן אָנגעפירט דורכן פי־רער פון די פאשיסטן, דורך דעם גענעראל קאָסטעלנאָ.

די פאשיסטישע יוגנט־אָרגאניזאציע „יונגדאָ״ אין דייטשלאנד, די פא־שיסטישע „קאָלומבוס־ריטערס״ אין אמעריקע א. א. ארבעטן האנט בא האנט מיט דער קירך. די קירך נוצט אויס אויך ספאָרט מיטן ציל צו פארשטארקן איר ווירקונג אפ דער יוגנט.

אין דייטשלאנד ציילן די בורזשואזע ספאָרט־אָרגאניזאציעס 5.600.000 מיטגלידער. פון זיי זיינען די גרעסטע מערהייט — יוגנטלעכע. עס זיינען פאראן אויך אזוינע ספאָרט־אָרגאניזאציעס, וואָס זיינען ענג צונויפגע־בונדן מיט דער קירך.

אין פוילן געפינט זיך די בויסקאוטישע אָרגאניזאציע, וואָס פאר־מאָגט 400.000 מיטגלידער, אונטער דער דירעקטערווירקונג פון די רעכטע פארטייען און קסיאָנדזן.

אָנהייב 1929 י. איז פאָרגעקומען אין פאריזש א קאָנפערענץ פון די קאטוילישע ספאָרט־פאריינען.

אפ דער קאָנפערענץ איז באשלאָסן געוואָרן צו גרינדן א קאָטוי־לישן ספאָרט־אינטערנאציאָנאל, וואָס זאָל פארייניקן אלע קאטוילישע ספאָרט־אָרגאניזאציעס פון דער גאָרער וועלט.

אין טשעכאָ־סלאָוואקיע איז דאָס גאלאָכנטום געווען דער אָרגאני־זאטער פון דער מעכטיקסטער ספאָרט־גימנאסטישער געזעלשאפט „אָד־לער״, וואָס האָט געהאט בא 500.000 מיטגלידער. דידאָזיקע געזעלשאפט איז געשאפן געוואָרן דורך דער קאטוילישער קירך, אין קעגנזאץ צו דעם משעכישן ספאָרטיוון פאריין „סאָקאָל״—צוליב דעם, קעדיי דורך דערדאָזי־קער אָרגאניזאציע צוצוציִען די יוגנט צו דער קירך. די אָנפירער פון

דערדאָזיקער אָרגאניזאציע אינ טשעכאָ־סלאָוואקיע זײַנענ—דער מיניס־
טער־עפּיסקאָפּ שראמעק אונ דער גאלעכ אנדריי גלינקע.

אזוי ארומ האָבנ די גײַסטלעכע געקענט, אדאנק דער גרויסער געלט־שטיצע אונ פארשיידענער אנדערער מיטהילפ מיצאד די קאפיטאליסטנ, שאפנ א צעצווײַגטע נעצ פונ יוגנטלעכע אָרגאניזאציעס, ווו דער אונ־טערוואקסנדיקער דאָר פונ ארבעטער אונ פויערימ ווערט דערצויגנ אונ אנטוויקלט אינ דעמ נייטיקנ גײַסט פאר די קאפיטאליסטנ, ווו עס ווערט אָפּגעטויט יעדער רעוואָליוציאָנערער געדאנק, ווו עס גרייטנ זיכ קאדר־רענ פארנ פאשיזמ, קאדרענ פאר די בורזשואזע ארמייענ, ווו מ׳לערנט די פראָלעטארישע יוגנט צו האסנ אונ פײַנט האָבנ די ארבעטער־באַ־וועגונג, דעמ קאָמוניזמ, דאָס פאָטערלאנד פונ אלע ארבעטנדיקע—פסר״ר. דערפונ דרינגט ארויס א וויכטיקע אופגאבע פאר די קאָמפּארטייענ אונ קאָמ־יוג־אָרגאניזאציעס אינ אויסלאנד—פירנ אנ אנטירעליגיעזע ארבעט צווישנ דער יוגנט, מיטנ ציל צו צוריקגעווינענ זי בא די גײַסטלעכע אונ בא דער בורזשואזיע, ארויסנעמענ זי פונ זייער שעדלעכער ווירקונג.

קאמפּ פאר דער שול

א מעכטיק ווערקצײַג פאר דער רעליגיעזער פּראָפּאגאנדע איז אינ די בורזשואזע לענדער — די שול. פאר די לעצטע יאָרנ האָט די קירכ קימאט אינ אלע בורזשואזע לענדער פעסט ארײַנגעכאפּט די שול אינ אירע הענט.

אינ דײַטשלאנד איז אינ די יאָרנ 1927 אונ 1928 פאָרגעקומענ א הייסער קאמפּ ארומ דעמ פּראָיעקט פונעמ שול־געזעצ, לויט וועלכנ די שול ווערט איבערגעגעבנ אונטערנ קאָנטראָל פונ די גײַסטלעכע. דער פּראָיעקט פונעמ שול־געזעצ איז דורכגעפאלנ, נאָר דאָס הייסט אָבער ניט, אז די קירכ האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ איר קאמפּ פאר דער שול. דער געשלאָסענער קאָנקאָרדאט אינ 1929־טנ יאָר צווישנ פּרײַסנ אונ דער קאטוילישער קירכ האָט אויסערגעוויינלעכ פארשטארקט די פּאָזיציע פונ דער קירכ אינ שול. אינ וואָס דריקט זיכ עס אויס? — צוליב די אינ־טערעסנ פונ דער רעליגיע ווערט ארויסגעוואָרפנ פונ די דײַטשישע פאָלקשולנ נאטורקענטעניש, אָדער עס ווערנ געמאכט פארשיידענע פּרוווּנ

אונטערצוטראָגן די קינדער די נאַטורוויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען אַזוי, אַז זיי זאָלן „ניט ווידערשפּרעכן" דער רעליגיע און זאָלן ניט אַרויסרופן אין די קינדערשע מוחות קיינע ספקות אין דער ריכטיקייט פון די ביבלישע מעשׂיות.

אין בייערן און אין פּוילן האָט דאָס גאַלאַכנטום, לויטן אָפּמאַך מיטן רוימישן פּויפּסט, זייער אַ גרויסע מאַכט אין שול. אין די פּוילישע שולן איז אָבליגאַטאָריש איינגעפירט רעליגיעזע לימודים. אַפ אַ פאַרזאַמלונג פונעם לינקן פליגל פון לערער־פאַריין (אין 1929־טן יאָר) אין וואַרשע האָבן די לערער דערקלערט: „אַפ די לימודים פון רעליגיע אין שול פאַרטונקלען די קסיאָנדזן די קינדערשע מוחות מיט נאַרישע באָבע־מעשׂיות וועגן גאָט, וועלט־באַשאַפונג, הימל, גענעם, טייוואָלים — דערי־קערשט אָבער זאָרגן זיי זיך וועגן פאַרפעסטיקן די פּאָליציייִשע מאַכט".

און אָט טאַקע דערפאַר, וואָס בעיסן לימעד פון רעליגיע סטאַרען זיך די גייסטלעכע איינצוואָרצלען בא די קינדער איבערגעגעבנקייט צו דער פּאָליציייִשער מאַכט, האָט די בורזשואַזיע אין אַלע לענדער ברייט געעפנט פאַר זיי די טירן אין שול.

זייער שטאַרק זיינען אויך אין פּוילן די ייִדישע רעליגיעזע שולן. דאָרט זיינען פאַראַן 76 ישיבֿות. פאַרפאָלגנדיק די ייִדישע אַרבעטער און אָרעמשאַפט, שטיצט און האַלט אונטער די פּוילישע רעגירונג אין דערזעלביקער צייט די ייִדישע רעליגיע און די רעליגיעזע שול, ווייסנ־דיק גאַנץ גוט, אַז יעדע רעליגיע אַרבעט צום נוצן און אין די אינ־טערעסן פון קאַפּיטאַל.

אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע האָט אין 1928 יאָר, אין רעזולטאַט פונעם אָפּמאַך מיט דער רעגירונג, די קאַטוילישע קירך באַקומען די פאָלק־שול אין איר רעשות, אונטער איר קאָנטראָל.

אין ליטע איז נאָכן שליסן אַ קאָנקאָרדאַט מיטן וואַטיקאַן אין 1927 יאָר די שול און די דערציִונג פון דער יוגנט איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער קירך. אין 13־טן פּאַראַגראַף פונעם אָפּמאַך מיטן פּויפּסט ווערט געזאָגט, אַז מע דאַרף איינפירן לימודים פון רעליגיע אין די פאָלק־שולן.

אין ענגלאַנד געפינען זיך 57% אָנפאַנג־שולן אין די הענט פון דער קירך.

אין איטאליע האָט זיך, נאָך דעם, ווי ס'איז געשלאָסן געוואָרן א בונד צווישן דעם פאשיזם און וואטיקאן, שטארק פארגרעסערט די חויר־קונג פון די גייסטלעכע אין די שולן. אזוי איז די לאגע אין גאנץ אייראָפּע און אין אמעריקע. אפילע דאָרט, ווו די קירך איז אָפּגעטיילט פון דער מעלוכע, האָט די קירך אויסערגעוויינלעכע ברייטע מעגלעכקייטן צו ווירקן אפ דער דערציִונג־זאך פון דער יוגנט און, באזונדערס, אפ דער שול.

ס'איז נאָך אינטערעסאנט אָנצווייזן אפ די ספעציִעלע רעליגיִעזע הויכשולן, וואָס די קירך און די גייסטלעכע האָבן געשאפן. אָט זיינען טאקע אייניקע ביישפילן: אין פּראָג (טשעכאָסלאָוואקיע) איז אין 1929 יאָר אָרגאניזירט געוואָרן א ראבאָנישע אקאדעמיע; אין דער שטאָט זאלצבורג (עסטרייך) האָט זיך אין 1929־טן יאָר געעפנט א קאטוילישער אוניווערסיטעט; אין אמעריקע איז געשאפן געוואָרן א גאנצע ריי יידי־שע, קאטוילישע און באפטיסטישע רעליגיִעזע הויכשולן.

דאָס קלעריקאליזירן די שול באווייזט, וואָס פאר א גרויסע האָפענונגען די עקספּלואטאטאָרישע קלאסן לייגן ארויף אפ דער רעליגיע אין פראט פון דערציִען דעם אונטערוואקסנדיקן דאָר אין דער פאר זיי נייטיקער ריכטונג.

ראדיִאָ און קינאָ צו דינסט די אָפּיקורסאנטן *)

ווי באוווסט, האָבן די גייסטלעכע יעדע נייע דערפינדונג שטענדיק באגעגנט מיט אן אטאקע, זי דערקלערט אלס אָנשיקעניש. זיי האָבן פארברענט די דערפינדער און די דערפינדונגען. דערפילנדיק אָבער, אז פון די אָדער אנדערע וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען אין דער טעכניק קען מען ציִען נוצן פאר זיך, האָבן די אָפּיקורסאנטן אָנגעהויבן ברייט צו עקספּלואטירן דידאָזיקע וויסנשאפטלעכע דערפינדונגען פאר זייערע צילן. אזוי האָט פאסירט, באזונדערס, מיט ראדיִאָ און קינאָ. אין דער צייט, וואָס בא אונדז אגיטירן נאָך די קירכ־לייט, באזונדערס די סעקטאנטן, קעגן ראדיִאָ און קינאָ, אלס „אנטיכריסטישע אויסטראכטענישן”, רופן אין די דערפער אראָפּצורייסן די אנטענעס, — האָבן די גייסטלעכע אין

*) די סאָגיִע פון ליכט און בילדונג.

אויסלאנד געכאפט זיך, פארשטאנען, אז ראדיאָ און קינאָ קען זיי גאנצ פײַנ העלפנ אינ זייער ארבעט פונ פארטומלענ די מוחות פונ די אר־בעטנדיקע.

אינ אמעריקע, ענגלאנד, פראנקרײַכ ווערט די ראדיאָ גאנצ ברייט אויסגענוצט פאר רעליגיעזער פראָפאגאנדע.

אינ 1929 יאָר איז אינ דײַטשלאנד פאָרגעקומענ א צווישנפעלקערלעכער קאטוילישער ראדיאָ־צוזאמענפאָר, וואָס האָט באהאנדלט די פראגע וועגנ אויסנוצנ ראדיאָ פאר רעליגיעזער פראָפאגאנדע. לויט די ידיעות פונ די צײַטונגענ, בויט דער רוימישער פויפסט א מעכטיקע ראדיאָ־סטאנציע בא זיכ אינ וואטיקאנ, קעדיי איבערצוגעבנ איבערנ גאנצנ ערד־קײַלעכ זײַנע ארויסטרעטונגענ און דראָשעס.

אינ ענגלאנד ווערט טאָגטעגלעכ איבערגעגעבנ דורכ ראדיאָ די גאָט־דינסט. סיסטעמאטיש ווערט ראדיאָ אויסגענוצט פאר רעליגיעזער פראָפאגאנדע אויכ אינ דײַטשלאנד און אינ אמעריקע.

אינ אמעריקע גיט איבער דורכ ראדיאָ די ביבלישע געזעלשאפט יעדנ טאָג 10 אזייגער אינאָוונט, אכוצ דער גאָט־דינסט, אויכ שטיקלעכ פונ דער ביבל.

דיזעלבע זאכ איז אויכ מיט קינאָ. ווי נאָר ס'איז דערפונדנ געוואָרנ די ריידנדיקע קינאָ, אזוי האָבנ זיכ באלד די גײַסטלעכע אָנגעכאפט אָנ דערדאָזיקער דערפינדונג און האָבנ שוינ ארויסגעלאָזט א גאנצע ריי קינאָ־בילדער.

אינ בעלגיע איז אינ אפרעל 1928 י. געגרינדעט געוואָרנ א קאטוילישער קינאָ־קאָנצערנ, וואָס זײַנ ציל איז ארויסלאָזנ פילמעס מיט א רעליגיעזנ אינהאלט. סאָפ 1929־טנ יאָר איז פאָרגעקומענ אינ פראנקרײַכ א קירכלעכער קינאָ־קאָנגרעס, אפ וועלכנ די גאלאָכים האָבנ אָנגעמערקט א ריי מאָסמיטלענ אפ אויסצונוצנ די קינאָ פאר רעליגיעזער פראָפאגאנדע.

די עקראנענ פונ אייראָפע און אמעריקע זײַנענ פארפולט מיט רעליגיעזע פילמעס.

אזוי ארומ פאלט ארײַנ א מעכטיק קולטור־ווערקצײַג אינ די הענט פונ דער קירכ און ווערט אויסגענוצט צוליב די אינטערעסנ פונ דער סאמע שווארצסטער רעאקציע.

קאַמף פאַר די קינדער. די ווירקונג אף דער פרוי

די קירכ פרווט אויכ פארשפרייטנ איר ווירקונג אף די קינדער. צוליב דעמ צוועק שאפט זי אוינע ספעציעלע קינדער־אָרגאַניזאַציעס. דער קאַטוילישער סקאַוטנ־פאַרבאַנד אינ פראַנקרייַכ האָט 30—40 טויזנט מיטגלידער, דער פּראָטעסטאַנטישער — 20 טויזנט. אינ דערזעלבער צייַט כאַפּנ ארום די קינדערשע קאָמוניסטישע גרופּעס אינ פראַנקרייַכ סאַכאַקל 3.000 קינדער.

מיטנ צוועק צו דערציִענ די ייִדישע קינדער אינ רעליגיִעזנ גייַסט האָבנ די ראַבאָנימ אינ אַמעריקע געשאַפנ בא די „געזעלשאַפטנ פונ יונגעלייַט" ספעציִעלע קינדער־קלובנ, יאַסלעס, קינדער־הייַזער א. אז. וו. ס'ווערנ אויכ אייַנגעאָרדנט ספעציִעל פאַר די קינדער באַזונדערע רעליגיִעזע צערעמאָניעס.

דער סקאַוטישער זונויפלי, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ 1929־טנ יאָר אינ לאָנדאָנ, האָט זיכ געעפנט מיט א פייַערלעכנ גאָט־געבעט. אינ דער פאַשיסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „באַליל" — אינ איטאַליע — זייַנענ פאַראַנ 590.000 ייִנגלעכ אונ 238.000 מיידלעכ (יעריִעס פאַר 1928 יאָר) די רעליגיִעזע דערציִונג אינ דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמט א היפש אָרט: מע צווינגט די קינדער צו גייַנ אינ קירכ, מע לערנט זיי רעליגיִעזע הימנענ, לידער. אינ די „באַליל"־גרופּעס פירנ דורכ די גאַלאָכימ רעליגיִעזע שמועסנ.

אינ אַמעריקע איז בא דעמ „קריסטלעכנ פאַרבאַנד פונ יונגעלייַט" געשאַפנ געוואָרנ א קינדערשע אָרגאַניזאַציע. דאָ ווערנ אויסגענוצט די „פיִאָנערנ"־יאַטנ אפ באַדינענ די קירכ, פאַרקויפנ רעליגיִעזע ליטעראַטור א. אז. וו.

אינ קאַנאַדע ווערנ די קינדערשע אָרגאַניזאַציעס אָנגעפירט אָדער דורכ באַפרייַטע דעמיסיִאָנירטע אָפיצירנ, אָדער דורכ גאַלאָכימ. די קינ־דער־סקאַוטנ ווערנ דערצויגנ אונ אַנטוויקלט דורכ טויזנטער לערערס אונ דערציִערס, מע וואָרצלט אינ זיי אייַנ די אידייע פונ מיליטאַריזמ אונ פאַטריאָטיזמ מיט דער הילפ פונ דער רעליגיע, מע דערציט זיי אַלס איבערגעגעבענע בירגער פונעמ בורזשואַזנ פאָטערלאַנד, אַלס טרייַע דינער פונ דער נאַציִאָנאַלער בורזשואַזיע.

דורך די אָרגאַניזאַציעס פון יונגע סקאַוטן, דורך קלוימערשט „אומ־שולדיקע" געזעלשאַפטן פון נאַטור־באַאָבאַכטער, דורך די פאַרשיידענע קינדער־גרופּעס פאַרשפּרייט די קירכע איר ווירקונג אויף די קינדער.

אין אַלע רעליגיעזע יוגנט־פאַרבאַנדן, פּאַרטייען, בראָפאַריינען זיינען אויך פאַראַן ניט ווייניק פרויען.

די קירכע, באַזונדערס אין די קאַטוילישע לענדער, האָט אַן אומגעהייער־גרויסע ווירקונג אויף די פרויען. דורך די פרויען פאַרשפּרייט די קירכע איר ווירקונג אויף דער פאַמיליע, אויף די קינדער, דורך די פרויען פון די אַרבעטער־קאָמוניסטן דערגרייכט זיך אָפט די קסיאָנדזונג וועגן דער פאַרטייאישער אַרבעט פון זייערע מענער און גיבן עס, פאַרשטייט זיך, גלייך איבער דער פּאָליציי.

עס עקזיסטירן אַזוינע ספּעציעלע פרויען־אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך די קירכע־לייט.

א ב א ריי פאַרשיידענע לענדער זיינען פאַראַן „עוואַנגעלישע פאַריינען פון יוגנטלעכע פרויען", קאַטוילישע פאַריינען פון יונגע פרויען. אין אַמעריקע איז פאַראַן א פאַריין פון יידישע יונגע פרויען א. אז. וו.

אין דייטשלאַנד ציילט דער „קאַטוילישער פאַריין פון יונגע פרויען" 600.000 מיטגלידער, דער „קאַטוילישער פאַריין פון יונגעלייט" האָט 360.000 מיטגלידער.

אין דער פאַשיסטישער איטאַליע איז פאַראַן א פאַרבאַנד פון קאַטוילישע פרויען, וואָס איז צעטיילט אויף 2 אָפּטיילונגען: „קאַטוילישע פרויען" און „קאַטוילישע פרויען־יוגנט". עס איז אויך פאַראַן א פעדעראַציע פון קאַטוילישע סטודענטקעס. דער צווישנפעלקערלעכער פאַרבאַנד פון די קאַטוילישע פרויען־פאַריינען פאַראייניקט 58 אָרגאַניזאַציעס, צעוואָרפענע איבער 27 לענדער.

די קירכע האָט דורך פילצאָליקע אָרגאַניזאַציעס א גרויסע ווירקונג אויף דער פרוי, און די פרויען — דאָס זיינען דאָך א העלפט פון דער גאַנצער מענטשהייט. זיי זיינען דאָך די נאָענטסטע דערציערס פון די קינדער.

דעריבער טאַקע איז דאָס באַפרייען זיי פון די נעגל פון דער קירכע, אַרויסרייסן זיי פון די גאַלאָכיש־ראַבאָנישע לאַפּעס — די וויכטיקסטע אויפגאַבע אונדזערע.

די גײַסטלעכע אינ קאמפּ קעגנ קאָמוניזמ

די בורזשואזיִע האסט דעמ קאָמוניזמ אונ פארפאָלגט די קאָמוניסטנ. אנדערש קענ עס גאָרניט זײַנ. קאָמוניזמ באטײַט — ענדגילטיק פארניכטנ די עקספּלואטאציע פונ איינ מענטשנ איבערנ אנדערנ, אָפּשאפנ דאָס פּריוואט־אייגנטומ, פולשטענדיק פארניכטנ אָרעמקײַט אונ רײַכקײַט, פארניכטנ די קנעכטשאפט אונ די הערשאפט פונ א קליינער מינדערהײַט אונ שאפנ אזוינע באדינגונגענ, בא וועלכע די גרעסטע מערהײַט פונ דער מענטשהײַט זאָל ניט זײַנ אונטערדריקט. דאָסדאָזיקע קליינע הײַפעלע פונ דער בורזשואזיִע אָבער וויל קלאָר ניט זיכ געזעגענענ מיט זײַנע פּריווילעגיעס. אָט פארוואָס זיי רודפנ, פּײַניקנ אונ דערמאָרדנ פאר פּראָפּאגאנדירנ די קאָמוניסטישע אידייענ, פאר געהערנ צו דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

די קירכ אונ איר האס צומ קאָמוניזמ שטייט אפּ א האָר ניט אָפּ פונ דער בורזשואזיִע. אונ דאָס איז גאנצ פארשטענדלעכ: זי, די קירכ, איז דאָכ די „צוימ" פאר די אָרעמע אונ עקספּלואטירטע.

אינ אפּרעל 1912 יאָר האָט דער גאלעכ דזשאָנ ל. בעלפאָרד געשריבנ: „די סאָציאליסטנ זעצנ פאָר זייער ארבעט. מיט דער רויטער פאָנ אינ די הענט פּריידיקנ זיי אָפנ זייערע טעאָריעס. זייער אטאקע איז געווענדעט דעריקער קעגנ דער רעליגיע. זייער ווירקונג שטעלט מיט זיכ פאָר א דירעקטע געפאר אונדזער שטאָט... זיי זײַנענ נאָכ געפערלעכער פונ כאָלערע אונ פּאָקנ. דאָס זײַנענ מעשוגענע הינט, וואָס מע מוז זיי צווינגענ דאָס מויל צו האלטנ, נויטנ צו שווײַגנ, אפילע דורכ דער הילפ פונ פּולווער אונ קוילנ".

אָט אזוי האָט מענ געשריבנ וועגנ די דעמאָלטיקע סאָציאל־דעמאָקראטנ. איצט טרעטנ ארויס די גײַסטלעכע פונקט אזוי קעגנ די קאָמוניסטנ, זײַענדיק איבערצײַגט אז די סאָציאל־דעמאָקראטנ זײַנענ ניט אזוי שרעקלעכ פאר זיי.

פאר די לעצטע עטלעכע יאָר זײַנענ פארעפנטלעכט געוואָרנ א גאנצע רײ דאָקומענטנ פונ אָנגעזעענע רעליגיִעזע טוער אינ די אייראָפּעיִשע לענדער, אינ וועלכע זיי רופנ צו פארניכטנ די קאָמוניסטנ. דער לידער פונ די פראנצויזישע קאטאָליקנ דיובוא (געשטאָרבנ סענטיאבער

1928 יאָר) האָט ארויסגעלאָזט אין אפּרעל 1928 יאָר אן אופרוף וועגן
דער „געפערלעכקייט פון קאָמוניזם” און וועגן קאמף קעגן אים מיט
געווער אין די הענט.
אין ענגלאנד נעמען די גאלאָכים אן אקטיוון אָנטייל אין דער אנ־
טיקאָמוניסטישער פּראָפּאגאנדע. אזוי אויך אין אלע קאפּיטאליסטישע־
לענדער. אחוץ דעם אומיטלבארן רופן די גלויביקע צו קעמפן קעגן
דער קאָמוניסטישער פּארטיי, סטארען זיי זיך אויך איינצופלאנצן א פאל־
שע פאָרשטעלונג בא די גלויביקע וועגן די צילן, וואָס די קאָמוניסטן
שטעלן זיך, כדי צו שאפן א פיינטלעכע באציונג צו זיי.
דער איצטיקער הערשער פון וואטיקאן, דער לעצטער יורעש פונעם
אמאָליקן מעכטיקסטן פּויפּסט, פּי דער XI, האָט ארויסגעלאָזט סאָפּ דע־
קאבער 1925 יאָר א ווענדונג צו די קריסטן פון דער גאנצער וועלט.
ער מעלדעט: „קריסטוס האָט באקומען פון גאָט די אבסאָליוטע הער־
שאפט איבער אלע באשעפענישן, זיין הערשאפט פארשפּרייט זיך דערי־
בער אויך אף אלע בירגערלעכע באציונגען, אחוצדעם, דארפן זיך
דערדאָזיקער הערשאפט אונטערווארפן ניט בלויז קריסטן, נאָר אויך ניט
קיין קריסטן”.
דער פּויפּסט רופט „מוטיק און דרייסט צו קעמפן אונטער דער
פאָן פון קריסטוס־קייסער און ארויסטרעטן מיט אפּאָסטאָלישער בא־
גייסטערונג קעגן די בונטאָוושטשיקעס און פארבלאָנדזשעטע”...
ווער־זשע זיינען עס די דאָזיקע „בונטאָוושטשיקעס און פארבלאָנד־
זשעטע”? — אָט ווער, לויט דער מיינונג פונעם פּויפּסט: „מיר האלטן
פאר אונדזער חיוב צו רופן אלע, באזונדערס יענע, וואָס שטייען בא
דער מאכט, וואָס אכטן דעם פרידן און די הייליקייט פון דער מענטש־
לעכער פאמיליע און פונעם מענטשלעכן קאָוועד, אָנצווענדן אלע קוי־
כעס אף צו קעמפן קעגן דער גרויסטער געפאר, וואָס קומט פ ו נ ע ם
ס אָ צ י א ל י ז ם א ו ן ק אָ מ ו נ י ז ם”. ווי איר זעט, איז דער פּויפּסט
איינער פון די איניציאטאָרן, איינער פון די באגייסטערטער פונעם קאמף
מיטן קאָמוניזם.
זייענדיק אליין א קלייניקער הערשער, האָט אָבער פּאָרמאָגנדיק א
ברייט־צעצווייגטן אפּאראט, אין געשטאלט פון די פריער אויסגערעכנטע
אָרגאניזאציעס, האָבנדיק אין זיין רעשות הונדערטער טויזנטער גאלאָכים

איך אַלע לענדער פון דער וועלט, איז דער פויפסט און די קאַטוילישע קירכע, וואָס ווערט פון אים אָנגעפירט, א רעאַלער שטערונג־קויעכ, וואָס שטייט אפן וועג פון דער באַפרייונג־באַוועגונג פון די ארבעטנדיקע.

דער פויפסט איז פאר די לעצטע עטלעכע יאָר שוין ניט איינמאָל ארויסגעטראָטן מיט א מעלדונג, אז ער האלט פאר זיין גרעסטן כוויו צו קעמפן און צו באזייטיקן די גרויסע געפאר, וואָס עס טראָגן מיט זיך דער סאָציאַליזם און קאָמוניזם.

ס'איז גאנץ פארשטענדלעך, אז דעם גרעסטן האס און פיינטשאפט רופט ארויס בא די גייסטלעכע (ווי בא דער גאנצער בורזשואזער וועלט) דער ראטנפארבאנד, — דאָס לאנד, ווו דער ארבעטער־קלאס פארווירקלעכט אין לעבן די קאָמוניסטישע פראָגראַם.

אָט פארוואָס עס נעמען אן אקטיוון אָנטייל אין פארשווערונגען און ארויסטרעטונגען קעגן פסר"ר די גייסטלעכע. אין אויסלאנד פירן זיי א סיסטעמאטישע טאָגטעגלעכע אנטיסאָוועטישע פראָפּאגאנדע, און ווידעראמאָל איז דער מערסט אקטיווסטער אין דעמדאָזיקן געביט דער רוימישער פויפסט — דער פירער פון דער קאַטוילישער קירכע, וואָס האָט געשאפן בא זיך א ספּעציעלן אינסטיטוט אפ צוגרייטן גאלאָכים פאר פסר"ר (לייען — שפּיאָנען) פון די רוסישע ווייסגווארדייער *).

די אינטערנאציאָנאַלע שטרעבונגען פון דער קירכע

אפ וויפל די גייסטלעכע האָבן איינעם און דעמזעלבן ציל, אפ אזויפיל לוינט ניט פאר זיי קיין סינע און פיינטשאפט צווישן זיך אליין, באזונדערס נאָך ווען עס האנדלט זיך וועגן דער נייטיקייט צו קאָנצענטרירן אַלע קויכעס אין קאמף קעגן דער וואקסנדיקער ארבעטער־באַוועגונג.

אָט פארוואָס אין די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן באמערקט זיך א שטארקער וווקס פון די שטרעבונגען אין דער קירכע צו פארייניקן זיך. די גייסטלעכע פון אַלע רעליגיעס שטרעבן צו אייניקייט, אויב ניט צו צונויפגיסן צוזאמען אַלע קירכן, איז כאָטש צו אן איינהייטלעכער געמיינ־

*) אויספירלעכ וועגן דער אנטיסאָוועטישער טעטיקייט פון די גייסטלעכע,— לייען „די פּאָליטישע ראָלע פון דער היינטיקער רעליגיע" פון מ. שיינמאן (אין רוסיש).

זאמער טעטיקייט, צו ליקווידירן די אינערלעכע רייבונגען און פיינטשאפט צווישן זיך.

פאר די לעצטע יארן זיינען פארגעקומען עטלעכע קירכע־קאנגרעסן, וואס האבן זיך געשטעלט דעם ציל צוצוגרייטן די פאראייניקונג פון די פארשיידענע קירכן.

אן „אלוועלטלעכע קאנפערענץ פונעם פראקטישן קריסטנטום" איז פארגעקומען אין שטאקהאלם פונעם 19-טן ביזן 15־טן אווגוסט 1925 יאר. אפן דעמדאזיקן קאנגרעס זיינען ביי'געווען פארשטייערס פון דער אנגליקאנישער, לוטעראנישער, פראטעסטאנישער קירכן. דעם קאנגרעס האט באגריסט דער שוועדישער קעניג. באגריסונג־טעלעגראמעס האבן זיך באקומען פון הינדענבורגן — דעם געוועזענעם מיטהעלפער פון ווילהעלם דעם 2־טן און דעם איצטיקן פרעזידענט פון דער דייטשישער רעפובליק פון דעם דעמאלסטיקן אמעריקאנער פרעזידענט — קולידזש, פון מאקדאנאלדן א. א.

דער צוזאמענפאר האט זיך פארנומען מיט אזעלכע פראגעס: וועגן דער מאראלישער זעלבסטבאשטימונג פון דער פערזענלעכקייט, וועגן איבערקוקן די לערנביכער פון געשיכטע אין גייסט פון דער קריסטלעכער רעליגיע, וועגן אונטעריכט פונעם רעליגיע־לימעד אין די פריוואטע שולן, וועגן דער נייטיקייט איבערצוציגן די פעלקער־ליגע, אז זי זאל זיך האלטן בא דער קריסטלעכער מאראל א. אנד.

די הויפט־אויפגאבע פונעם צוזאמענפאר איז געווען: צו לייגן דעם פונדאמענט פון פאראייניקן די גייסטלעכע פון אלע רעליגיעס פון דער גאנצער וועלט, ווייל, ווי עס האט דערקלערט דער עפיסקאפ רייקאו: ס'איז נייטיק קעגנווירקן מיט די קריסטלעכע פרינציפן דער היינטיקער שלעכטס, באזונדערס דעם באלשעוויזם. „ס'איז נייטיק מיט די פארשיידנסטע מיטלען קעגנצווירקן דער פארשטעלונג, אז אינעם סאציאל־פאליטישן און עקאנאמישן לעבן עקזיסטירן קלוימערשט נאר „קלאסן". מיר דארפן אנשטאט דעם זיך האלטן פאר מיטגלידער פון איין פאמיליע— אט אין דעם באשטייט די גרויסע אויפגאבע פון דער קירך", — איז דערקלערט געווארן אפן קאנגרעס.

אין אווגוסט 1928 יאר איז אין לאזאן (שווייץ) פארגעקומען דער צווייטער צווישנפעלקערלעכער קירכן־קאנגרעס וועגן דער פראגע פון

פארייניקנ די פארשיידענע קירכנ. די איניציאטאָרנ פונ דעמדאָזיקנ צוזאמענפאָר זײַנענ געווענ די אמעריקאנער. דער צוזאמענפאָר האָט אויסגעטײלט א שטענדיקע ביוראָ פונ 81 גאלאָכימ אפ דורכצוארבעטנ די פראגע וועגנ אייניקײַט אינ דער קירכ.

דאָס צונויפגיסנ זיכ פונ באזונדערע קירכנ איז פאָרגעקומענ פאר דער לעצטער צײַט אינ אמעריקע. אזוי, אשטייגער, האָבנ זיכ צונויפגעגאָסנ די קירכנ פונ די מעטאָדיסטנ אונ פרעסוויטעריאנער.

אינ אמעריקע איז געשאפנ געוואָרנ א „יִדיש־קריסטלעכע קירכ", וואָס האָט דעמ ציל צו פארייניקנ די יִדישע אונ קריסטלעכע רעליגיִעזע אנשטאלטנ — די סינאגאָגע מיט דער קירכ. די אמעריקאנער צײַטונגענ האָבנ אינ אפרעל 1929 י. געמאָלדנ וועגנ געמיינזאמע גאָט־דינסטנ פונ קריסטנ אונ יִדנ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ די צאָפנ־אמעריקאנער פארייניקטע שטאטנ.

אינ דער פראקטישער וואָכעדיקער, טאָגטעגלעכער ארבעט איז די מיטארבעטשאפט אונ קעגנזײַטיקע שטיצע פונ די גײַסטלעכע פונ פארשיידענע רעליגיעס געוואָרנ א געוויינלעכע דערשײַנונג. אָט זײַנענ פאקטנ:

אינ דער שטאָט וויִנ (עסטרײַכ) איז פאָרגעקומענ אנ אלוועלטלעכער ראבאָנימ־צוזאמענפאָר. די קאטוילישע רעגירונג פונ עסטרײַכ האָט מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט מיטגעהאָלפנ די ראבאָנימ צוגרייטנ דעמ צוזאמענפאָר, אונ אנ אָנגעזעענער פירער פונ די עסטרײַכישע קאטאָליקנ, דער גאלעכ זייפעל, האָט אויסגעדריקט זײַנ פרייד, וואָס דער צוזאמענפאָר קומט פאָר אינ וויִנ. אינ שעדלעצער קרײַז (פוילנ) האָט די יִדישע רעליגיִעזע קעהילע, 1929 יאָר אָרגאניזירט א גאסטפרײַנטלעכנ אופנעמ (קאבאָלעס־פאָנעמ) פאר די קאטוילישע גאלאָכימ, וואָס זײַנענ זיכ צונויפגעפאָרנ אפ זייער צוזאמענפאָר. אָנהייב 1929 י. האָט א סרייפע אײַנגאנצנ צעשטערט דעמ באפטיסטישנ קלויסטער אינ ניו־יאָרק, די יִדישע גײַסטלעכע האָבנ דעמאָלט גאנצ גערנ אָפגעגעבנ די באפטיסטנ זייער סינאגאָגע אפ דורכצופירנ די טפילע־פארזאמלונגענ.

אָט אזוינע בײַשפילנ אונ פאקטנ וואָלט מענ געקענט ברענגענ אינ די הונדערטער. נאָר לאָמיר באווײַזנ נאָכ איינ בוילעטנ פאקט.

אינ צוזאמענהאנג מיטנ שליסנ אנ אָפמאכ צווישנ פויפסט אונ מוסאָליניִ האָט סאָקאָלאָוו, דער לידער פונ די יִדישע ציִאָניסטנ (די

פּאַרטיי פון דער ייִדישער בורזשואַזיִע, וואָס איז ענג צונויפגעבונדן מיטן ייִדישן קלעריקאַליזם), געשיקט אַ באַגריסונג־טעלעגראַם דעם רוימישן פּויפּסט ווען מע זאָל נאָך נעמען אין אַכט, אַז די קריסטלעכע קירכע און די ייִדישע סינאַגאָגע האָבן זיך געפונען די גאַנצע צײַט אין אַ שטענדיקן קאַמף צווישן זיך, — וועט ווערן קלאָר, אַז סאָקאָלאָווס טעלעגראַם דעם פּויפּסט איז אויך אַ בוילעטער באַווײַז פון דער אָנגעמערקטער איינִיקײַט צווישן די קירכלעכע באַוועגונגען פון פאַרשיידענע ריכטונגען.

מיר האָבן נאָך ניט בײַ הײַנטיקן טאָג קיין קירכלעכן אינטערנאַציאָנאַל און ס'איז נאָך אַ ספק, צי וועלן מיר אים אפילו ווען ס'ניט איז האָבן. ביז הײַנטיקן טאָג האָבן זיך די פּרוּוון צו שאַפן אַזאַ מין „אינטערנאַציאָנאַל" ניט אײַנגעגעבן. די בורזשואַזיִע פון פאַרשיידענע לענדער פאַראייניקט זיך און אַרבעט צוזאַמען נאָר קעדיי געמיינזאַם צו דערשטיקן די אַרבעטער־באַוועגונג. אין דעם זין הערשט בײַ דער בורזשואַזיִע אַ פולשטענדיקע איינִיקײַט — דאָ טיילט זיי ניט פאַנאַנדער קיין שום נאַציאָנאַלע, רעליגיִעזע, ראַסאָווע און מעלוכישע גרענעצן. דאָך אָבער זײַנען די ווידערשפּרוכן צווישן דער בורזשואַזיִע פון באַזונדערע לענדער אַף אַזויפיל גרויס, אַז זיי קענען אין קיין שום פאַל ניט שאַפן קיין אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד. דערצו וועט דער קאַפּיטאַליזם קיינמאָל ניט דערגרייכן.

דיזעלבע לאַגע איז אויך אין דער קירך: אין דער זאַך פון דינען דעם קאַפּיטאַל, אין קאַמף קעגן קאָמוניזם, קעגן פסר"ר — זײַנען אַלע קירכן, אַלע רעליגיִעזע אַנשטאַלטן, אַלע רעליגיעס איינִיק. אָבער אין יעדער לאַנד באַזונדער איז די קירך ענג צונויפגעבונדן מיט איר נאַציאָנאַלער בורזשואַזיִע, וועמעס אינטערעסן עס גייען זיך פאַנאַנדער מיט די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיִע פון אַנדערע לענדער. די לוטעראַנישע קירך, אַשטייגער, אין דײַטשלאַנד — איז אַ דינסט בײַ דער דײַטשישער בורזשואַזיִע, די קאַטוילישע קירך, ווידער, אין פּוילן — איז איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן איר אייגענער בורזשואַזיִע, דינט דער נאַציאָנאַלער פּוילישער בורזשואַזיִע.

פונקט אַזוי ווי עס קענען ניט באַזײַטיקט ווערן די שאַרפע ווידערשפּרוכן צווישן דער בורזשואַזער פּוילן און דער בורזשואַזער דײַטשלאַנד, אַזוי קען אויך ניט פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן דער געדאַנק פון

צונויפבינדנ (היינט ווער רעדט נאָכ צונויפגיסנ אינייִנעמ) די קירכנ פונ דייטשלאנד אונ פוילנ.

אָבער פונדעסטוועגנ, כאָטש די קירכנ זיינענ ניט צונויפגעגאָסנ אינייִנעמ, כאָטש ס׳איז ניטאָ קיינ קירכלעכער אינטערנאציאָנאל, — זיינענ זיי דאָכ אינ זייער טאָגטעגלעכער ארבעט ענג צונויפגעבונדנ צווישנאנאנד, זיי ארבעטנ אינ ענגנ קאָנטאקט. אלע דינענ זיי דעמ גאָלדענעמ קאלב, דעמ געלט־זאק. אונ דאָרט, ווו עס האנדלט זיכ ווענגנ קאמפ קעגנ דער ארבעטער־באוועגונג, ווערנ אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט אלע גרענעצנ צווישנ דער בורזשואזיע פונ פארשיידענע לענדער אונ צווישנ די גייסטלעכע פונ פארשיידענע קאָנפעסיאָנענ, רעליגיעס.

זייער אנ ענגע דערנעענטערונג צווישנ דעמ גאלאָכנטומ אונ פארשיידענע אנדערע גייסטלעכע באמערקט זיכ אינ פסר״ר. דאָ טרעטנ זיי ארויס אינ אנ אייִנהייטלעכנ פראָנט קעגנ דער קאָמפארטיי אונ ראטנ־מאכט. די קירכנ־לייט אונ די גייסטלעכע פארגעסנ זייערע אינערלעכע רייבונגענ צווישנ זיכ, ווענ עס האנדלט זיכ ווענגנ קאמפ קעגנ דער פראָלעטארישער דיקטאטור.

דעריבער איז טאקע איז נאָכ מער נייטיק אונ וויכטיק דעמ אייִנהייטלעכנ פראָנט פונ די גייסטלעכע אנקעגנצושטעלנ אנ אייִנהייטלעכנ פראָנט פונ די ארבעטנדיקע פונ אלע נאציעס, לענדער אונ ראסנ אפ צו פירנ א געמיינזאמענ קאמפ קעגנ די קאפיטאליסטנ פונ דער גאנצער וועלט אונ זייערע דינער — די גייסטלעכע.

די אלוועלטלעכע רעליגיעזע פארייניקונגענ [1]

אינ אויסלאנד זיינענ פאראנ א גאנצע ריי אינטערנאציאָנאלע רעליגיעזע פארייניקונגענ (ניט רעכנענדיק דעמ אינטערנאציאָנאל פונ די קריסטלעכע פראָפּארייִנענ, דעמ קאטוילישנ יוגנט־אינטערנאציאָנאל א. אנ.). לאָמיר זיכ אָפּשטעלנ אפ אייניקע פונ זיי.

די בריטאנישע ביבלישע געזעלשאפט. איר צענטער — איז לאָנדאָנ, די הויפּטשטאָט פונ ענגלאנד. ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס

[1] דערדאָזיקער קאפיטל איז צונויפגעשטעלט לויט די יעדיעס פונ „International Christian Movements“ New-Jork, Chicago, London, 1924.

זי הייסט „בריטאנישע", באגרענעצט זיך ניט דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע בלויז מיט דער טעריטאָריע פון בריטאַניע, נאָר איז אינדערעמעסן אַן אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע. איר אויפגאַבע איז — ארויסגעבן און פאַרשפּרייטן די ביבל. דידאָזיקע געזעלשאַפט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1804־טן יאָר.

אכוץ דער ארבעט אין ענגלאַנד גופא, פאַרמאָגט די געזעלשאַפט א גאַנצע נעץ אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן ערד־קײַלעך: 1) אין מיזרעך־אייראָפּע, 2) צענטראַל־אייראָפּע, 3) צאָפן־אייראָפּע, 4) דאָרעם־אייראָפּע, 5) עגיפּטע, 6) צענטראַל־אפריקע, 7) צאָפן־אפריקע, 8) מיזרעך־אפריקע, 9) אף דער קאַפּישער ערד, 10) אין נאטאַליע, דאָרעם־אפריקע, 11) באָמביי, 12) מאַדראַס, 13) בענגאַל, 14) בירמע, 15) צײלאָן, 16) מאַלאַק, 17) כינע, 18) יאַפּאַן, 19) קאָרייע 20) וויקטאָריע, 21) קוויסלענד, 22) דאָרעם־אווי־סטראַליע, 23) מיזרעך־אווסטראַליע, 24) טאַסמאַניע, 25) אַרגענטינע, אורוגווײַ, פּאַראַגווײַ, 26) טשילי און באָליוויע, 27) וועסט־אינדיע, 28) פּערסיע, 29) קאַלקוט, 30) קאַנאַדע, 31) אין נײַעם דאָרעם־אוועלס, 32) עקוואַדאָר און קאָלומביע, 33) פּענדזשאַב און צאָפן־אינדיע, 34) בראַזיליע.

לויטן באריכט פון 1929 יאָר האָט די „בריטאַנישע ביבל־געזעלשאַפט" ארויסגעלאָזט 8.679.384 עקזעמפּליאַרן פון דער ביבל — דערבײַ אויך אין רוסיש און אין יידיש.

די שאָטלענדישע ביבלישע געזעלשאַפט. אירע צענטערן זײַנען די שטעט עדינבורג און גלאַזגאָ (ענגלאַנד). אָרגאַניזירט געוואָרן איז דידאָזיקע געזעלשאַפט אין 1861 י. זי האָט אירע אָפּטיילונגען אין אפריקע, אַרגענטינע, כינע, בעלגיע, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, אירלאַנד, פראַנקרײַך, גריכנלאַנד, אונגאַרן, אינדיע, איטאַליע, יאַפּאַן, דאָרעם־סלאַוויע, קאָרייע, ליוואָן, פּאַלעסטינע, פּוילן, פּאָרטוגאַל, שפּאַניע, קאַנאַדע, אווסטראַליע, נײַ־זעלאַנד, יאַמײַק. אין 1922 י. האָט די געזעלשאַפט ארויסגעגעבן 2.232.873 עקזעמפּליאַרן פון דער ביבל.

די געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן די הייליקע שריפט. די צענטערן אירע זײַנען לאָנדאָן און ליווערפּול (ענגלאַנד). די ארבעט פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט איז פאַרשפּרייט אין גרויס־בריטאַניע, אינדיע, צאָפן־אַמעריקאַנער פאַרייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, טיילווייז אויך

אין אזיע און אפריקע. פארן 1922 י. האָט די געזעלשאפט פארשפרייט 2,467,073 עקזעמפּליארן פון דער ביבל.

די אמעריקאנישע ביבלישע געזעלשאפט. אָרגאני־זירט איז זי געוואָרן אין 1816 י. אכוץ איר ארבעט אין די צפון־אמערי־קאנער פאראייניקטע שטאטן, האָט די געזעלשאפט אירע אָפּטיילונגען אין: אינדיע, מעקסיקע, יאפאן, כינע, אף די פיליפינישע אינדזלען, אין סיאַם, אין די לענדער פון אראבישן מיזרעך, אין די רעפּובליקן פון דאָרעם־און צענטראל־אמעריקע, אין פארשיידענע לענדער פון אייראָפּע און אזיע. פארן 1923 יאָר האָט די געזעלשאפט ארויסגעלאָזט 4,674,530 עקזעמפּליארן פון דער ביבל.

אין 1926 י. איז פארשפרייט געוואָרן 3,060 טויזנט בענדער פון דער ביבל אין אמעריקע און 5,705 טויזנט אין אנדערע לענדער.

די ביבל ווערט געדרוקט אף 168 שפראכן ביז אפילע אויך א ביבל פאר בלינדע. אין משך פון 111 יאָר (פאר די יאָרן 1927 — 1816) האָט די געזעלשאפט פארשפרייט 184,028,960 עקזעמפּליארן פון דער ביבל.

די אלוועלטלעכע סטודענטישע קריסטלעכע פעדע־ראציע. — זי כאפט ארום 2,600 אָרגאניזאציעס מיט א צאָל מיטגלידער פון 240,000 סטודענטן און פּראָפעסאָרן.

דער באפטיסטישער אלוועלטלעכער פארבאנד. דער־דאָזיקער פארבאנד איז אָרגאניזירט געוואָרן אפן צוזאמענפאָר אין לאָנדאָן אין 1905 י. ער פאראייניקט די באפטיסטן פון אלע לענדער. דער צווייטער צוזאמענפאָר פון דעמדאָזיקן פארבאנד איז פאָרגעקומען אין 1911 י. אין פילאדעלפיע (אמעריקע) און דער דריטער — אין 1923 י. אין דער שטאָט שטאָקהאָלם (שוועדן).

לויט די ידיעות פון די באפטיסטן גופא פאראייניקט זייער אלוועלט־לעכער פארבאנד 10 מיליאָן מיטגלידער, ער פארמאָגט 57,686 פריסטער, מאגידים, פריידיקער און 74,916 געבעט־הייזער.

די רעטונגס־ארמיי. — זי איז געגרינדעט געוואָרן אין ענגלאנד אין 1880 י.

דאָס איז א מעכטיקע אלוועלטלעכע רעליגיעז־וווילטעטיקע אָרגאניזאציע. געבויט איז זי לויטן מיליטערישן פרינציפּ (זי ווערט אָנגעפירט פון „גענעראלן“, אָפיצערן א. אנד.).

שטעלנדיק פאר זיכ א ציל „אָפּצוווענדנ די מענטשנ פונ זינד", איז דידאָזיקע אָרגאניזאציע זייער אונ זייער צוגעפאסט צו די אינטערעסנ פונ די קאפּיטאליסטנ, מאכמעס מיט דער הילפ פונ רעליגיע אונ „ווילטעטיקײט" געלינגט עס איר אָפּצוטויטנ יעדנ רעוואָליוציאָנערנ געדאנק. דורכ נישטיקע נעדאָוועס אונ צדאָקע־רעשטלעכ גיט זיכ איר איינ, אז די אונטערדריקטע, עקספּלואטירטע, ארבעטלאָזיקע זאָלנ „שאָלעמ" אמאכנ מיט זייער קלאָגעדיקער לאגע, מיט זייער אָרעמקײט אונ אומגליק.

די רעטונג־ארמיי פארמאָגט מיליאָנענ קאפּיטאלנ אונ פירט אנ ארבעט אינ העכער 70 לענדער אונ קאָלאָניעס, צווישנ זיי אויכ אינ אפריקע, יאפּאנ, כינע, קאָרייע, אונ אפנ אינדזל יאווע.

דער נאציאָנאלער לוטעראנישער ראט אינ אמעריקע. דידאָזיקע אָרגאניזאציע שטעלט מיט זיכ פאָר א פאריייניקונג, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ 1917 י. פונ די צעשטויבטע אונ צעבראָקלטע לוטעראנישע קירכנ. דער ציל פונ דער אָרגאניזאציע איז — אונטערצוהאלטנ אונ שטיצנ די קירכנ אינ אמעריקע אונ אויסער אמעריקע.

דער לוטעראנישער ראט פונ אמעריקע איז ענג פארבונדנ מיט די לוטעראנישע קירכנ אינ אמעריקע. באזונדער אכט לייגט דערדאָזיקער ראט אפ אפריקע, כינע אונ אינדיע. צו מארט כוידעש 1924 י. האָט די סומע, וואָס דער ראט האָט אויסגעגעבנ אפ צו פירנ זיינ ארבעט, באט־ראָפנ 2 633.851 דאָלער.

די געזעלשאפט פונ קריסטלעכע יונגעלײט. דאָס איז איינע פונ די שטארקסטע, רײַכסטע אונ צעצווײַגטע רעליגיעזע פאריייניקונגענ. די שטארקסטע אָרגאניזאציע פונ דערדאָזיקער געזעלשאפט איז אנטשטאנענ אינ 1844 י. אינ לאָנדאָנ. אינ 1851 יאָר איז דידאָזיקע אָרגאניזאציע אריבערגעטראָגנ געוואָרנ קיינ אמעריקע. צו יולי־כוידעש 1927 י. האָט די געזעלשאפט געציילט 1.561.315 מיטגלידער, פונ זיי — 61% אינ די צאָפנ־אמעריקאנער פאריייניקטע שטאטנ.

דאָס פארמעגנ פונ דער אסאָציאציע ווערט געשאצט אינ 241.450.800 דאָלער. די געזעלשאפט פירט אנ ארבעט אינ אלע לענדער פונ דער וועלט אונ איז פריער פונ אלצ — אנ אגענט פונעמ אמעריקאנער אימפּע־ריאליזמ, דער אויסלענדישער אָפּטייל פונ דער אמעריקאנער „געזעלשאפט

פונ קריסטלעכע יונגעלייט” פירט זייער א גרויסע ארבעט אויסער אמעריקע. ער איז פארבינדנ מיט זיינע מיטגעזעלשאפטנ אינ יאפאנ, קארייע, כינע, גאנקאנג, אינדיע, אפ די פיליפינער אינדזלענ, אינ מעקסיקע, אורוגוויי, צייל‍אנ, עגיפעט, פארטוגאל, קובא, פארטא־ריקא, בראזיליע, ארגענטינע, טשילי, פערו, דארעמ־אפריקע אונ אייראפע.

די געזעלשאפט פונ קריסטלעכע יונגע פרויענ.—דיראזיקע געזעלשאפט איז געשאפנ געווארנ אינ אמעריקע אינ 1906 י. פונ פארשיידענע פרויענ־ארגאניזאציעס. גלייכצייטיק מיטנ גרינדנ דידאזיקע געזעלשאפט איז אויכ געשאפנ געווארנ אנ אויסלענדישער אפטייל— אפ צו פירנ אנ ארבעט אויסער אמעריקע. דעמאלט טאקע זיינענ עס געשאפנ געווארנ די סעקרעטאריאטנ פונ דער אמעריקאנער געזעלשאפט אינ אינדיע, כינע אונ דארעמ־אפריקע. אינ 1927 י. האט די געזעלשאפט געפירט אנ ארבעט אינ 12 לענדער, האט געהאט בלויז אינ אמעריקע 580.000 מיטגלידער אונ האט פארמאגט אנ אומבאוועגלעכנ פארמעג אפ א סומע פונ 55 מיליאנ דאלער.

די געזעלשאפט פונ קריסטלעכע יונגע פרויענ פארייניקט נאכ 118 סטודענטישע ארגאניזאציעס. די געזעלשאפט האט אירע אייגענע הייזער, 11 האטעלנ , 2 עמיגראנטנ־ביוראענ אונ א נארמאלע שול אינ אינדיע. א גרויסע ארבעט ווערט געפירט צווישנ די מיידלעכ אונ שילער פונ די מיטל־שולנ. ס'זיינענ איינגעארדנט געווארנ פאר זיי ספעציעלע קלובנ, יינגערע גרופעס א. אז. וו.

אינ דער צאל לענדער, ווו די אמעריקאנער געזעלשאפט פונ קריסטלעכע יונגע פרויענ פירט אנ ארבעט, גייענ ארייַנ: פראנקרייכ, רומעניע, די באלטישע לענדער, דער נאענטער מיזרעכ, כינע, יאפאנ, אינדיע, ארגענטינע, בראזיליע, טשילי, אורוגוויי, מעקסיקע.

אט די אלע אויסגערעכנטע ארגאניזאציעס שעפנ נאכ ניט אויס די צאל רעליגיעזע פארייניקונגענ. ניט בלויז די קריסטלעכע קירכ האט געשאפנ אונ שאפט אזעלכע פארייניקונגענ. עס זיינענ פאראנ ניט ווייניק רעליגיעזע פארייניקונגענ—מוסולמענישע אפ מיזרעכ. עס זיינענ פאראנ אזעלכע פארייניקונגענ אויכ יידישע אונ פונ אנדערע רעליגיעס אונ אלע זיינענ זיי ניט ווייניקער רעאקציאנער, ווי די קריסטלעכע, אלע האבנ זיי איינ ציל— קעמפנ קעגנ דער רעוואליוציאנערער באוועגונג.

צי זיינען די ארבעטער אין אויסלאנד רעליגיעז

פון דעם אלץ, וואס מיר האבן פריער געזאגט, קען מען מאכן אן אויספיר וועגן דער גרויסער פאליטישער קראפט פון דער קירך אין די בורזשואזע לענדער, וועגן איר רעאקציאנערער ראל, אלס אן אגענט פונעם קאפיטאל.

צי איז דאס אבער א באווייז פון שטארקע רעליגיעזע שטימונגען, פון א ברייטער רעליגיעזער באוועגונג אויך צווישן די ארבעטער אין די בורזשואזע לענדער? — ניין, אבער גאר ניט. דאס גאלאכנטום, די גייסט־לעכע און סעקטאנטן בא אונדז אין לאנד, ארויסטרעטנדיק קעגן די אפיקארסים און פרײַדענקער, באהויפטן, אז די אפיקארסעס, דער אטע־יזם וואקסט בלויז אין פסר"ר, מאכמעס בא אונדז אין לאנד זיינען די מענטשן „פינצטערע", „אפגעשטאנענע". אבער אין אויסלאנד, אין די „קולטורעלע לענדער", דארטן, זעט איר, גלויבן יא די ארבעטער אין גאט.

דידאזיקע באהויפטונגען פון די גייסטלעכע און סעקטאנטן זיינען, פארשטייט זיך, ניט מער ווי באבע־מייסעס. דער אטעיזם אין מיירעוו און אין אמעריקע האט זייער אסאך אנהענגער, וואס, עמעס, ניט שטענ־דיק זאגן זיי עס ארויס אפן. מ׳דארף ניט פארגעסן, אז אנרופן זיך עפנ־טלעך — אין א בורזשואז לאנד — אפיקוירעס, פרייַדענקער — הייסט אויס־שטיין אלערליי ליידן, צארעס און גאנץ אפט אויך פארפאלגונגען. א גאנצע ריי געריכט־פראצעסן פאר אפיקארסעס, פאר פרייַדענקערײַ זיינען פאר־געקומען אין איירָאפע פאר די לעצטע יארן. אין אמעריקע ווערט ניט אנגענומען אף די געריכט־פראצעסן די אנווייַזונגען פון יענע איידעס, וואס דערקלערן, אז זיי גלויבן ניט אין דער שטראף אף יענער וועלט און אין גאט.

אט דאס, ווי אויך א גאנצע ריי אנדערע מאמענטן, ביז אפילע צוואנג און גוואלט, ביז דער געפאר פון בלייבן אן ארבעט, אן שטיצע בעיס ארבעטלאזיקייט א.א.ו. צווינגט די ארבעטער צו זיין מיטגלידער פון דער קירך. מיטן פאלן פון דער בורזשואזער הערשאפט וועט זיך אופהייבן אויך אין דידאזיקע לענדער א מעכטיקע אטעיסטישע באווע־גונג.

אדאנק די אָנגעוויזענע סיבעס, איז כאָטש עס עקזיסטירנ אינ מייַ־רעוו און אינ אמעריקע אפּיקאָרסישע אָרגאניזאציעס, זייַנענ זיי אָבער קליינ אינ דער צאָל און שוואכ, אינ דער צייַט ווענ עמעסע, ווירקלעכע אפּיקאָרסים זייַנענ פאראַנ צווישנ די ארבעטער מיליאָנענ. אינ אמעריקע, אשטייגער, שטייט אויסער דער קירכ העכער העלפּט באפעלקערונג.

ווי עס האָט מיטגעטיילט דער ענגלישער קאָרעספּאָנדענט פונ דער צייַטונג „בעזבאָזשניק" כ' קאָרינ, איז אינ ענגלאנד סאָפ 1929 יאָר דורכגעפירט געוואָרנ צווישנ די ארבעטער אנ אנקעטע וועגנ זייער באַציִונג צו דער רעליגיע. אפ דער פראגע וועגנ דער סיבע פונ ניט באַזוכנ די קירכ זייַנענ צווישנ אנדערע פאראנ אויכ אזעלכע ענטפערנ: „וואָס האָט מענ פונ באזוכנ די קירכ", „ס'איז מיר אנגענעמער צו בלייַבנ אינדערהיימ". ס'איז אויכ פאראנ אזא ענטפער: „איכ וויל זיכ שפּילנ מיט מייַנע הינטלעכ" א.אז.וו.

אינ א טייל לענדער מערקט זיכ, ווי מע פארלאָזט און מע אנטלויפט פונ דער קירכ. א באזונדערס שטארקע באוועגונג פאר פארלאָזנ די קירכ האָט זיכ אנטוויקלט אינ עסטרייַכ נאָכנ צעשיסנ די ווינער ארבעטער אינ יולי 1932 יאָר דורכנ רעגירונג־גאלעכ זייפּעל.

אפנ בייַשפּיל פונ עסטרייַכ האָט זיכ באשטעטיקט די ריכטיקייַט פונ דער באהויפּטונג פונ די קאָמוניסטנ, אז אפ דער דערפארונג פונעמ קלאסנ־קאמפ איבערצייַגט זיכ דער ארבעטער־קלאס אינ דער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער ראָלע פונ דער קירכ.

אינ ווינ ווערט געפירט א סטאטיסטיק פונ די, וואָס טרעטנ ארויס פונ דער קירכ. דעריבער זייַנענ דאָ די ציפערנ מער אָדער ווייניקער ריכטיקע. וועגנ דעמ פארלאָזנ די קירכ אינ ווינ זאָגט אייַדעס דידאָזיקע טאבעלע (זע טאבעלע ז. 45 פונריבנ).

אפ יעדער טויזנט גלויביקע גייענ אוועק יערלעכ: פונ דער קאטוילישער קירכ — 89 מענטשנ; פונ דער עוואנגעלישער — 102; פונ דער אלט־קאטוילישער — 151. אָט די ציפערנ שטייַגנ אינ 10 און אינ מער מאָל איבער די צאָל ארויסטרעטונגענ פונ דער קירכ ביז דער מילכאָמע.

אינ דער שטאָט לייפּציק (דייַטשלאנד) זייַנענ פאר דער צייַט פונ 1919 יאָר ביז 1926 יאָר ארויסגעטראָטנ פונ דער קירכ, צוזאמענ מיט די מיטגלידער פונ די פאמיליעס, בא א פינפטל באפעלקערונג פונ דער שטאָט.

אינ האָלאנד, אינ דעמ לאנד, ווו די ווירקונג פונ די גײַסטלעכע איז באזונדערס שטארק, זײַנענ 8 פּראָצענט פונ דער באפעלקערונג ארויסגעטראָטנ פונ דער קירכ. די ענגלישע צײַטונגענ קלאָגנ זיכ קעסיידער אפנ וווקס פונ אפּיקאָרסעס אונ אטעיִזמ. באזונדערס אפּ דעמ, וואָס קײנער לײענט ניט די ביבל.

ארויסטרעטונגענ פונ דער קירכ אינ ווינ:

גלויבנ	ארויסטרעטונגענ פונ קירכ	
	די יאָרנ 1913—1905	די יאָרנ 1927—1919
רוימיש-קאטוילישער	12.348	119.870
עוואנגעלישער	2.500	8.131
אלט־קאטוילישער	265	2.435
ײדישער	4.999	8.994
אנדערע	268	613
צוזאמענ	20.380	140.048 מענטשנ

ארויסטרעטונגענ פונ דער קירכ אינ דײַטשלאנד:

יאָרנ	פונ דער עוואנגעלישער	פונ דער קאטוילישער
1919	229.778	33.842
1920	305.584	44.704
1921	246.075	40.447
1922	149.709	24.500
1923	111.866	18.075
1924	68.371	22.430
1925	131.730	34.752
צוזאמענ פאר די יאָרנ 1925—1919	1.243.083	218.750

צי דענ זאָגנ ניט דידאָזיקע פאקטנ איידעס אפ א שטארקנ וווקס פונ אטעיִזמ צווישנ די ארבעטער אינ די קאפיטאליסטישע לענדער?— די קירכ איז זייער באומרויִקט פונ דער וואקסנדיקער אפיקאָרסעס אונ פונ דעמ, וואָס די מאסנ גייענ אוועק פונ דער קירכ.

דעמ 25־טנ דעקאבער 1927 יאָר האָט די צייטונג „עכאָ פונעמ אונ־טערשטנ ריינ״ געשריבנ: „אינ אייראָפע באמערקט זיכ א שטארקער וווקס פונ א נייעמ מינ געצנדינעריי. אינ די גרויסע שטעט קענ מענ שוינ אָנציילנ הונדערטער טויזנטער מענטשנ, וואָס זיינענ ניט געטויפט געוואָרנ, אונ מיליאָנענ, וואָס האָבנ אינגאנצנ פארלאָזט זייער גלויבנ, ניט רעכנענדיק שוינ די אומגעהייערע גרויסע צאָל קריסטנ לויטנ נאָמענ, בא וועלכע דאָס גאנצע קריסטלעכע זייערס דריקט זיכ אויס אינ א טויפ־צייגעניש, קריסטנ, וואָס באזוכנ נאָכ פונ צייט צו צייט די קירכנ־דינסט, וואָס שיידנ זיכ אָבער אינ קיינ זאכ ניט אָפ פונ די נייע מאטע־ריאליסטנ־געצנדינער... אונ דידאָזיקע נייע געצנדינעריי כאפט ארומ אלצ מער אונ מער קריסטלעכע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג״...

מיטנ ציל צו פירנ א קאמפ קעגנ דער אפיקאָרסעס אונ פריידנקעריי פירנ די גייסטלעכע איינ פארשיידענע נייס אינ דער קירכ, מאָדערניזירנ זי,— זיי פירנ איינ אינ קירכ טעאטראלע פאָרשטעלונגענ, מוזיק, געזאנג, קינאָ א. אז. וו. די בורזשואזע רעגירונג פונ איר זייט ווידער פאר־שטארקט די פארפאָלגונגענ אפ די אפיקאָרסימ, אטעיִסטנ. דאָס אלצ אָבער קענ ניט אָפשטעלנ דאָס מאסנוועע אָפגיינ פונ די ארבעטער פונ דער רעליגיע אונ פונ די גייסטלעכע.

בעיִמ די איבערוואלנ פונ די פאבקאָמענ אינ דייטשלאנד, מארט 1929 י., איז אנ איבעריק מאָל באשטעטיקט געוואָרנ, אז די ארבעטער האָבנ ניט קיינ צוטרוי צו די גייסטלעכע אונ געטרויענ זיי ניט זייערע אינטערעסנ:— די קריסטלעכע פראָפאריינענ האָבנ אינ מערסטנטייל פאלנ באקומענ אסאכ ווייניקער שטימענ, איידער אינ 1928 יאָר.

אזוי, אשטייגער, איז אינ די שכּאָטישע איינריכטונגענ פונ דער שטאָט קעלנ דער רעזולטאט פונ די וואלנ געווענ זייער א טרויעריקער פאר די קריסטלעכע פראָפאריינענ. (זע טאב. ז. 47).

אזוי אז אינ 1929 יאָר האָט דער קריסטלעכער פראָפאריינ פארלוירנ 4 מאנדאטנ אונ די רעוואָליוציאָנערע אָפאָזיציע האָט געוווּנענ 7.

פארטייענ	צאָל שטימענ אינ 1929 יאָר	מאנדאטנ אינ 1928 יאָר	מאנדאטנ אינ 1929 יאָר
רעוואָליוציאָנערע אָפּאָזיציע (ווערט אָנגעפירט דורכ די קאָמוניסטנ),	2.153	2	9
דײטשישער טראנספּאָרטלער־פּאריינ.	731	4	2
פּאריינ פונ קעמיגאלע אונ רעגי־רונג־ארבעטער	510	5	2
קריסטלעכער פּראָפּאריינ.	1.594	10	6

אַז די שאכטעס פונ אויבער־שלעזיע האָט די רעוואָליוציאָנערע אָפּאָזיציע באקומענ 7.196 שטימענ; די סאָציאַל־דעמאָקראטנ — 7.009; די קריסטלעכע פּראָפּאריינענ נאָר — 2.433.

אזוי באווײזנ אָט די פאקטנ, אז אינ פּראָצעס פונעם קלאסנקאמפּ הייבנ אָנ די ארבעטער צו דערקענענ, ווער ס'איז זייער עמעסער פרײנט אינ ווער ס'איז זייער פײנט, אונ ניט געקוקט אפ די לאקריץ־זיסע, שעמעג־זאַיסדיקע רעדעס פונ גײסטלעכע, קערנ זיכ אויס די ארבעטער צו זיי מיטנ רוקנ אונ הייבנ אָפּט אָנ פירנ א קאמפּ קעגנ דער רעליגיע. א מאסעווע אטעיסטישע באוועגונג וועט דאָרט מעגלעכ ווערנ ערשט דעמאָלט, ווענ דער ארבעטער־קלאס וועט פארכאפּנ די מאכט אינ זײנע הענט.

11. די סאָציאַל־דעמאָקראטיע אונ די רעליגיע

אמאָל, אינ די גוטע צײטנ זייערע, האָבנ די סאָציאַליסטישע פּאר־טייענ, פאָלגנדיק די געבאָטנ פונ מארקסנ אונ ענגעלסנ, געלערנט, אז א רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־פּארטיי טאָר זיכ ניט באציִענ נייטראל צו דער רעליגיע. זי דארפ קעמפנ קעגנ איר, ווי קעגנ א דינער פונ קאפּיטאל. איינע פונ די פאָדערונגענ פונ דער פאר־רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראטיע איז געווענ די פאָדערונג וועגנ אָפּטיילנ אינגאנצנ די קירכ פונ דער מעלוכע.

נאָכ דער מילכאָמע האָט זיכ די לאגע אינגאנצנ געביטנ. די סאָציאַל־דעמאָקראטישע פּארטייענ ארבעטנ צוזאמענ מיט די פאשיסטנ, ווי בילדנ

מיט זײ אײגענעם רעגירונג־קאבינעטן, זײ ארבעטן צוזאמען מיט די גאלאָכישע פּארטײען, מיט די פּארטײען פון די גײַסטלעכע (אשטײגער, מיט דער קאטױלישער „צענטער" פּארטײ אין דײַטשלאנד).

די בורזשואזיע האלט זײער טײַער און שעצט די רעליגיע. און די סאָציאל־דעמאָקראטיע, ווערנדיק אלײן א פּאָטשטײער און פארטײדיקער פון דער בורזשואזיע, קען זיך דאָך נישט „קאָמפּראָמעטירן" מיט אנטי־רעליגיעזער טעטיקײַט און אָפן ארויסשטעלן דעם אטעיזם, ווי א פאָדערונג אין דער פּארטײ־פּראָגראם, ווי א וועלט־קוק פון יעדן פּארטײ־מיטגליד. און ווירקלעך: אײנער פון די איבערגעבורטס־סימאָנים, וואָס באווײַזט דאָס פארוואנדלען זיך פון די סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטײען אין פּארטײען בורזשואזע, איז אויך דאָס, וואָס דידאָזיקע פּארטײען האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונעם מארקסיסטישן קוק אױף דער רעליגיע.

די עסטרײַכישע, דײַטשישע, פראנצױזישע, בעלגישע און אנדערע סאָציאליסטישע פּארטײען האָבן פאר די לעצטע יאָרן אױף זײערע צוזאמענפאָרן ארויסגעוואָרפן פון דער פּראָגראם דעם פּונקט וועגן קאמף קעגן רעליגיע.

דער צוזאמענפאָר פון דער דײַטשישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּארטײ, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאגדעבורג 1929 יאָר, איז אנטשײדן אָנגעפאלן נישט אױף די גײַסטלעכע, נישט אױף דער קירך, וואָס פארפלאָנטערט דײַטשלאנד אין א נעץ,— נאָר אױף די אפּיקאָרסים, אױף די אטעיסטן. דער צוזאמענפאָר האָט געפאָדערט פון דער פּארטײ א „ברײטע אָריענטאציע" אין דער רעליגיעזער פראגע.

וואָס הײסט עס אזױנס א „ברײטע אָריענטאציע"? דאָס הײסט אין דער פּראקטיק א פּשאָרע, אן אָפּמאך (קאָנקאָרדאט) מיט דער קאטױלישער קירך, וואָס די סאָציאל־דעמאָקראטישע רעגירונג פון פּרײַסן האָט געשלאָסן אין 1929 יאָר.

יולי 1929־טן יאָר איז אין דער שטאָט נאנסי פאָרגעקומען א צוזאמענפאָר פון די פראנצױזישע סאָציאליסטן. ס'האָט זיך אנטוויקלט א דיסקוסיע פארן צוזאמענפאָר אין דער סאָציאליסטישער פּרעסע, און דערנאָך אױפן צוזאמענפאָר גופא, וועגן דער באציִונג פון דער פּארטײ צו דער רעליגיע. דער צוזאמענפאָר פון די פראנצױזישע פּשאָרעמאכער,

קאָמוניסטן האָט אויך אנערקענט, אז די סאָציאַליסטישע פּארטיי דארף קעגן דער רעליגיע ניט קעמפן.

מע דארף דערביי נעמען אין אכט, אז די פראנצויזישע סאָציאַליסטן האָבן גרויס ביישעק צו דער מאכט. אָקטיאבער כוידעש 1929־טן יאָר האָט מען זיי פארגעלייגט צו פאָרמירן א מיניסטאָרן־קאבינעט. פאר דעם, איידער נאָך די פראנצויזישע סאָציאַליסטן זיינען געקומען צו דער מאכט, האָבן זיי געפונען פאר נייטיק קלאָר און אָפן צו דערקלערן, אז זיי זיינען פריינט פונעם גאָלאָכנטום, קעדיי צו געפעלן ווערן דער בורזשואזיע, אַפ ווען זיי שטיצן זיך, אַפ ווען זיי שפארן זיך אָן.

די ענגלישע „ארבעטער“־רעגירונג האלט פאר איר כויוו אונטער־צושטרייכן בא יעדן גינסטיקן פאל איר איבערגעגעבנקייט דער רעליגיע.

אזוי איז די לאגע אויך אין אנדערע סאָציאַליסטישע פארטייען סיי אין זייער טעאָריע, סיי אויך אין זייער פּראקטיק: די צווישנפעל־קערלעכע סאָציאַל־דעמאָקראטיע ארבעט צוזאמען מיטן גאָלאָכנטום, שליסט קאָנקאָרדאטן מיט די גייסטלעכע א. אז. וו.

אזוי ארום באקומט זיך א צונויפשלוס צווישן צוויי ארטן בורזשואזע אידעאָלאָגיעס — צווישן דעם רעפאָרמיזם און דער רעליגיע. ביידע דינען זיי איין זאך — דער זאך פון דערשטיקן די רעוואָליוציאָנערע שטימונגען אינעם ארבעטער־קלאס.

די סאָציאַל־דעמאָקראטיע שטייט אין דער פראגע וועגן דער באַ־ציִונג צו רעליגיע, פונקט אזוי ווי אין אלע אנדערע פראגעס — א י ן ג א נ צ ן א פ ד ע ר פ א ָ ז י צ י ע פ ו ן ד ע ר ב ו ר ז ש ו א ז י ע.

דער קאָמינטערן און די רעליגיע

אין דער פראגע וועגן דער באַציִונג צו רעליגיע האלט זיך דער קאָמינ־טערן אין זיין פּראָגראם בא דער לערע פון מארקסן, ענגעלסן און לענינען.

מארקס און ענגעלס האָבן אין 1847 יאָר אינעם „קאָמוניסטישן מאַ־ניפעסט“ אָנגערופן די גייסטלעכע — „געדונגענע לוין־ארבעטער“ פון דער בורזשואזיע, און די רעליגיע — „בורזשואזער פאָרורטייל“, אונטער וועלכע עס ליגן באהאלטן די „בורזשואזע אינטערעסן“. מארקס, ענגעלס און לענין האָבן שטענדיק אונטערגעשטראָכן די קלאסן־ראָלע פון דער

רעליגיע אונ האָבנ געפאָדערט פונ דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־פארטײ קאמפ קעגנ דער רעליגיע.

לענינ האָט אינ 1905 יאָר אינ זײַנ ארטיקל: „סאָציאַליזמ אונ רעליגיע" געשריבנ: „... מיר פאָדערנ, אז די רעליגיע זאָל זײַנ א פריוואט־זאכ בענעגייע אונדזער אייגענער פארטײ". אונ ווײַטער — „בענעגייע דער פארטײ פונעמ סאָציאַליסטישנ פראָלעטאריאט איז די רעליגיע ניט קיינ פריוואט־זאכ. אונדזער פארטײ איז א פארבאנד פונ באוווסטזיניקע קעמפער פאר דער זאכ פונעמ ארבעטער־קלאס. אזא פארבאנד קענ ניט אונ טאָר ניט באציענ זיכ נייטראל צו אומבאוווסט־זיניקײַט, פינצטערניש אָדער גײַסטיקער פארשקלאפונג אינ דער פאָרמ פונ רעליגיעזע גלויבונגענ. מיר פאָדערנ פולשטענדיק אָפּצוטיילנ די קירכ פונ דער מעלוכע, קעדיי צו קעמפנ קעגנ דער רעליגיעזער פינצטערניש מיט א ריינ־אידייִשנ אונ טאקע בלויז מיט אידייִשנ געווער: מיט אונדזער פרעסע, מיט אונדזער וואָרט. מיר האָבנ אָבער אגעוו געגרינדעט אונדזער פארבאנד רסדא"פ טאקע אויכ צוליב קעמפנ קעגנ יעדער מינ רעגיליעזער פארשיקערונג פונ די ארבעטער. פאר אונדז איז דער אידייִשער קאמפ ניט קיינ פריוואטע, נאָר אנ אלגעמיינ־פארטייִשע זאכ, א געמיינזאמ־פראָלעטארישע זאכ" [1].

דער קאָמינטערנ האלט זיכ פולשטענדיק בא די אָנווײַזונגענ פונ מארקסנ, ענגעלסנ אונ לענינענ אינ דער פראגע וועגנ דער באציִונג פונ דער ארבעטער־פארטײ צו רעליגיע.

די פראָגראמ פונ קאָמינטערנ, וואָס איז אָנגענומענ געוואָרנ אפנ V־טנ קאָנגרעס, פאָדערט פונ יעדנ מיטגליד פונ דער קאָמוניסטישער פארטײ צו קעמפנ קעגנ דער רעליגיע אונ קירכ, ווי קעגנ א „הילפ־אפאראט פונ דער אימפעריאַליסטישער רעגירונג" [2].

די פראָגראמ שטרײַכט אונטער די שעדלעכע ראָלע פונ דער רעליגיע אינ דער ארבעטער־באוועגונג, אָנרופנדיק די קלעריקאלע ארבעטער־אָרגאניזאציעס (פראָפאריינענ, פארטייענ אונ אנד.) „רעאקציאָנערע אָטריאדנ פונעמ קלאסנ־פײַנט אינעמ לאגער פונ פראָלעטאריאט" [3].

---

[1] לענינ — „סאָציאַליזמ אונ רעליגיע" ב. 7, טייל 1, זײַט 51—49 (אינ רוסיש).

[2] פראָגראמ פונ קאָמינטערנ — מעלוכע־פארלאג, 1928 יאָר, זײַט 95 (אינ רוסיש).

[3] דאָרט, זײַט 96.

אינ די קאָלאָניעס דאַרפנ די קאָמפּאַרטייענ פירנ א „קאמפ מיט די רעאקציאָנערע אונ מיטלאַלטערלעכע ווירקונגענ פונ די גייסטלעכע". אינ די לענדער פונ פּראָלעטארישער דיקטאַטור — „פארנעמט אינ דער צאָל אופגאַבעס פונ דער קולטור־רעוואָליוציע, וואָס כאַפּט ארומ די סאַמע ברייטסטע מאסנ, א גאנצ באַזונדער אָרט דער קאמפ מיטנ אָפּיום פונ די פעלקער — מיט דער רעליגיע, א קאמפ, וואָס דארפ געפירט ווערנ סיסטעמאַטיש אונ אָנ אופהער" [1].

מיר זעענ, אז אינ דער פּראָגראַמ פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל ווערט געגעבנ א פולשטענדיק קלאָרע איינשטעלונג אינ דער פראַגע וועגנ דער באַציִונג צו רעליגיע. דאָ איז קיינשומ געמיינזאַמעס, קיינשומ ענלעכעס ניטאָ צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שטעלונג בענעגייע דער פראַגע.

אינ דער צייט, ווענ די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיכ אינגאַנצנ אָפּגעזאָגט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קאמפ מיט דער בורזשואַזיע, ארבעט צוזאַמענ מיט איר אינ די אינטערעסנ פונ „פרידנ אינ דער אינדוסטריע" אונ ארבעט־מיט מיטנ צווייטנ טרייענ דינער פונ דער בורזשואַזיע — מיט דער קירכ, — אינ דער צייט אָרגאַניזירנ די קאָמפּאַרטייענ דעמ ארבעטער־קלאַס צומ קאמפ קעגנ דער רעליגיע אונ סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אָט דעריבער טאַקע קענ נאָר די קאָמוניסטישע פּארטיי אָנפירנ מיט דער באַוועגונג פונ די ארבעטער פאַר אוויסטרעטנ פונ דער קירכ.

די אַפּיקאָרסישע באַוועגונג אינ די בורזשואַזע לענדער

אַפּיקאָרסישע אָרגאַניזאַציעס, אַזוינע ווי דער אַפּיקאָרסימ־פארבאַנד אינ פסר"ר, זייַנענ אויכ פאַראַנ אינ די בורזשואַזע לענדער. איייניקע פונ זיי ציילנ שוינ צענדליקער יאָרנ עקזיסטענצ (אַשטייגער, אינ דייטשלאַנד). עמעס, די ארבעט־באַדינגונגענ דאָרט זייַנענ, אדאַנק די פארפאָלגונגענ, אַסאַכ שווערער ווי אינ פסר"ר, אַטעיִזמ, פרייַדענקעריי ווערט פארפאָלגט אינ די בורזשואַזע לענדער, אונ די אַפּיקאָרסימ־געזעלשאַפטנ ווערנ דאָרט פאנאַנדערגעטריבנ. אינ פוילנ, אַשטייגער, האָט דעמ „פארבאַנד פונ פּראָלעטארישע פרייַדענקער" די פּאָליציי

[1] פּראָגראַמ פונ קאָמינטערנ, זייט 75.

צעטריבן אין 1928 יאָר. זײַנע אָרגאַנען „גערדאַנק" (אין דער פּוילישער שפּראַך) און „פרײַדענקער" (אין דער ייִדישער) האָט די פּאָליציי פאַרמאַכט. אין איטאַליע האָבן די פאַשיסטן, ווי נאָר זיי זײַנען געקומען צו דער מאַכט, פאַרניכטעט, צעשטערט די עלטסטע אַפּיקאָרסישע געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון דזשאָרדאַנאָ ברונאָ.

די אַפּיקאָרסישע (אַטעיִסטישע) אָרגאַניזאַציעס אין די מערב-לענדער טיילן זיך אויף צוויי פּרינציפּיעל-פֿײַנטלעכע גרופּעס: 1) בורזשואַזע פרײַדענקערישע און 2) פּראָלעטאַרישע.

די בורזשואַזע פרײַדענקער, וואָס רעקרוטירן זיך סך פון דער קליינבורזשואַזער ראַדיקאַל-געשטימטער אינטעליגענץ, גייען צו צו דער רעליגיע בלויז ווי צו אַ פאַרבלענדעניש פונעם מענטשלעכן געדאַנק, אינגאַנצן איגנאָרירנדיק די פּאָליטישע ראָלע פון דער רעליגיע. פאַר די קליינבירגערלעכע פרײַדענקער (וואָס זײַנען פאַראייניקט אין בריוסעלער אינטערנאַציאָנאַל) איז דער קאַמף קעגן רעליגיע בלויז אַ קאַמף קעגן דער קראַפט, וואָס שטערט „דער אַנטוויקלונג פון קולטור".

פאַר די פּראָלעטאַרישע אַפּיקאָרסים ווידער, פאַר אונדזערע אַטעיִסטן, איז דער קאַמף קעגן רעליגיע קודעמקאָל אַ פּאָליטישער קאַמף קעגן איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פונעם קאַפּיטאַליזם.

די פּראָלעטאַרישע פרײַדענקער זײַנען פאַראייניקט אינעם „אינטערנאַציאָנאַל פון פּראָלעטאַרישע פרײַדענקער" (אי. פּ. פ.), וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין 1925 יאָר.

בײַ הײַנטיקן טאָג גייען אַרײַן אינעם אינטערנאַציאָנאַל די פרײַדענקערישע אָרגאַניזאַציעס פון פאָלגנדיקע לענדער: פון עסטרײַך, בעלגיע, דײַטשלאַנד, דענעמאַרק, פּוילן, פראַנקרײַך, שווייץ און צפון-אַמעריקע.

אין גרונט באַטראַכט דער א. פּ. פ. די רעליגיע אַלס „אַ פאַרבינדעטע פונעם קאַפּיטאַליזם", אַלס „אַן אידעאָלאָגישער קויעך פון דער רעאַקציע", וואָס האָט דעם ציל „אָפּצוווענדן, אָפּצוציִען דעם פּראָלעטאַריאַט פון זײַנע לעבן-אינטערעסן". דער קאַמף קעגן רעליגיע איז אַ טייל פונעם רעוואָלוציאָנערן באַפרײַונג-קאַמף און דאַרף דעריבער זיך שטעלן צו דינסט דעמדאָזיקן קאַמף"[1].

[1]) דער טעקסט פון פּראָגראַם און סטאַטוט פון אי. פּ. פ. איז געדרוקט אינעם זשורנאַל „אַנטירעליגיאָזניק" № 2 1925 יאָר.

די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע פונעם אינטערנאַציאָנאַל, אַכוץ דעם אפּיקאָרסים־פאַרבאַנד אינ פסר״ר, איז די אָרגאַניזאַציע פונ די דײַטשישע אפּיקאָרסים, וואָס ציילט העכער 600.000 מיטגלידער.

אינעם אינטערנאַציאָנאַל פונ די אַטעיִסטנ איז ניטאָ קײנ פולשטענדיקע אײניקײַט. אינ אויספירקאָם פונעם אינטערנאַציאָנאַל גופא, אַזוי אויכ אינ דער אָנפירונג פונ דער דײַטשישער אונ עסטרײַכישער אָרגאַניזאַציע, שטײענ סאָציאַל־דעמאָקראַטנ. די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ פירנ ניט, פאַרשטײט זיכ, קײנ אויסגעהאַלטענע פראָלעטאַרישע ליניע אינעם קאַמף קעגנ דער רעליגיע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ טויטנ אָפּ יעדע רעוואָליוציאָנערע איניציאַטיוו, פאַרפלאַכנ אונ פאַרטושירנ יעדנ סימענ פונ רעוואָליוציאָנערישקײַט, נעמענ אַרויס דעם רעוואָליוציאָנערנ אינהאַלט פונ דער אַרבעט פונ די אפּיקאָרסים־געזעלשאַפטנ. זײ שטערנ די געזעלשאַפטנ צו פירנ אַ קאַמף (קעגנ באַהערשנ די שולנ דורכ די גײַסטלעכע, קעגנ די קאָנקאָרדאַטנ א. אַז. וו.). די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָנפירער פונ די פרײַדענקערישע פאַרבאַנדנ האָבנ דערקלערט אַ קאַמף, אַ קרײצצוג קעגנ די קאָמוניסטנ, ווײַל זײ האָבנ מוירע פאַרנ וווקס פונ דער קאָמוניסטישער ווירקונג, זײ ציטערנ, אַז זײ, די קאָמוניסטנ, זאָלנ זיכ סאָפּקאָלסאָפּ ניט שטעלנ אינ דער שפּיצ פונ די אַטעיִסטישע אָרגאַניזאַציעס.

דעריבער טאַקע שליסט מענ אויס אינ דער דײַטשישער אָרגאַניזאַציע, אַשטײגער, די קאָמוניסטנ פונעם פאַרבאַנד, דעריבער טאַקע פירט מענ עס אַזאַ העצע קעגנ זײ אינ דער פרעסע. דער אויספירקאָם פונעם אינטערנאַציאָנאַל האָט אינ יאַנוואַר כוידעש 1930 יאָר אויסגעשלאָסנ פונ אינטערנאַציאָנאַל די טשעכאָ־סלאָוואַקישע אָרגאַניזאַציע, צוליב פאָרמעלע מאָטיוונ (ווײַל זי האָט קלוימערשט ניט אײַנגעצאָלט צו דער צײַט די מיטגליד־אָפּצאָלנ), אונ אינדערעמעסנ בלויז דערפאַר, ווײַל זי געפינט זיכ אונטער דער ווירקונג פונ די קאָמוניסטנ.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ פאַרוואַנדלענ די אפּיקאָרסישע, אַטעיִסטישע אָרגאַניזאַציעס אינ אַ צוגאָב צו זײער פאַרטײ. אָבער טאַקע דאָס ברענגט צו אַ שטאַרקנ וווקס פונ אומצופרידנקײַט צווישנ די אַרבעטער־מיטגלידער פונ די פרײַדענקערישע אָרגאַניזאַציעס. אַדאַנק דעם טאַקע ווערט פאַרשטאַרקט אינ די אפּיקאָרסישע פאַרבאַנדנ די לינקע אָפּאָזיציע, וואָס

איז ניט צופרידן מיט דער פשאָרעמאַכערישער, אָפּאָרטוניסטישער ארבעט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער.

ווי שטארק ס'איז די לינקע אָפּאָזיציע קען מען זען דערפון, וואָס סאָף 1929 יאָר איז אפילע פאָרגעקומען אין דייטשלאנד א צוזאמענפאָר פון דער אָפּאָזיציע. די אָפּאָזיציע האָט אירע אייגענע צייטונגען („אטעיסט" א. אנד.) און סטארעט זיך אויסצונוצן די דערפארונג פון די אפיקאָר־סישע געזעלשאפטן אין פסר"ר.

דער צוזאמענפאָר פון דער אָפּאָזיציע האָט ארויסגערופן דעם אפי־קאָרסים־פארבאנד פון פסר"ר אף א סאָציאַליסטישער פארמעסטונג.

II. די רעליגיע אלס געווער פונ קאָלאָניאלע רויבעריַיענ און אימפּעריאליסטישער פארכאפּונג-פּאָליטיק

קיינ איינ מילכאָמע, קיינ איינ קאָלאָניאלע רויבערײַ, קיינ איינ אימפּעריאליסטישע אנעקסיע (פארייגענונג, פארכאפּונג) איז זיכ ניט באַגאנגענ אָנ דעמ אָנטייל פונ רעליגיעזע אָרגאניזאציעס. זייער ראָלע אינ יעדנ לאנד איז באשטאנענ אינ פארגרינגערנ די אימפּעריאליסטנ מיטנ אווטאָריטעט פונ דער רעליגיע צו פארכאפּנ קאָלאָניעס. מאָנאכנ, יעזויטנ, מיסיאָנערנ — דאָס זײַנענ די ערשטע אייראָפּייער, וואָס האָבנ זיכ באוויזנ אפּ מיזרעכ, אינ אינדיע, כינע, מאָנגאָליע. זיי זײַנענ די ערשטע ארײַנגעדרונגענ אינ אָט די ווײַטע, פארוואָרפענע ווינקלענ. נאָכ זיי האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ סאָכרימ מיט זייערע קאראוואנענ און, צולעצט, מיליטער מיט קאנאָנענ.

דער רוימישער פּויפּסט האָט אָנגעהויבנ שיקנ פארשיידענע מיסיעס קיינ כינע נאָכ אינ VII-טנ יאָרהונדערט. רעגולער זײַנענ געשיקט געוואָרנ מיסיעס אויכ אינ XIV-טנ יאָרהונדערט. דערנאָכ איז עפּעס פאָרגעקומענ אנ איבעררײַס.

דאָס ארײַנדרינגענ אינ כינע הייבט זיכ ווידער אָנ אינ XVI-טנ יאָרהונדערט. אינ 1582 יאָר האָבנ זיכ באוויזנ אינ קאנטאָנ צוויי פּאָרטוגאלישע יעזויטנ. נאָכ זיי האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אהינ פּאָרטוגאלישע סאָכרימ. די ראָלע פונ די מאָנאכנ-מיסיאָנערנ איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס זיי זײַנענ געווענ אויספירער אינ דער ווײַטער, נאָכ אומבאקאנטער פאר די אייראָפּייער צו יענער צײַט כינע.

זיי האָבנ אויסגעפאָרשט אונ דערלערנט דאָס לאַנד, קלאָר געמאַכט די מעגלעכקײַט צו פאַרבינדנ דערמיט האַנדל־באַציִונגענ. זיי האָבנ אויכ אויסגעפילט די פונקציעס פונ דיפּלאָמאַטישע אַגענטנ, ווײַל קיינ פאַר־שטייער פונ די אייראָפּעיִשע מעלוכעס איז נאָכ דעמאָלסט אינ כינע ניט געווענ.

אינ 1575 יאָר, ווענ די שפּאַניער האָבנ באַדאַרפט אײַנרעגולירנ זייערע האַנדל־איניאָנימ מיט כינע, זײַנענ געשיקט געוואָרנ אַהינ צוליב דעמ צוועק צוויי מאָנאַכנ. אָנקומענדיק קיינ כינע, האָבנ די מאָנאַכנ געמאָלדנ, אַז אינ זייער ציל גייט אַרײַנ: 1) אויפשטעלנ אַנ ענגע פאַר־בינדונג צווישנ די ביידע פעלקער, 2) אויסלערנענ זיכ די שפּראַכ אונ פאַרשפּרייטנ דאָס קריסטנטומ.

די רוסישע צאַרישע רעגירונג האָט ביזנ 1860 יאָר ניט געהאַט קיינ דיפּלאָמאַטישע מיסיע אינ כינע. דידאָזיקע ראָלע האָט אויסגעפילט די מיסיע פונ גײַסטלעכע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אינ פּעקינ אינ 1685 י. וועגנ גרינדנ אַזאַ מיסיע האָבנ געבעטנ די סאָכרימ, וואָס האָבנ גע־האַט האַנדל־באַציִונגענ מיט כינע. אינ דער אויפגאַבע פונ דער קאָמיסיע פונ די גײַסטלעכע איז אַרײַנגעגאַנגענ — באַשיצנ די אינטערעסנ פונ די רוסישע סאָכרימ.

אינטערעסאַנט צו באַמערקנ, אַז קימאַט ביזנ 1827 י. איז די קאָמי־סיע פונ די גײַסטלעכע אויסגעהאַלטנ געוואָרנ אַפ די מיטלענ פונ דער כינעזישער רעגירונג.

אַלע קאָלאָניאַלע רויבער איז נייטיק פריִער פונ אַלצ — אויסשפּירער, דערקונדיקער, שפּיאָנענ קעדײ אויסצולערנענ אַפנ ווײַטנ מיזרעכ די לענדער, וועלכע די אייראָפּייער האָבנ זיכ געקליבנ צו פאַרנעמענ. די ראָלע פונ אַזעלכע אויסשפּירער האָבנ טאַקע אויסגעפילט די מאָנאַכנ, מאַ־גידימ, פּריידיקער, מיסיאָנערנ, וואָס האָבנ אַרײַנגעדרונגענ טיפ אינ דער כינעזישער טעריטאָריע, — אַהינ, ווו ס'האָט נאָכ קיינמאָל קיינ אייראָ־פּעיִשע פוס ניט געטראָטנ.

די כינעזער האָבנ גאַנצ ריכטיק אָפּגעשאַצט די אַרבעט פונ די מי־סיאָנערנ, אַלס אַוואַנגאַרד, נאָכ וועלכנ עס וועט באַלד אָנקומענ אַנ אַרמײ פאַרכאַפּערס. אַזוי, אַשטייגער, האָבנ די כינעזער אינ די פערציקער יאָרנ פונעמ פאַריקנ יאָרהונדערט, צוזאַמענ מיט דער פאָדערונג, אַז די ענג־

לענדער זאָלן אופהערן אַרײַנפירן אָפּיום קײן כינע, אויך געבעטן: „טוט אונדז א טױװע, נעמט אײַך צו דעם אָפּיום און אויך די מיסיאָ־נערן". — סארא ליבע פּאָר!

אַפ װיפל כינע האָט געליטן פונעם אָפּיום, מיט װעלכן די שטארק־פרומע ענגלענדער האָבן סיסטעמאטיש פארסאמט די כינעזער, אַפּ אזוי־פיל האָט כינע אויך געליטן פון די טרעגער פונעם צװײטן אָפּיום — פון די מיסיאָנערן, און פּונקט אזוי, װי כינע איז אופגעשטאנען קעגן אַרײַנפירן אָפּיום, איז זי אויך ניט אײנמאָל שוין אופגעשטאנען קעגן די מיסיאָנערן.

אנטימיסיאָנערישע באַװעגונגען זײַנען פאָרגעקומען אין כינע אין די יאָרן — 1870, 1883-84, 1886, 1888, 1890, 1891, 1906.

און פּונקט אזוי, װי די קאָלאָניאַלע פארכאפּערס האָבן פארטײדיקט און באַשיצט זײער רעכט צו פארסאמען די כינעזער מיט אָפּיום, אזוי האָבן זײ אויך פארטײדיקט און באַשיצט די רעכט פון די מיסיאָנערן צו ארבעטן אין כינע.

נאָך דער מילכאָמע פון די אײראָפּעישע מעלוכעס מיט כינע אין 1826 י. איז דער רעזולטאט פון די געשלאָסענע אָפּמאכן „געװען דאָס, װאָס די מיסיאָנערישע טעטיקײַט אין כינע האָט באַקומען אינגאנצן אַן אנ־דער אײַנשטעלונג — אָנשטאָט א געפערלעכע און ריזיקאלישע אונטער־נעמונג, װי זי איז געװען ביז יענער צײַט, איז זי געװאָרן א בעערעכ באַקװעמע, קאָמפּאָרטאבעלע און זיכערע פארװײַלונג, א מין צעשטרײַונג װאָס איז פארבונדן מיט אינטערעסאנטע רײַזעס איבער אומבאַװוסטע לענדער, אונטער דער זיכערער שוץ פונעם אײגענעם קאָנסול" — אזוי שרײַבט פארקער, דער געװעזענער ענגלישער קאָנסול אין צזיון־טשזשאָו אין זײַן ביכל װעגן כינע [1]).

מיטן קױעכ פון געװער האָבן די פארכאפּערס געצװוּנגען די כינעזער אויסצוהערן און אָנצונעמען די לערע פון זײערע אגענטן — די מיסיאָנערן. אינעם אָפּמאכ, װאָס איז אין 1858 י. געשלאָסן געװאָרן צװישן כינע און ענגלאנד, איז פאראן אזא פּונקט: „ארטיקל 8. די קריסטלעכע רע־ליגיע פון די פּראָטעסטאנטן, אזוי אויך פון די רוימישע קאטאָליקן, פאר־

---

1) פארקער, „כינע". אויסגאבע פון 1903 יאָר, זײַט 171.

פליכטעט צו זײַנ טוגנטלעכ, װױלטעטיק. זי לערנט דעמ מענטשנ צו טונ דאָס, װאָס ער פארלאנגט, אז אנדערע זאָלנ בענעגײיע צו אימ טונ [1]. בעכײנ דארפנ אױכ יענע אלע פערזאָנענ, װאָס דערלערנענ דידאָזיקע רעלי־גיע אָדער גלױבנ אינ איר, האָבנ רעכט פונ דער כינעזישער מאכט, אונ קײנער פונ די, װאָס פארנעמענ זיכ פרידלעכ מיט זײער בארופ אונ טוענ ניט קײנשומ פארברעכנ קעגנ געזעצ, דארפנ ניט פארפאָלגט װערנ אָדער געשטעדט װערנ אינ זײער ארבעט".

ניט גענוג נאָכ, װאָס מ'האָט די כינעזער געצװוּנגענ צו דולדנ דעמ יאָכ פונ די פארכאפערס, האָט מענ זײ נאָכ אױכ גענױט צו באשיצנ די רעליגיע, אינ װעמענס נאָמענ מ'האָט זײ גערױבט.

אָט אזױנע פונקטנ װעגנ באשיצנ די מיסיאָנערנ זײַנענ אױכ פאראנ אינ די אָפמאכנ, װאָס זײַנענ געשלאָסנ געװאָרנ אינ 1858 י. צװישנ כינע מיט פראנקרײַכ אונ רוסלאנד.

די צארישע רעגירונג האָט נאָכ בױלעטער פאָרמולירט דעמדאָזיקנ פונקט אינ איר אָפמאכ מיט כינע: „ארטיקל 8. די כינעזישע רעגירונג, אנערקענענדיק, אז די קריסטלעכע לערע העלפט מיט אײַנצופירנ אָרדע־נונג אונ אײַנפארשטאנדיקײַט צװישנ מענטשנ, פארפליכטעט זיכ ניט בלױז ניט צו פארפאָלגנ אירע אונטערטאנענ פארנ אױספילנ די געבאָטנ פונעמ קריסטלעכנ גלױבנ, נאָר אױכ צו באשיצנ זײ... האלטנדיק די קריסטלעכע מיסיאָנערנ פאר גוטע לײַט, װאָס האָבנ ניט אינ זינענ קײנ אײגענע נוצנ, דערלױבט זײ די כינעזישע רעגירונג צו פארשפרײטנ דאָס קריסטנטומ צװישנ אירע אונטערטאנענ"...

אונטער דער שוצ פונ הארמאטנ פארדרײענ אונ פארפלאָנטערנ די מיסיאָנערנ כינע אינ זײער נעצ.

די פאָלגנדיקע טאבעלע באװײַזט זיפ דער *קאטױלישער באַ־װעגונג אינ כינע* [2].

---

1) אפ װיפל די עכט-פרומע מיסיאָנערנ „טוענ יענעמ דאָס, װאָס זײ אלײנ װילנ ניט, אז מ'זאָל זײ טאָנ" — קענ מענ זעענ פונ פאָלגנדיקנ פאל: אינ יולי כױדעש 1926 י. איז אינ דער שטאָט טאָקיאָ (אינ יאפאָניע) פאָרגעקומענ א געריכט איבער אנ אמעריקאנער מיסיאָנער מיטנ נאָמענ כײסמער, װאָס כױשעד זײַענדיק א ייִנגל אינ גאנװענענ אנ עפל, האָט ער אימ אױסגעבערענט אפנ באק מיט א גליִענדיקנ אײַזנ דאָס װאָרט „גאנעװ". װי ס'איז צו זעענ, פאָרט זיכ גאנצ גוט עכטע פרומקײַט מיט עכטנ סאדיזמ.

2) טרושילינ — „די הײַנטיקע כינע", פעטערבורג, 1910 י. ז. 303 (אינ רוסיש).

יאָרן	עפּיסקאָפּן	גאַלאָכים	אָפּגעטױפטע
1820	6	80	215,000
1846	12	——	500,000
1870	——	——	400,000
1881	40	664	העכער 1 מיליאָן
1905	44	1756	950,000

די צאָל אריבערגעצױגענע צום קאטױלישן גלױבן איז דאָ אָן שום ספק אַן איבערגעטריבענע, מאכמעס גאנץ אָפט גײען איבער צו די קאטאָליקן אזױנע, װאָס זוכן עפּעס א נוצן, און נאָר אױסערלעך נעמען זײ אָן דאָס קריסטנטום. געװײנטלעך סטארען זיך די מיסיאָנערן צו פארהיטן, צו פארטײדיקן זײערע אָנהענגער־כינעזער פון דער טעטיקײַט פון דער אָרטיקער אדמיניסטראציע; פונעם געריכט.

קעדײ מיט מער דערפאָלג צוציִען די כינעזער אױף זײער זײַט, מוזן די קאטױלישע מיסיאָנערן צופאסן זײער רעליגיע צו דעם געשמאק פון די כינעזער. זײ שילדערן, אשטײגער, קריסטוסן און די יונגפרױ מאריע אין כינעזישע קלײדער.

די פּראָטעסטאנטן האָבן אָנגעהױבן ארבעטן אין כינע שפּעטער פון די קאטױליקן, — ערשט אין 1807 י.

די צאָל אריבערגעצױגענע אין פּראָטעסטאנטישן גלױבן באװײַזט די פאָלגנדיקע טאבעלע [1].

יאָרן	מיסיאָנערן	זיך געטױפט
1877	305	ניטאָ קײן ידיעות
1898	2,500	" " "
1906	3,445	256,779

1) טױשיליג — זײַט 305.

די מיסיאָנערישע אָרגאַניזאַציעס אין די קאָלאָניעס האָבן אין זייער רעשוס שולן, שפּיטעלן, בילדונג־ און אויפקלער־אַנשטאַלטן. דורך די־דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס פאַרשפּרייטן זיי עס זייער ווירקונג צווישן דער באַפעלקערונג.

„אין כינע זײַנען פאַראַן ניט ווייניקער פון 1.445 ענגליש־זאַקסישע מיסיאָנערישע שולן, מיט 32.03 שילער. און נאָך 241 מיטעלע און העכערע שולן מיט 7.5.2 שילער. נאָך אַ גרעסער אָרט פאַרנעמען די אַמעריקאַנישע מיסיאָנערישע שולן אין כינע — זייער צאָל באַטרעפט 1992 פאָלקשולן מיט 44.354 שילער און 286 הויכשולן מיט 23.040 שילער. דאָס דײַטשישע פּראָטעסטאַנטישע מיסיאָנערנטום ציילט אײַנגאַנצן 5.400 שילער. די קאַטוילישע קירך פאַרמאָגט 6.877 פאָלק־שולן מיט 126.305 שילער. אַכוצדעם ווערן יעדער יאָר אָפּגעשיקט קיין אַמעריקע 500 כינעזישע סטודענטן אַף צו באַקומען דאָרט בילדונג".

די דאָזיקע שורות האָט געשריבן ניט קיין אַטעיִסט, ניט קיין פרײַדענקער, נאָר אַ דײַטשישער מאָנאַרכיסט, איינער שטערן־רובערט, אין זײַן ביכל „פּראָפּאַגאַנדע", וואָס איז אַרויס פון דרוק אין 1921 י. אין בערלין.

וואָס־זשע, מיינט איר עפּשער, אַז דער־דאָזיקער מאָנאַרכיסט האַלט פאַר ניט פּאַסיק, אָדער פאַר אומווירדיק, דאָס פאַרקנעכטן, פאַרשקלאַפן כינע דורך די מיסיאָנערן? — האָט איר טאַקע אַ גרויסן טעות. שטערן־רובערט קלערט עס גאָרניט. ער קלאָגט זיך נאָר, וואָס אַנדערע לענדער האָבן איבערגעיאָגט דײַטשלאַנד אין עם געביט פון מיסיאָנערישער טעטיקייט.

„די ענגלישע און אַמעריקאַנישע מיסיאָנערן, וואָס פאַרמאָגן אומבאַגרענעצטע געלט־מיטלען, האָבן סײַ רעליגיִעזע, סײַ אויך נאַציאָנאַלע צילן. יעדער איינער דאַרף געבוי וויסן די ענגליש־זאַקסישע טעטיקייט פון די מיסיאָנערן אין די לענדער פון יענער זײַט אָקעאַן און גוט געדענקען, אַז זי ווערט געפירט מיט דער צושטימיקייט פון דער רעגירונג און איז אין טאָג געוואָרן זייער אַ וויכטיקער פאַקטער פון גײַסטלעכער און פּאָליטישער ווירקונג, וואָס די רעגירונג באַנוצט זייער פּאָרזיכטיק און איידל... בײַ הײַנטיקן טאָג אַרבעטן אין כינע ניט ווייניקער פון 3.000 אַמעריקאַנישע מיסיאָנערן, זיי האַלטן אויס ניט ווייניקער פון 130

שפיטאָלנ אונ א טייל ספעציעל־באשטימטע פאר די כינעזער, אוניווערסי־טעטנ אונ הויכע לערנ־אנשטאלטנ. די פילצאָליקע כינעזישע סטודענטנ, וואָס לערנענ זיכ אינ אמעריקע, באקומענ אנ אומבאגרענעצטע שטיצע אונ מיטהילפ פונ דער אמעריקאנער רעגירונג[1]. בלויז אפ צו פירנ די דערציִונג־ארבעט אינ כינע גיבנ אויס די צפונ־אמעריקאנער פאראייניקטע שטאטנ בא 20 מיליאָנ רובל״[2].

בא הײַנטיקנ טאָג איז כינע א טעטיקײַט־ארענע פאר פארשיידענע אונ אלערליי רעליגיִעזע אָרגאניזאציעס פונ אייראָפּע אונ אמעריקע. לויט ניט קיינ פולע יעדיִעט ארבעטנ איצט אינ כינע: די בריטישע ביבלישע געזעלשאפט, וואָס פארשפרייט די אזויגערופענע „הייליקע שריפט״ אינ כינע, די שאָטלענדישע ביבלישע געזעלשאפט, די רעטונג־ארמיי, די אמעריקאנער לוטעראנישע פאראייניקונג, דער קריסטלעכער פארבאנד פונ יונגעלײַט (אינ 1920 י. האָט דערדאָזיקער פארבאנד פארמאָגט 32.659 מיטגלידער צווישנ דער כינעזישער יוגנט), דער קריסטלעכער פארבאנד פונ יונגע פרויענ אונ אסאכ אנדערע אָרגאניזאציעס.

לויט ניט קיינ פולע יעדיִעס זײַנענ די קריסטלעכע מיסיעס אינ כינע באשטאנענ אינ 1925 י. פונ 7.663 מיסיִאָנערנ אינ 740 מיסיִאָנערישע פונקטנ. די מיסיִאָנערנ האָבנ צו יענער צײַט אָנגעפירט מיט 7.114 אָנפאנג־שולנ מיט 251.841 שילער, 333 מיטעלע אונ העכערע שולנ מיט 25.597 שילער, 219 קינדער־הײַזער, 18 פאבזאָוואָדישע שולנ, 42 לערער־סעמינארנ, 24 קריסטלעכע קאָלעדזשנ אונ

---

1) פאר אמעריקע לוינט זייער, אז אינ אירע אוניווערסיטעטנ זאָלנ זיכ לערנענ כינעזישע סטודענטנ: זי גרייט צו מענטשנ, איבערגעגעבענע זיכ, אונ פאר כינע — קאָנטר־רעוואָלוציִאָנערנ. אינ א געשפרעכ מיט א פאָרשטייער פונ דער צײַטונג „פראוודא״ האָט א כינעזישער טוער, יונ־אי־זשענ, געזאָגט וועגנ די סטודענטנ, וואָס לערנענ זיכ אינ אמעריקע, אזוי: „דיזאָזיקע אמעריקאניזירטע אינטעליגענטנ דענקענ געוויינלעכ נאָר וועגנ באקומענ א גוטע שטעלע, א וואַרעמ ערטל אינעמ מעלוכע־אפאראט. דאָס זײַנענ אויסגעשפראָכענע קאָנטר־רעוואָלוציִאָנערע עלעמענטנ״... „פראוודא״ פארנ 4־טנ אוגוסט 1926 י.

2) שטערנ־רובערט, „פראָפאגאנדע״ בערלינ 1921 י. מ׳דארפ ניט פארגעסנ, אז דאָס איז געשריבנ געוואָרנ אינ 1921 י. פונ יענער צײַט אָנ איז, אראנק דעמ וווּקס פונ דער נאציִאָנאלער באפרײַונג־באוועגונג אינ כינע, די צאָל פונ אלע מיסיִאָנערישע אָרגאניזאציעס אויסגעוואָקסנ אפ אזויפיל, אפ וויפל עס איז אויסגעוואָקסנ די צאָל ארמייענ פונעמ קאפיטאליזמ אינ כינע.

אוניווערסיטעטן מיט 2.811 סטודענטן, 125 מאגידישע און ביבלישע שולן מיט 3.440 שילער. דאָקטוירים אין די מיסיאָנערישע פונקטן זיינען געווען: מענער—381, פרויען—118. אכוצדעם האָבן דידאָזיקע מיסיעס נאָך פארמאָגט שפיטאָלן, יעסוימים־הייזער, אנשטאלטן פאר טויב־שטומע, פאר גייסטיק־קראנקע א. אז. וו.

ס'איז גאנץ פארשטענדלעך, אז האָבנדיק אזא ברייט־צעצווייגטע נעץ פון אָרגאניזאציעס, פארמאָגנדיק גרויסע געלט־מיטלען, האָבן די מיסיאָנערן זייער לייכט געקענט ארומכאפן מיט זייער ווירקונג געוויסע קרייזן פון דער באפעלקערונג.

ווער גיט עס די מיטלען אף אויסצוהאלטן דידאָזיקע אָרגאניזאציעס? בלויז איין מיסיאָנערנטום אין כינע קאָסט אָפּ יערלעך 70 מיליאָן דאָלאר *) די מיטלען אף דער מיסיאָנערישער טעטיקייט גיבן די גרויסע קאפיטאליסטישע פאריינינקונגען און די בורזשואזע מעלוכעס. פון זיי אמעריקע—50 מיליאָן, ענגלאנד 11 מיליאָן און 9 מיליאָן—אלע איבעריקע לענדער. ס'איז דעריבער גאנץ קלאָר, אז די מיסיאָנערן זיינען פריער פון אלץ אגענטן פונעם אמעריקאנער און ענגלישן אימפעריאליזם.

ס'איז אינטערעסאנט צו פארגעדענקען דעם פאקט, אז ניט בלויז די קריסטלעכע קירכ האָט אין כינע אירע מיסיאָנערישע אָרגאניזאציעס, נאָר אויך יאפאן האָט אין כינע גייסטלעכע מיסיעס. זייער ציל איז— איינצופלאנצן דעם יאפאָנישן בודיזם אין כינע. דאָס רעדט זיך נאָר אזוי— בודיזם, אינדערעמעסן אָבער זיינען די יאפאָנישע מיסיאָנערן די דורכפירער פון דער ווירקונג פונעם יאפאָנישן אימפעריאליזם אין לאנד. ווי באוווסט, שטרעבט שוין לאנג יאפאן אָפּצונעמען בא כינע מאנדזשוריע.

$^3/_4$ פון יאפאָנישע קאפיטאלן, וואָס געפינען זיך אין כינע, זיינען ארייננעלייגט אין מאנדזשוריע. אויסשטרעקנדיק זייערע הענט צו מאנדזשוריע, קויפן אונטער די יאפאָנישע אימפעריאליסטן ניט בלויז דאָס דאָרטיקע מיליטער, נאָר זיי שיקן אהין אויך זייערע מיסיאָנערן, קעדיי צו קענען בעסער און מער אלזייטיק ארומכאפן דאָס לאנד מיט איר ווירקונג.

---

*) זע דעם זשורנאל „Atheist“ (ווין) № 6 1927 יאָר.

אין 1918 י. זײַנען אין כינע געװען יאַפּאַנישע מיסיאָנערן: אין מאַנדזשוריע — 123 מענטשן, אין כינע גופא 29, אין צינדאַאָ — 30 מענטשן.

יאַפּאַנישע בודיסטישע טעמפּלען אין כינע זײַנען פאַרשפּרייט געװען איבערן לאַנד [1].

אין	מאַנדזשוריע	155	טעמפּלען
„	צאָפּן־כינע	25	„
„	מיטל־כינע	13	„
„	דאָרעם־כינע	4	„
	אינגאַנצן	197	טעמפּלען

דאָס, װאָס אױך יאַפּאַן האָט אירע מיסיעס אין כינע, באַשטעטיקט אַן איבעריק מאָל, אַז ניט בלױז די קריסטלעכע, נאָר יעדע רעליגיע דינט אין די הענט פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן אַלס געװער אַף צו פאַרקנעכטן און אונטערדריקן די אַרבעטנדיקע מאַסן.

אין דעם אופשטײַג־פּעריאָד פון דער כינעזישער רעװאָליוציע האָבן די מיסיאָנערן קעסיידער אונטערגעהאַלטן און געשטיצט די אַמערסטן רעאַקציאָנערע גענעראַלע גרופּירונגען. נאָכן דערשטיקן די כינעזישע רע־װאָליוציע, אַפּרעל כּוידעש 1929 יאָר, האָבן די קריסטלעכע מיסיאָנערן פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אין װעלכער זײ דריקן אױס זײער מיט־געפיל דעם „עכטן נאַציאָנאַליזם" פונעם הענקער טשאַנ־קײַ־שי און פאַלן שטאַרק אָן אַף דער „צעשטערנדיקער װירקונג" פון די רוסישע קאָ־מוניסטן.

דידאָזיקע קאָנטער־רעװאָלוציאָנערע ראָלע פון די מיסיאָנערן פאַרשטײען זײער גוט די אַרבעטנדיקע פון כינע, און יעדער מאָל װערט דער אופ־שטײַג פון דער רעװאָליוציאָנערער באַװעגונג אין כינע באַגלײט מיט אַ אַנטיקריסטלעכער באַװעגונג קעגן די אַגענטן פון קאַפּיטאַליזם, — קעגן די אימפּעריאַליסטן־מיסיאָנערן.

אינעם פּעריאָד פון רעװאָליוציאָנערן אופשטאַנד אין כינע זײַנען געשאַפן געװאָרן אַ גאַנצע רײ אַנטיקריסטלעכע אָרגאַניזאַציעס, װאָס

1) פּאָפּאָװ־טאַטיװע, „כינע". אױסגאַבע פון 1924 י. זײַט 321.

האָבן געפּאָדערט צו באַגרענעצן די רעכט פון די מיסיאָנערן, פון זייע־רע שולן, פון זייערע אנשטאַלטן.

פון זייער זײַט ווידער האָבן פאר די לעצטע יאָרן, פונקט אזויווי פריער פאר דער מילכאָמע, די ענגלישע און אמעריקאנער אימפּעריאַליסטן אויסגעטראכט לעגענדעס וועגן „פארפאָלגג" מיסיאָנערן, און דאָס האָט זיי געדינט פאר א גרונט, פאר א טערעצ, באוואָפנטע ארויסטרעטונגען כינע. אזוי האָט די ענגלישע פּרעסע מײַ כוידעש 1927 י. ארויסגעלאָזט א קלאגג וועגן דערמאָרדעטע מיסיאָנערן אין כינע. אזעלכע קלאנגען זײַנען פארשפּרייט געוואָרן אויך מארט 1926 י. און יאנוואר 1927 יאָר.

דידאָזיקע אלע קלאנגען האָבן געדינט פאר א גוטן טערעצ פאר די באוואָפנטע ארויסטרעטונגען פון די אימפּעריאַליסטן, פאר א באקוועמען אויסרייד אפ צו שיקן א מיליטערישן פלאָט קיין כינע. — די אימפּע־ריאַליסטן פארדעקן שטענדיק זייערע רויבערישע שטרעבונגען, זייערע גיריקע אינסטינקטן, זייערע ווילדע פלענער מיט הויכע מאָטיוון וועגן „פארטיידיקן דאָס קריסטנטום", „באשיצן די ציוויליזאציע" א. אז. וו.

פעוראל כוידעש 1927 י. האָט דער איטאליענישער פּאַשיזם, ארויס־טרעטנדיק מיטן ציל מיטצוהעלפן און אונטערצושטיצן די ענגלישע רוי־בערישע פּאָליטיק אין כינע, דעקלאמירט דערבײַ, אז ער טוט עס „אלס פארטיידיקער און באשיצער פונעם קאטאָליציזם אפן ווײַטן מיזרעכ".

דער רוימישער פּויפּסט האָט פעוראל כוידעש 1927 י. געמאָלדן דעם ענגלישן מיניסטער טשערטשיל, אז מ'דארף ניט געבן כינע קיינע שום האנאָכעס און מ'דארף מיט אלע מעגלעכקײַטן פּארטיידיקן און בא־שיצן די קריסטלעכע מיסיאָנערן. אין דער דאמאָלסטיקער לאגע האָט עס געהייסן, אז דער הייליקער פאָטער (דער פּויפּסט) אייצעט ענגלאנד אומראכמאָנעסדיק צו דערשטיקן די כינעזישע רעוואָליוציע. איינצײַטיק מיט דעם ווען די אימפּעריאַליסטן האָבן אין 1927 יאָר געשיקט מיליטער קיין כינע האָט דער פּויפּסט געשיקט אהין זײַן ארמיי גאלאָכים. 1927 י. האָט ער געהייליקט 6 כינעזער־עפּיסקאָפּן. נאָכן פארפעסטיקן זיך פון טשאַנ־קײַ־שיס'מאכט האָט דער פּויפּסט גענומען א קורס אפ פאר־שטאַרקן די פארבינדונג און אײַנשטעלן פרײַנטלעכע באציִונגען מיט אים.

איינער פון די העלדן פון דער איצטיקער כינעזישער קאָנטר־רע־וואָליוציע, דער קריסטלעכער גענעראל פּינ־יוי־סיאנ, האָט אין 1925 יאָר

זיכ געווענדעט צו די קריסטנ פונ דער גאנצער וועלט מיט אזא אופרופ:

„איכ האָב געהאָפט, אז די מיסיאָנערנ־אינסטיטוטנ, ווי אויכ די אויסלענדישע מיסיאָנערנ, וואָס געפינענ זיכ דאָ אינ לאנד, וועלנ זיכ ארויסזאָגנ וועגנ זייער באציִונג צו די פאָרקומענדיקע געשעענישנ דאָ. אָבער זייער שווײַגנ אונ צוריקהאלטונג אנטמוטיקט מיכ. וואָס־זשע, זיי האָבנ מוירע? אָדער זיי פילנ־מיט אונ שטיצנ די קאפיטאליסטנ? אָדער זיי געפינענ זיכ אונטער דער ווירקונג פונעמ ראסעווונ, נאציאָנאלנ געפיל? אָדער זיי באגיטיקנ די אגרעסיווקײַט פונ די קאפיטאליסטנ?... די קעגנער פונ קריסטנטומ האָבנ ניט אײַנמאָל באשולדיקט די מיסיאָנערנ, אז זיי קומענ צו פאָרנ קיינ כינע, קעדיי צו ארבעטנ דאָ אלס שפּיאָנענ אונטערנ מאנטל פונ רעליגיע. ווי וועלנ זיי איצט אָפּלייקענענ דידאָזיקע באשולדיקונג? ענגלאנד איז א לאנד, ווו דאָס קריסטנטומ איז א מעלוכישע רעליגיע. זי האָט די ערשטע אָנגעהויבנ פארסאמענ כינע מיט אָפּיומ. זי האָט פארכאפּט גאָנגקאָנג, האָט בארויבט די כינעזישע סוווערעניטעט אונ אצינד הארגעט זי אויס אונדזער פאָלק, ווי די כײַעס"...

געשוויגנ האָט אָבער די קריסטלעכע וועלט, ווענ אפ די גאסנ אונ מארקנ פונ די כינעזישע שטעט האָבנ די ענגלענדער צעשאָסנ כינעזער, בלויז דער קענטערבעריער ארכיעפּיסקאָפּ האָט ארויסגעלאָזט אנ אופרופ, אָבער ניט קעגנ די אונטערדריקער פונעמ כינעזישנ פאָלק,—נײַנ, ער האָט גערופנ די קריסטלעכע געמיינדע טפילע צו טאָנ אונ גאָט בעטנ פאר די קריסטנ־מיסיאָנערנ אינ כינע, אפ וועלכע עס לויערט קלוימערשט א געפאר מיצאד די כינעזער... אונ אפילע דערזעלביקער „קריסטלעכער גענעראל" פינ־יוי־סיאנ האָט גאנצ שנעל געפונענ א געמיינזאמע שפּראכ מיט די אימפּעריאליסטנ אונ האָט זיכ באזעצט אונ גאנצ פײַנ זיכ אײַנגעאָרדנט אינעמ לאגער פונ דער כינעזישער קאָנטר־רעוואָליוציע.

ניט בלויז אינ כינע דינט די קירכ די אינטערעסנ פונ די אימפּעריאליסטנ. דאָס באהערשנ אינדיע דורכ ענגלאנד, דאָס דעראָבערנ אמעריקע, דאָס ארײַנדרינגענ אינ אזיע, אינ אפריקע איז זיכ ניט באגאנגענ אָנ דעמ אקטיווונ אָנטייל פונ דער קירכ, אָנ דעמ אקטיווונ מיטהילפ פונ די מיסיאָנערנ, יעזויטנ אונ מאָנאכישע אָרדנס.

די ערשטע פּאָרטוגאלער, וואָס זײַנענ אָנגעקומענ קיינ אינדיע (אינ XVI יאָר ה.), האָבנ מיטגעבראכט מיט זיכ עפּיסקאָפּנ, האָבנ דאָרט געגרינ־

דעט מאָנאַסטירן, האָבן אַרײַנגעבראַכט קיין אינדיע די אינקוויזיציע.

די עפּיסקאָפּן און אַרכיעפּיסקאָפּן האָבן זיך דאָרט פֿאַרנומען מיט „דער־ראָבערן נײַע אָנהענגער, נײַע אונטערטאַנענע פֿאַרן פּויפּסט". די טעטי־קײַט פֿון די מיסיאָנערן האָט אָפּ אַזױפֿיל פֿאַרשטאַרקט דעם האַס און די סינע פֿון די דאָרטיקע אײַנוווינער צו די אייראָפּייער, אַז די ענגלישע סאָכרים (פֿון דער אָסט־אינדישער קאָמפּאַניע) האָבן זיך געסטאַרעט ניט אַרײַנצולאָזן די מיסיאָנערן קיין אינדיע. אָנהייב XIX־טן יאָרהונדערט זײַנען געווען אין אינדיע בלויז 200 ענגלישע פּראָטעסטאַנטישע מיסיעס. די גרונט־אויפֿגאַבע פֿון די ענגלישע מיסיאָנערן איז געווען — צו לויבן און רימען די ענגלישע רעגירונג אין אינדיע,—דאָס גליק, וואָס דער גאָט האָט צוגעשיקט די אינדיאַנער.

נאָכדעם, ווי קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע (אין 1492 יאָר), האָט זיך אָנגעהויבן אַ רײַסעניש צווישן שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, ווער סע זאָל הערשן אין דעם נײַ־אַנטדעקטן לאַנד. אָפּ צו לייזן דעם שטרײַט האָבן זיי זיך געווענדעט צום פּויפּסט אַלעקסאַנדער דעם VI־טן. דער פּויפּסט האָט זיך געהייסן ברענגען אַ שווערד און האָט - צעשפּאָלטן די אַנטדעקטע ערד אָפּ צווייען (פֿאַרשטייט זיך, בלויז די קאַרטע פֿון יענער ערד). דעם מײַרעוודיקן טייל האָט ער אָפּגעגעבן די שפּאַניער, דעם מיזרעכדיקן טייל— די פּאָרטוגאַלער. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין מײַ 1493 יאָר. אין דער דער־ראָבערטער און באַהערשטער אַמעריקע דורך די אייראָפּייער האָבן זיך באַלד אַ לאָז געטאָן מיסיאָנערן און האָבן אַהין אויך אַריבערגעטראָגן די אינקוויזיציע.

די מיסיאָנערן האָבן נאָך מער עקספּלואַטירט די דאָרטיקע אײַנוווי־נער, נאָך שרעקלעכער, נאָך גרויזאַמער איידער די סאָכרים און אונ־טערנעמערס.

אין די שפּאַנישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע איז לעטויוועס די גײַסט־לעכע באַשטײַערט געוואָרן די ערד, וואָס די דאָרטיקע אײַנוווינער האָבן באַאַרבעט, און די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן. אין מעקסיקע האָבן די בעסטע ערד־כאַלאָקים, די בעסטע שאַכטעס געהערט צו די יעזויטן. אין פּאַראַגוויי האָבן 170 000 מאַן פֿון די דאָרטיקע אײַנוווינער, וואָס די שפּאַנישע מיסיאָנערן האָבן אַריבערגעצויגן אין זייער גלויבן, געאַר־

בעט קימאט אויסשליסלעך פאר אָט די מיסיאָנערן. אפילע שוין אין 100 יאָר ארום נאָכן באהערשן דאָס לאַנד איז אויסגעקומען אין מעקסיקע אף יעדע 50 איינוואוינער צו איין גאלעך אָדער מאָנאך. אין 1834 יאָר האָט די מיסיע פונעם הייליקן מאלעך גאווריעל אין קאליפאָרניע פארמאָגט 105 000 שטיק רינדער, 20 000 פערד, 40 000 שאָף.

מיט „גאָטס וואָרט", מיט פריידיקן די עוואנגעליע, זיינען די מיסיאָנערן אריינגעדרונגען אין די לענדער, וואָס די איינוואוינער האָבן פארכאפט, קעדיי מיטצוהעלפן צו פארכאפן דידאָזיקע לענדער, קעדיי צו פארגרינגערן דאָס באַרויבן די דאָרטיקע פעלקער. דערביי האָבן זיי אויך ניט פארגעסן אין זיך, פארוואנדלענדיק אין פאקטישע קנעכט די, וואָס זיי האָבן אריבערגעצויגן צו זייער גלויבן. זיי האָבן זיך באזאָרגט מיט גרויסע ערד־כאלאָקים, מיט היפשע קאפיטאלן, מיט אונטערנעמונגען, און אלץ — אין גאָטס נאָמען.

פון די ביישפילן פון אלע קאָלאָניאלע און אימפעריאליסטישע פארכאפונגען קען מען זען, ווי די רעליגיע האָט געדינט אלס געווער אין די הענט פון די פארכאפערס און אימפעריאליסטן.

די ענגלענדער, וואָס האָבן איצט פארכאפט מאָסול, דעם גרעסטן נאפט־ראיאָן פון טערקיי, פארדעקן זייער רויבעריי מיט ווערטער וועגן דעם, אז מאָסול דארפן זיי קלוימערשט האָבן ניט צוליב דעם נאפט, נאָר אויסשליסלעך קעדיי צו באשיצן די קריסטן, וואָס וווינען דאָרט (סאכאקל באטרעפט די צאָל קריסטן, וואָס וווינען דאָרט, 7% פון דער גאנצער באפעלקערונג), וועלכע עס דראָט קלוימערשט א געפאר מיצאד די „אומגלויביקע" טערקן.

אין איר אימפעריאליסטישער פאָליטיק אף מיזרעך נוצט אויס ענגלאנד ניט בלויז דאָס קריסטנטום, נאָר אויך פארשיידענע אנדערע רעליגיעס.

אין פאלעסטינע רייצט זי אָן די יידן אף די מוסולמענער און אליין שפילט זי די ראָלע פון א „נייטראלן" און שמייכלט זיך אונטער די וואָנצעס. באנוצנדיק זיך מיט די אינערלעכע נאציאָנאלע רייסערייען, פארפעסטיקט זי איר הערשאפט אין פאלעסטינע און אין אינדיע. אין אינדיע רייצן די ענגלענדער אָן די אינדוסן אף די מוסולמענער, רייצן אָן אף פאָגראָמען איינע די אנדערע, שאפן קינסטלעכע רעליגיעזע קאָנפליקטן, און אלץ צוליב דעם, קעדיי אָפצושוואכן דערמיט אינדיע

אין איר קאמפ קעגן דער ענגלישער הערשאפט. אין אלע גרויסע צענ־טערן פון קליין־אזיע געפינען זיך קאטוילישע, פּראָטעסטאנטישע, אמע־ריקאנישע, פראנצויזישע און ענגלישע גײַסטלעכע מיסיעס — זיכערע דורכפירער און אגענטן פונעם אימפּעריאַליזם.

אין 1928—29 האָט די קריסטלעך־פרומע ענגלאנד, מיטן ציל אראָפּצו־ווארפן די רעגירונג פון אמאנול־כאן אין אפגאניסטאן, זיך אָנגעטאָן א מאַ־סקע פון א פארטיידיקערן און באשיצערן פונעם איסלאם און האָט אָרגאַ־ניזירט אן אופשטאנד אונטער דער אָנפירונג פון די מולעס קעגן אמאַ־נולן און זײַנע רעפאָרמעס. אין דער ראָלע פון א פארטיידיקערן און באשיצערן פונעם איסלאם איז זי אויך ארויסגעטראָטן אין פּערסיע, אָרגאַניזירנדיק דאָרט אן אופשטאנד אונטערן לאָזונג „באשיצן דעם איסלאם” פון רעפאָרמעס.

„אונדזערע קעניגן הייבן אָן שיקן מיסיאָנערן אין די לענדער, וועלכע זיי ווילן דעראָבערן און זיך אונטערטעניק מאכן. די מיסיאָנערן ריידן אײַן דאָס פאָלק אָנצונעמען אונדזער רעליגיע. ווען די מיסיאָנערן דערשלאָגן זיך שוין באדײַטנדיקע דערפאָלגן, ווען זיי האָבן שוין גרוי־סע דערגרייכונגען אין דעם געביט, שיקט מען מיליטער פאר געמיינזאַ־מער טעטיקייט מיט די נײַ־אריבערגעצויגענע קריסטן. און ערשט דעמאָלט דערגרייכן אונדזערע קעניגן גאנצ לײַכט די צילן, וואָס זיי שטעלן פאר זיך”, — אזוי דערקלערט אָפנהארציק א שפּאנישער מיסיאָנער אין XVII־טן יאָרהונדערט [1].

ס'איז דעריבער גאָר קיין וווּנדער ניט, וואָס די מעלוכעס האלטן אויס די מיסיאָנערן אפ זייער כעשבן. אזוי, אשטייגער, געפינען זיך די פראנצויזישע מיסיעס אפ שטעלעס בא דער מעלוכע, מע האָט זיי פאַ־רעכנט אינעם מעלוכע־אפּאראט. דאָס אופשטעלן אין פראנקרײַך אין 1929 יאָר די קאטוילישע מיסיאָנערן אין זייערע געוועזענע רעכט איז טאקע מאָטיווירט געוואָרן מיט זייער נוצלעכער ראָלע אין די פראנצויזי־שע קאָלאָניעס, ווו, לויט די ווערטער פון א דעפּוטאט, וואָס איז ארויס־געטראָטן אין פארלאמענט, פארשפּרייטן די מיסיאָנערן ניט בלויז רעליגיע, „נאָר אויך די פראנצויזישע שפּראך און די פראנצויזישע קולטור”...

---

[1]) כאָדראָוו, „דער אלוועלטלעכער אימפּעריאליזם אין כינע”. שאנכײַ 1922 יאָר. 80 ז.

קעדיי צו פארווירקלעכן די פארכאפונג־פּלענער נייטיקן זיך די אימפּעריאליסטן אין ארמייען. די ארמייען באשטייען פון פויערים און ארבעטער. וואָס פינצטערער, אומאנטוויקלטער און אומבאוווסטזיניקער די סאָלדאטן זײַנען, אלץ בעסער דינען זיי די קאפּיטאליסטן. איינע פון די מיטלען אפּ צו באארבעטן די סאָלדאטן, אז זיי זאָלן ערלעך, מיטן גוף און מיט דער נעשאָמע דינען דער בורזשואזיע, איז די רעליגיע. דעם סאָלדאט לערנט מען, אז ער דארף ליב האָבן זײַן „פּאָטערלאנד“, כאָטש אין דעמדאָזיקן פּאָטערלאנד רעגירן און הערשן פּריצים און קאפּיטאליסטן. דעם סאָלדאט לערנט מען, אז יעדער באפעל פון די עלטסטע, פון נאטשאלסטווע דארף מען אומבאדינגט אויספילן, מאכמעס „די נאטשאלסטווע איז אוועקגעשטעלט געוואָרן פון דער מעלוכע, און די מעלוכע — פון גאָט“.

אין אלע בורזשואזע ארמייען ווערט זייער גרויס אכט געלייגט אפּ דער רעליגיעזער דערציִונג פון די סאָלדאטן. אין דער פּוילישער ארמיי איז אינעם שטאָב־פּלאן פון די מיליטער־באשעפטיקונגען אויסגעטיילט א ספּעציעלע צײַט פאר אָוונטיקע און פרימאָרגנדיקע טפילעס. אלע יאָנטויווים און פײַערטעג ווערן באגלייט אין די מיליטערישע טיילן מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס און פײַערלעכע טפילעס. בא יעדער באזונדער מיליטער־אָפּטייל, בא יעדן פּאָלק איז פאראן א קסיאָנדז. אין דער ארמיי זײַנען פאראן גײַסטלעכע אויך פון אנדערע רעליגיעס. זייער הויפּט־פונקציע איז צו דערציִען די סאָלדאטן אין רעליגיעזן און פּאטריאָטישן גײַסט.

אין ליטע זײַנען פאראן בא יעדער מיליטער־טייל ספּעציעלע מיליטער־קאפּעלאנען. אין זייערע הענט איז די גאנצע דערציִונג־ארבעט. ספּעציעלע מיליטער־גײַסטלעכע זײַנען אויך פאראן אין עסטלאנד, פינלאנד. אין פינלאנד איז פאראן באם גענעראל־שטאב א מיליטערישער הויפּט־גאלעך. אין דער ארמיי פון די צאָפן־אמעריקאנישע פארייניקטע שטאטן זײַנען אויך פאראן ספּעציעלע מיליטער־גאלאָכים.

אין פראנקרײַך, ניט געקוקט דערויף, וואָס די קירך איז אָפּגעטיילט פון דער מעלוכע, זײַנען פאראן אין דער ארמיי גײַסטלעכע פון אלע רעליגיעס און גלויבונגען. דאָסזעלבע אויך אין דײַטשלאנד, ווו עס ווערט גרויס אכט געלייגט אפּ דער רעליגיעזער דערציִונג פון די סאָלדאטן.

מיליטערישע גײַסטלעכע זײַנען אויך פאראַן אין דער אונגאַרישער ארמיי (דער מיליטערישער הויפּט־גאַלעכ אין דער אונגאַרישער ארמיי, דער עפּיסקאָפּ זאַדראַוועטש, איז מיט איינקע יאָר צוריק באַשולדיקט געוואָרן אלס אָנטיילנעמער אין מאַכן פאַלש געלט).

אין דער ארמיי פון גרויס־בריטאַניע איז פאַראַן באַם קריג־מיניס־טעריום א ספּעציעלע פאַרוואַלטונג פון מיליטערישע גײַסטלעכע, אין דער שפּיץ פון די מיליטערישע גײַסטלעכע שטייט א גענעראַל־קאַפּעלאַן. אין די דיוויזיעס זײַנען פאַראַן עלטסטע גאַלאָכים, וואָס זײַנען אונטער־געוואָרפן דעם קאָמאַנדיר פון דיוויזיע.

די רעליגיעזע דערציונג פון די סאָלדאַטן איז נייטיק אין די בור־זשואַזע לענדער, קעדיי צו פאַרטונקלען זייער באַוווסטזײַן. די גײַסטלעכע און אָפיצערן ריידן אײַן די סאָלדאַטן, אז זיי שלאָגן זיך פאַר „ערע", „כוואַל" און לעסאָפּ — „פאַרן גלויבן, קייסער און פאָטערלאַנד". דאָס אַלץ איז אָבער ניט מער ווי א מאַנטל, א דעקטוך, אונטער וועלכן עס ליגן באַהאַלטן די עכטע אימפּעריאַליסטישע צילן.

III. צוליב וואָס זוכט די אמעריקאנער בורזשואזיִע א גאָט

עס איז אויסערגעוויינלעכ נוצלעכ אונ אינטערעסאנט צו דערלער־נענ די קעגנזײַטיקע באציִונגענ צווישנ דער קירכ אונ דעמ קאפּיטאל אינ איינעמ פונ די פּאָרגעשריטנסטע לענדער אינ דער וועלט — אינ אמעריקע. דאָ איז דער צוזאמענבונד צווישנ גאָט אונ קאפּיטאל אויסער־געוויינלעכ פײַנ, איידל אונ גאנצ פארשיידנארטיק, דאָ איז געטאָנ גע־וואָרנ מאקסימאל אלצ, קעדיי צו צופּאסנ די רעליגיע צו די אינטערעסנ אונ נויטנ פונעמ הערשנדיקנ קלאס, קעדיי בעסער צו באדינענ זײַנע אינטערעסנ.

נאָכ מיט יאָרנ צוריק האָט לענינ אינ זײַנ ארטיקל „וועגנ דער בא־דײַטונג פונעמ קעמפערישנ מאטעריִאליזמ” אָנגעוויזנ אפ דער אויסערגע־וויינלעכער וויכטיקײַט צו דערלערנענ די זאכלאגע פונעמ דאָזיקנ געביט אינ אמעריקע. אינ אמעריקע זײַנענ ניט פאראנ קיינע קאָנקאָרדאטנ, קיינע אָפיציִעלע צונויפריידענישנ אונ אָפּמאכנ צווישנ דער קירכ אונ דער מעלוכע. פונדעסטוועגנ זײַנענ אינ אמעריקע ענג צונויפגעפלאָכטנ די אינטערעסנ פונ דער קירכ מיט די אינטערעסנ פונ די אונטערנעמער, אונ אינ גאָטס נאָמענ ווערנ אפּנ סא־מע פײַנסטענ אונ פולסטנ אויפנ באדינט די נויטנ פונעמ אמעריקאנישנ קאפּיטאל.

צוויי פראָצעסנ

אינ די פאראייניקטע שטאטנ פונ צאָפנ־אמעריקע זײַנענ אינ יוני כוי־דעש 1925 י. אונ אינ פעווראל כוידעש 1929 י. פאָרגעקומענ צוויי אינ־טערעסאנטע געריכט־פּראָצעסנ.

דעמ 25־טנ מארט 1925 י. האָט דער גובערנאטער פונ טענעסער שטאט אונטערגעשריבנ א געזעצ־פּראָעקט, לויט וועלכנ „ס'איז פארבאָטנ צו פארשפּרייטנ אינ די אוניווערסיטעטנ, אינ די נאָרמאלע שולנ אונ אינ אנדערע געזעלשאפטלעכע לערנ־אנשטאלטנ, וואָס ווערנ אינגאנצנ אָדער טיילווײַז אויסגעהאלטנ פונעמ שטאט, אוועלכע ניט איז טעאָריע, וואָס לייקנט אָפּ די געטלעכע באשאפונג פונעמ מענטשנ, ווי סע שטייט אינ דער ביבל, אונ לערנט, אז דער מענטש איז אנטשטאנענ פונ א נידעריקערנ מינ באלכײַ".

ריידנדיק וועגנ די סיבעס, וואָס האָבנ ארויסגערופנ דעמדאָזיקנ געזעצ־פּראָיעקט, האָט דער גובערנאטער דערקלערט, אז דאָס איז א פּראָטעסט קעגנ „די אנטירעליגיעזע טענדענצנ אָנצווועגדנ די אזויגערופענע ווּיסנשאפט אונ אָפּצולייקענענ דעמ יעסאָד פונ דער ביבל אינ שול אונ אינדערהיימ, א פּראָטעסט קעגנ די טענדענצנ, וואָס זײַנענ אינגאנצנ ניט ריכטיק אונ פאטאל שעדלעכ מיט זייערע פאָלגנ, סײַ פאר די קינדער, סײַ אויכ פאר אונדזערע אנשטאלטנ אונ פאר אונדזער לאנד אינגאנצנ גענומענ" (אונטערגעשטראָכנ פונ אונדז — מ. ש.).

אינ דער שטאָט דייטאָנ פונ טענעסער שטאט האָט מענ צוגעצויגנ צו געריכטלעכער פאראנטוואָרטלעכקײַט דעמ לערער פונ נאטור־וויסנשאפט סקאָפּסנ פאר לערנענ דארוינס טעאָריע אינ שול. ארומ דעמדאָזיקנ פּראָצעס האָט מענ אופגעהויבנ א טומל, סײַ אינ אמעריקע גופע, סײַ אויכ אינ אייראָפּע.

אלס באשולדיקער איז ארויסגעטראָטנ אפנ פּראָצעס וויליאמ ברײַאנ, ווּעמענס קאנדידאטור מ'האָט שוינ דרײַ מאָל ארויסגעשטעלט צו די פּרעזידענט־וואלנ — דערזועלבער ברײַאנ, וואָס איז געווענ אינ 1913 יאָר אינערנ־מיניסטער.

די געריכט־זיצונגענ האָבנ זיכ געעפנט יעדנ טאָג מיט טפילע־געזאנגענ. אינ די טעג, ווענ דער פּראָצעס איז פאָרגעקומענ, האָט ברײַאנ מיט זײַנענ אָנהענגער אײַנגעאָרדנט פײַערלעכע גאָט־דינסטנ, מיטנ ציל צו ווירקנ אפנ אוילעמ, אונטערצוהיצנ פאנאטיש די מאסנ, וואָס זײַנענ אפנ פּראָצעס געקומענ, אונ צו באאײַנפלוסנ דערמיט די געשוואָרענע ריכטער. ווענ די פארטיידיקונג האָט פאָרגעלייגט דעמ געריכט אויסצוהערנ

די מיינונג פון געלערנטע עקספערטן, האָט דער געריכט אָפּגעוואָרפן דעמדאָזיקן פאָרשלאַג.

ציטערנדיק פאַר דער אייגענער פעל און אָנגעשראָקן פון דער „רויטער געפאַר", האָט די קליין־בורזשואַזיע, אין דער פּערזאָן פון די געריכט־באַזיצערס, דעם לערער סקאָפּסן פאַרמישפּעט. די ביבל האָט טריומפירט.

א צווייטער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין פּעוורואַל כוידעש 1926 יאָר. דאָס מאָל איז צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט דער קאָמוניסט בימבאַ, דער רעדאַקטער פון דער ליטווישער צייטונג „פרייהייט", וואָס גייט ארויס אין ניו־יאָרק. מ'האָט אים באַשולדיקט אין גאָט־לעסטערונג. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט בראָקטאָן, אין מאַסאַ־טשוזעטסער שטאַט.

אַפּ צו באַשולדיקן בימבאַן האָט מען ארויסגעשלעפּט פונעם אַר־כיוו א געזעץ, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן נאָך אין XVII־טן יאָר־הונדערט [1].

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון, וואָס דעם 26־טן יאַנוואַר האָט בימבאַ אין איינעם פון די שטעט אין מאַנסאַטשוזעטסער שטאַט געהאַלטן א פּאָרטראַג פאַר ליטווישע אַרבעטער־אימיגראַנטן. נאָכדעם האָט מען אים צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר לייקענען אין דער עקזיסטענץ פון גאָט.

די מאַכט פונעם שטאַט האָט טייקעף פאַרווערט יעדער איינעם צו געבן א דירע אָפּ אָרגאַניזירן ארויסטרעטונגען לעטויוועס בימבאַן, און בימבאַן אַליין האָט זי פאַרבאָטן ארויסצוטרעטן.

אינעם באַשולדיקונג־אַקט איז געזאָגט געוואָרן, אז בימבאַ האָט אין זיין רעדע דערקלערט, אז ס'איז קיין גאָט ניטאָ, דערביי זאָל ער קלוי־מערשט האָבן אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג, וואָס סע געפינען זיך נאָך נאַראָנים, וועלכע גלויבן אין גאָט. ער האָט אויסגעלאַכט די לעגענדע וועגן דער געטלעכער אַנטשטייונג פון קריסטוסן.

---

1) לויטן געזעץ־בוך, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן און אָנגענומען אַפּ דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין מאַסאַטשוזעטסער שטאַט אין 1641 י., קומט טויט־שטראָף פאַר געצנ־דינעריי, פאַר קישעף, גאָטלעסטערונג א. א. וו. (זע באַבין. „געשיכטע פון צפון־אַמעריקאַנער פאַרייניקטע שטאַטן". ב. 1. זייט 178. אויסגאַבע פון 1911 י.).

די גאנצע שווארצע מייע איז מאָביליזירט געוואָרן. אפנ פּראָצעס האָט דער פּראָקוראָר פארעפנטלעכט א בריוו, וואָס ער האָט באקומענ.

אינעמ בריוו דראָענ אימ די „פּאטריאָטנ" זיכ אָפּצורעכענענ מיט אימ, זיי וועלנ אימ (דעמ פּראָקוראָר, הייסט עס) דערהארגענענ, אויב בימבא וועט באפרײַט ווערנ.

דער געריכט האָט אנערקענט די באשולדיקונג אינ גאָטלעסטערונג פאר ניט דערוויזנ, אָבער אינ דערזעלבער צײַט האָט דער געריכט אנערקענט, אז בימבא איז שולדיק פאר רופנ צו אנ אופשטאנד, אונ האָט אימ באשטראָפט מיט 100 דאָלער.

דעמ פּראָצעס איבער בימבאנ האָבנ אויסגעניצטריגירט די ליטווישע גײַסטלעכע אונ רעאקציאָנערנ פונ דער ליטווישער קאָלאָניע אינ אמעריקע.

בימבא איז א קאָמוניסט, וואָס האָט גרויס אווטאָריטעט צווישנ די ליטווישע ארבעטער־אימיגראנטנ.

קעדיי אָפּצוראמענ פונ וועג דעמ געפערלעכנ פאר דער בורזשואזיע ארבעטער־טוער, איז צונויפגעשטוקעוועט געוואָרנ א פּראָצעס אינ גאָטלעסטערײַ. די געזעצנ פונעמ XVII־טנ יאָרהונדערט שלעפּט מענ ארויס פונ ארכיוו דעמאָלט, ווענ ס'איז נייטיק צו דערשטיקנ די ארבעטער־באוועגונג.

פּראָצעסנ פאר גאָטלעסטערונג אונ אפּ צו באשיצנ די רעליגיע זײַנענ אינ אמעריקע ניט קיינ זעלטנהײַט. אינ 1928 י. איז צוגעצויגנ געוואָרנ צומ געריכט דער דיכטער גאָרדאָנ, דערפאר וואָס ער האָט אינ זײַנער א ליד געשפּעט פונ גאָט. אינ דעמזעלבנ יאָר זײַנענ צוגעצויגנ געוואָרנ צו געריכטלעכער פאראנטוואָרטלעכקײַט: דער אנארכיסט קאלענ פאר באהויפּטנ, אז כריסטוס איז געווענ א אנארכיסט, דער פּאָרזיצער פונ דער אמעריקאנער אטעיסטנ־אסאָציאציע סמיט (אינ מעשעכ פונ יאָר איז ער דרײַ מאָל צוגעצויגנ געוואָרנ צומ געריכט) פאר אנטירעליגיעזער אונ דארוויניסטישער פּראָפּאגאנדע.

מיטנ אווטאָריטעט פונעמ אייגענעמ מעלוכע־אפּאראט אונ מיט דער הילפ פונ זײַנע טורמעס פּארטיידיקט אונ באשיצט דער אמעריקאנער קאפּיטאל דעמ אווטאָריטעט פונעמ „אלערהעכסטנ".

דאָס אײַנפֿלאַנצן די רעליגיע

באַלד נאָכן פּראָצעס איבער סקאָפּסן האָט זיך אױפֿגעהױבן אַ קאַמ־פּאַניע קעגן דאַרװינס טעאָריע איבער גאַנץ אַמעריקע, אָט זײַנען אײניקע פֿאַקטן: דער מיליאָנער דזשאָרדזש װאָשבאָרן האָט געשענקט 100.000 דאָלער אױף דער קאַמפּאַניע „פֿאַרן געזעץ־פּראָיעקט, װאָס דאַרף באַגרענעצן דאָס פֿאַרשפּרײטן די עװאָליוציע־טעאָריע, װעלכע רײַסט אַרונטער דעם גלױבן אין דער ביבל". װײַטער האָבן זיך די באַפּטיסטן מישטאַדל געװען, מ'זאָל אַרױסװאַרפֿן פֿון די אוניװערסיטעטן אין מינעסאָטע אַלע ביכער איבער דער עװאָליוציע־טעאָריע. אין קאַליפֿאָרנער אוניװערסיטעט האָט די אַדמיניסטראַציע פֿאַרװערט צו פֿאַרשפּרײטן דעם נומער פֿון סטודענטישן זשורנאַל, װאָס האָט אָפּגעדרוקט אַ סאַטירישן געשפּרעך צװישן גאָט, יאָסעפֿן און מאַריען װעגן כריסטוסעס געבורט. דער מאָטיװ איז געװען: די אַדמיניסטראַציע פֿון אוניװערסיטעט האַלט דערמאָזיקן געשפּרעך פֿאַר „רעליגיע־לעסטערונג". סאָף פֿעװראַל 1926 י. איז אין מיסיסיפּער שטאַט אָנגענומען געװאָרן אַ געזעץ, װאָס פֿאַרװערט צו לערנען דאַרװינס טעאָריע אין די שולן, װעלכע עקסיסטירן אױף די מיט־לען פֿון דער מעלוכע. דערדאָזיקער געזעץ־פּראָיעקט איז אָנגענומען געװאָרן מיט אַ מערהײט פֿון 26 שטימען קעגן 16.

די צאָל שטאַטן, װאָס פֿאַרװערן צו לערנען דאַרװינס טעאָריע אין די שולן און אוניװערסיטעטן, האַלט אין אײן װאַקסן.

אין נאָיאַבער־כוידעש 1928 י. איז אין אַרקאַנזאַסער שטאַט דורכגעפֿירט געװאָרן אַפֿילע אַן אַלגעמײנע פֿאָלק־שטימונג איבער דער פֿראַגע, צי ס'איז דערלאָזבאַר צו לערנען דאַרװינס טעאָריע. אין דעם־דאָזיקן שטאַט האָבן די באַפּטיסטן אַ שטאַרקע װירקונג און ס'איז דע־ריבער גאָר קײן װוּנדער ניט, װאָס דער געזעץ קעגן דאַרװיניזם איז דורכגעגאַנגען מיט אַ מערהײט שטימען.

די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע װיל זיך זיכער פֿילן אױפֿן פֿעסטן פֿונ־דאַמענט פֿון קאַפּיטאַליזם. אַלץ, װאָס לערנט װעגן עװאָליוציע, װעגן אַנטװיקלונג, װעגן פֿאַרענדערלעכקײט — קען דאָך אױך אָנגעװענדט װערן צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט און, דעריבער, אױך צו אַמעריקע. און װוּהין קען די „עװאָליוציע" פֿירן אַמעריקע, צו װאָס קען זי זי ברענ־

גענ? ניט דענ צומ קאָמוניזמ, ניט דענ צו קיינ רעוואָליוציאָנערע שלאַכטנ? צי איז דענ ניט בעסער דעריבער צו פאַרטרייבנ אַלצ, וואָס רעדט וועגנ עוואָליוציע, צו פאַריאָגנ אַלצ, וואָס דערמאָנט וועגנ אַנטוויקלונג? איז דענ ניט בעסער אינגאַנצנ וועגנ דעמ ניט צו ריידנ, אינגאַנצנ וועגנ דעמ ניט צו דערמאָנענ?

אינ די פאַרייניקטע שטאַטנ איז ניט איינגעפירט אינ די מעלוכע־שולנ דער רעליגיע־לימעד, די אַזויגערופענע „גאָטס דינימ". אָבער די שול דאָרט איז גאַנצ ווייט פונ דערציִענ די קינדער אינעמ מאַטעריאַליס־טישנ גייסט. די שטרעבונג אַריינצופירנ אינ די שולנ רעליגיעזע לימודימ איז זייער שטאַרק אינ פאַרשיידענע קרייזנ פונ דער אַמעריקאַנער בור־זשואַזיע.

1926 איז דער געהילפ־דירעקטער פונ די אָנפאַנג־שולנ אינ ניו־יאָרקער שטאַט אַרויסגעטראָטנ מיט א פאָרשלאַג צו לערנענ רעליגיע אינ די שולנ אַזוי, אַז „עס זאָל ניט שטערנ דעמ קאָנסטיטוציאָנעלנ פאַרבאָט". לויט זיינ פראָיעקט קענ מענ לערנענ די קינדער רעליגיע „ניט דער־מאָנענדיק גאָט, די ביבל, דעמ טאַלמוד, דעמ קאָראַנ אונ אַנדערע רע־ליגיעזע ביכער". אָנשטאָט דעמ קענענ די לערער יעדנ טאָג פאָרלייענענ פאַר די קינדער אייניקע נייסנ פונ די צייטונגענ אונ אויסטייטשנ זיי „לויטנ שטאַנדפונקט פונ די רעליגיעזע פרינציפנ". אינ א טייל שטאַטנ איז אינ די שולנ איינגעפירט צו לייענענ די ביבל, אינ אַנדערע שולנ — ווערט פונ דער צייט, וואָס איז אָפגעגעבנ פאַר די שול־לימודימ, אויס־געטיילט געוויסע שאָענ, ווענ די קינדער ווערנ צעשיקט צו „זייערע" גייסטלעכע.

אינ שטאַט קאָלומביע ווערט אינ ביודזשעט־געזעצ וועגנ אויסטיילנ געלט־מיטלענ אָפ אויסצוהאַלטנ די שולנ אַזוי געזאָגט: „קיינ שומ טייל פונ דידאָזיקע געלט־מיטלענ קענ ניט אויסגענוצט ווערנ אָפ צו באַצאָלנ געהאַלט... א לערער, וואָס לערנט ניט צו אָכטנ די ביבל". אינ ניו־יאָר־קער שטאַט האָבנ די גייסטלעכע מיט דער הילפ פונ די באַנקירנ, הויז־אייגנטימער אונ פאַבריקאַנטנ געשאַפנ אינ 1926־טנ יאָר א קאָמיטעט, וואָס אימ איז אָנפאַרטרויט געוועזנ צו דערשלאָגנ זיכ, אַז אינ די ניו־יאָרקער פאָלקשולנ זאָל מיט די קינדער אומבאַדינגט געלערנט ווערנ רעליגיע. קעדיי צו באַרעכטיקנ די אָנגעהויבענע קאַמפּאַניע, זיינענ די

„היסטאָריקער" („די וויסנשאַפט ווייסט ניט פון קיין קלאַסן!") ארויס־געטראָטן מיט א דערקלערונג, אז די טאַטעס פון אמעריקע זיינען אלע געווען רעליגיעזע מענטשן, און דעריבער, — פארוואָס זאָל מען זייערע קינדער ניט לערנען קיין רעליגיע? ווען די ליגע פון פריידענקער האָט אָנגעגעבן דער מאכט א פראָטעסט קעגן דער קאמפאניע פון די גייסט־לעכע, האָט מען אפן דאָזיקן פראָטעסט קיין שום אכט ניט געלייגט.

די שולן אין אמעריקע — דאָס איז א טייל פון דער קאפיטאליסטי־שער מאשין. די שול, פונקט אזוי ווי די גאנצע מעלוכע־מאכט, געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון די באנקירן, פאבריקאנטן, שטאָל־קעניגן, פאבריק־אייגנטימער פון קאָנסערווירטער מילך און פון כאזערישע שעכט־הייזער. דעריבער קען די שול ניט דערציען די קינדער אין אן אנדער גייסט, ווי דער, וואָס איז נייטיק פאר דער פעסטונג פון דער גאנצער קאפיטאליסטישער סיסטעם. זאָל פרווון אָקאָרשט א לערער, א פראָ־פעסער, א געלערנטער אופהייבן זיין פראָטעסט־שטים קעגן דעם — וועט מען אים באלד ארויסשליידערן פון דער שול.

וואָס אזוינס פאָדערט די אמעריקאנער בורזשואזיע פון דער שול?

די באנקירן פאָדערן פון דער שול, זי זאָל לערנען די קינדער, אז אלץ איז אייביק, און בעכיין איז שוין אייביק אויך די הערשאפט פון קאפיטאל (דעריבער איז — אראָפ מיט דער אנטוויקלונג־טעאָריע!); אז די אָרדענונג, וואָס איז איינגעשטעלט אפ דער ערד, ווו עס הערשן די באנקירן און קאפיטאל־קעניגן, איז די סאמע ריכטיקסטע און יושער־דיקסטע, און אז מיליאָנען מענטשן דארפן ארבעטן פאר אָט די באנ־קירן און קעניגן. די שול דארף איינריידן די קינדער, אז די גצועל־שאפטלעכע אָרדענונג פון אמעריקע איז די סאמע פולקאָמסטע, אז די באדינגונגען אין אמעריקע גיבן א מעגלעכקייט יעדן איינעם „פון די סאמע נידעריקסטע שיכטן אפילע" אופצוהייבן זיך אפ די העכסטע שטאפלען פונעם לעבנס־לייטער. דערביי ווערט געבראכט אלס ביישפיל די נעמען פון א גאנצער ריי באנקירן, בארימטקייטן, פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אופגעהויבן פון די סאמע נידעריקסטע שיכטן. דעריבער טאקע דארפן די קינדער, ווען זיי וועלן אופוואקסן, ווערן פארטיידיקער און באשיצער פונעם אייגנטום און פון דער „אָרדענונג", וואָס עפנט א וועג צו דערווערבן מיליאָנען. די ראָלע ווידער פון דער רעליגיע אין דער

זאך פון דערציִען די קינדער אינעם נייטיקן גײַסט פאַר די אמעריקאַנער באַנקירן איז אומגעהײַער גרויס, אומפאַרבײַטלעך.

דערפון נעמט זיך דאָס גרויסע אכט לייגן פון דער אמעריקאַנער בור־זשואַזיִע אף די רעליגיִעזע שולן, וואָס דאַרפן אַרומכאַפּן מיט רעליגיע־זער ווירקונג אַסאַך מיליאָנען קינדער.

אינעם 1928 יאָר האָט די קאַטוילישע קירך געהאַט 6.995 רעליגיִעזע שולן מיט 2.167.241 שילער; 132 קאָלעדזשן פאַר מיידלעך און 179 — פאַר ייִנגלעך.

אין די זונטיק־שולן פון די באַפּטיסטן האָבן זיך אין 1928 יאָר גע־לערנט 4.915.707 מאַן.

וועגן קולטור, מאָראַל, זיטלעכקײַט און דאָסגלײַכן

אין אמעריקע לעבן 12 מיליאָן נעגערן. דאָס זײַנען אין דער אַב־סאָליוטער מערהײַט לוין־אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין דער לאַנדווירט־שאַפט און אין דער אינדוסטריע. אין די דאָרעמדיקע שטאַטן האָבן זיך די נעגערן ביז די 70־קער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט געפונענע אין קנעכטישן צושטאַנד.

„דער נעגער־האַנדל איז איינער פון יענע פאַרבאָרגענע קויכעס, וואָס מיט זײַן גאַנצן קלאָר אַרויסצווועענדיקן עקל איז ער דאָך אין די הענט פון גאָט א געווער פון „פּראָגרעס", — האָט געשריבן א צײַטונג אף דאָרעם אין 1856 יאָר [1]). די אמעריקאַנער שקלאַפן־הענדלער האָבן גע־האַלטן די קנעכטשאַפט „פאַר א געווער פון פּראָגרעס" אין די הענט פון גאָט". פונקט אַזוי ווי די הײַנטיקע אמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן, פאַר־קנעכטנדיק כינע, טוען עס „אין נאָמען פון ציוויליזאַציע און פּראָגרעס".

אַרויסטרעטנדיק האַנט בא האַנט מיט די שקלאַפן־אייגנטימער אף צו פאַרטיידיקן די קנעכטשאַפט, האָבן זיך די גאַלאָכים פון דאָרעם־אמעריקע אין 1863 יאָר געווענדעט צו די קריסטן פון דער גאַנצער וועלט מיט אַזא אופרוף:

1) לייענבוך פון געשיכטע פון דער נײַער צײַט, באַנד V, זײַט 339, כעראַסקאָווס אַר־טיקל „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון צפון־אמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן און דער בירגערקריג".

„די לעצטע פראָקלאמאציע פונעמ פרעזידענט פונ די פאראייניקטע שטאטנ וועגנ דער עמאנסיפאציע (באפרייונג) פונ די שקלאפנ אפ דאָרעמ צווינגט אונדז צו דערקלערנ א פייערלעכנ פראָטעסט פונעמ פאָלק, וועלכנ גאָט אליינ האָט אויסדערוויילט". דעמ אופשטאנד קעגנ שקלא־פעריי האָבנ די קנעכט־אייגנטימער געהאלטנ פאר א שטערונג פונ „גאָטס פלאנ".

אויכ בא היינטיקנ טאָג האָט זיכ די לאגע פונ די נעגערנ אינ אמע־ריקע ווייניק־וואָס פארבעסערט, באזונדערס נאָכ אינ די דאָרעמדיקע שטאטנ.

„אפ דאָרעמ איז די נעגערנ פארבאָטנ צו פאָרנ אינ איינ עקיפאזש אָדער וואגאָנ מיט די ווייסע. דער נעגער טאָר זיכ ניט אָפשטעלנ אינ איינ האָטעל מיט קיינ ווייסנ אָדער באזוכנ דיזעלבע טעאטערנ... א נעגער דארפ שטענדיק אָפטרעטנ דעמ וועג א ווייסנ מענטשנ. אפ דאָרעמ מוז א נעגער אומבאדינגט אראָפנעמענ דעמ הוט פאר א פארבייגייענ־דיקער ווייסער „לעדי". ער טאָר ניט וואגנ דער ערשטער אָנצוהייבנ ריידנ מיט קיינ ווייסנ 1).

„די נעגערנ אפ דאָרעמ איז פארווערט צו באנוצנ זיכ מיט די געזעלשאפטלעכע ביבליאָטעקנ אונ פארקנ. פאר זיי זיינענ איינגעאָרדנט באזונדערע ווארט־צימערנ אפ די באנ־סטאנציעס, זיי טאָרנ ניט עסנ אינ קיינ געזעלשאפטלעכע רעסטאָראנענ, טאָרנ זיכ ניט אָפשטעלנ אינ קיינ אָנשטענדיקע גאסט־הייזער. די טעאטערנ זיינענ פאר זיי פארמאכט. אפ די אייזנבאנענ אונ—אינ די שטעט — אפ די טראמוויי־ליניעס זיינענ פאראנ פאר זיי באזונדערע, שמוציקע וואגאָנעס" 2).

אָט אזוי זעט אויס די בארימטע דעמאָקראטיע אינ די צאָפנ־אמע־ריקאנער פאראייניקטע שטאטנ. דער בורזשואזיע לוינט זייער צו זייענ אונ איינצופלאנצנ ראסנ־האס, ראסנ־פיינטשאפט אונ ראסנ־קאמפ צוויש. די באזונדערע פעלקער, ווייל דאָס שוואכט אָפ די ארבעטער־באוועגונג

מיט אָט אזא באציִונג צו די נעגערנ זיינענ אויכ דורכגעדרונגענ די אמעריקאנער פראָפאריינענ. אינ דאָס ראָוו פראָפאריינענ, וואָס גייענ

---

1) אמטער, „די אלוועלטלעכע באפרייונג־באוועגונג פונ די נעגערנ". מעלוכע־פארלאג, זייט 47.

2) קלאָד־מאק־קיי, „די נעגערנ אינ אמעריקע", מעלוכע־פארלאג, 1923 יאָר, זייט 49.

אריַין אין דער אמעריקאנער ארבעט־פעדעראציע, ווערן קיין נעגערן ניט צוגענומען. די פראָפאריינען פון די באַן־ארבעטער, אשטייגער, האָבן אין זייערע סטאטוטן אזוינע פאראגראפן, וואָס זאָגן, אז מיטגלי־דער פון פאריין „קענען זיַין בלויז אָרנטלעכע, אָנשטענדיקע, וויַיסע מענטשן".

דער פאָרשלאג פון א טייל דעלעגאטן אפן צוזאמענפאָר פון דער אמעריקאנער ארבעט־פעדעראציע אין סענטיאבער כוידעש 1927 יאָר וועגן דערלויבן די נעגערן אריַינצוטרעטן אין די פראָפאריינען פון די „וויַיסע ארבעטער" איז דורכגעפאלן.

די אמעריקאנער פראָפ־באאמטע, די טשינאָווניקעס, וואָס געפינען זיך אין דינסט באַם דאָלער, קענען זיך, פארשטייט זיך, ניט קעגנשטעלן יענעם אלעם, וואָס איז נייטיק פאר דער מעכטיקייט פונעם דאָלער, ווי אויך דער נאציאָנאלער און ראסעווער אומגליַיכקייט.

דערפאר אָבער עקזיסטירט פאר די נעגערן די קו־קלוקס־קלען און דער לינטש־געריכט. דער קו־קלוקס־קלען איז אנטשטאנען צווערשט אין טענעסער שטאט, ווו ס'איז פאָרגעקומען אין 1925 יאָר דער „מאלפע־פראָצעס". דעמאָלט האָט זי זיך בלויז געשטעלט א ספעציעלע אופגאבע— צו טעראָריזירן די נעגערן, ניט צו דערלאָזן זיי אָנטיילצונעמען אין געזעל־שאפטלעכן לעבן. אצינד אָבער איז דאָס טעטיקייט־פעלד פון דער קו־קלוקס־קלען שוין אסאך ברייטער. בא היַינטיקן טאָג איז שוין די הויפט־אופגאבע זיַינע — קאמף מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג.

דער קו־קלוקס־קלען איז ענג צונויפגעבונדן מיט דער פראָטעסטאנ־טישער קירך, און אחוצן לינטשן די נעגערן, ספעציאליזירט ער זיך אויך אפ לינטשן און דערמאָרדן די טוער פון דער ארבעטער־באוועגונג. פון 1889 יאָר ביז 1918 יאָר זיַינען געלינטשט געוואָרן אין צאָפן־אמע־ריקאנער פארייניקטע שטאטן 3224 נעגערן — אין דורכשניט מאכט עס אויס 111 נעגערן א יאָר. פארן לעצטן יאָר־צענדליק זיַינען אין אמע־ריקע יערלעך געלינטשט געוואָרן דורכשניטלעך 46 נעגערן.

„אפן דאָרעמ איז דאָס לינטשן א יאָנטעוודיקע פארוויַילונג, וואָס קיין איין וויַיסער פערמער, קיין איין געשעפטמאן וועט ניט דורכלאָזן. בא דער שוידערלעכער אָרגיע געפינען זיך גאנצע פאמיליעס, קינדער און עלטערן, וואָס קוקן זיך גאנץ רויִק צו, ווי עס ברענט לאנגזאם

דער אומגליקלעכער קאָרבנ, װעמענס לײדנ דער אױלעם סטאַרעט זיכ מיט אַלע מיטלענ נאָכ צו פאַרשטאַרקנ" 1). „אײנעם לינטשנ נעמט אנ אָנטײל דאָס גאַנצע דאָרפ אָדער שטעטל, פונ די װײַטסטע פאַרװאָרפנסטע דערפער אונ שכײנעסדיקע שטעטלעך אײַלט מענ אפ אױטאָמאָבילנ אונ מיטנ אײַזנבאַנ אָנצוקומענ װאָס גיכער אפנ פּלאַצ, װו ס'קומט פאַר דאָס לינטשנ. די פרױענ, באַװאָפנטע מיט אָנגעגליטע אײַזנס, פירנ א שטרײַט, א מינ געװעט, מיט די מענער, װער ס'װעט מער פאַרשאַפנ לײדנ די מיט קעראָסינ באַנאָסענע קאָרבאָנעס. די מענער־קאָרבאָנעס װערנ שטענדיק קאַסטרירט. די פינגער פונ די פיס אונ הענט, די האָר אונ אַנדערע קערפּער־טײלנ פונעם קאָרבנ כאַפּנ צו מיט טריומפ די מענער, די פרױענ אונ קינדער אַלס סוװינערנ" (צום אָנדענק) 2).

דער אַמעריקאַנער יאַנקי לינטשט די נעגערנ אונ אינ דערזעלבער צײַט בױט ער פאַר זײ קירכנ. ער בױט פאַר די נעגערנ קירכנ — דאָכ אָבער, װענ דער פּרעזידענט הוװער האָט אינ 1929 יאָר אײַנגעלאַדנ צו זיכ אפ טײ דעמ מיטגליד פונעמ אַמעריקאַנער קאָנגרעס, דעמ נעגער דע־פּריסטאַ אונ זײַנ פרױ, האָבנ די פּאַלשע, צװײפּנעמדיקע, קלױמערשט־פרומע הײליקע לײַט אופגעהױבנ א טומל איבערנ גאַנצנ לאַנד. „ס'איז ניט מאָראַליש" — האָבנ זײ געשריבנ.

דערפאַר אָבער, װענ אינ ברוקלינ האָט דער גאַלעכ בלאַקשיר באַמערקט אינ זײַנ קירכ א דאַונענדיקע נעגערנ, האָט ער איר באַלד געהײסנ נעמענ דעמ װעג פונ דאָרט. בא די באַפּטיסטנ, עװאַנגעליסטנ אונ ביכלאַל בא אַלע רעליגיִעזע פאַרײניקונגענ עקזיסטירנ פאַר די נעגערנ באַזונדערע קירכנ אונ טפילע־הײַזער, מאַכמעס ס'איז „ניט מאָראַליש" א װײַסנ מיט א שװאַרצנ צוזאַמענ טפילע צו טאָנ.

אינ אַסאַכ שטאַטנ דראָט אַרעסט די מענער אונ פרױענ, װאָס לעבנ צוזאַמענ ניט כאַסענע־געהאַטערהײט. שאַנד־הײַזער װידער עקזיסטיר אינ דיזעלבע שטאַטנ אפ שריט אונ טריט פראַנק אונ פרײַ, גאַנצ לעגאַל. דאָס, זעט איר, איז יאָ מאָראַליש, יאָ זיטלעכ! אָנטײלצונעמענ אינ א שטרײַק איז ניט מאָראַליש, אומזיטלעכ. זײַנ א שטרײַקברעכער, װידער, איז פאַרקערט—מאָראַליש, זיטלעכ א. אז. װ.

1) אַמטער. „די אַלװעלטלעכע באַפרײַונג־באַװעגונג פונ די נעגערנ"
2) קלאָר־מאַק־קײ. „די נעגערנ אינ אַמעריקע", מעלוכע־פאַרלאַג, 1923 יאָר, זײַט 124.

פאלשע פרומקייט און צווייפּנעמדיקייט—דאָס איז דאָס סאמע כאַ־ראקטעריסטישסטע פאר דער קאפּיטאליסטישער אמעריקע. צווייפּנעמ־דיקייט איז א מאסקע פון קלוימערשטער פרומקייט,—קעדיי צו פארדעקן די אינערלעכע פארפוילטקייט און פוסטקייט.

שטייענדיק אפ דער וואך פון דער „מאָראל", דערגייען די הער־שנדיקע קלאסן פון אמעריקע צו אזעלכע זאכן, ווי צו פארבאָטן באַ־וויַזן אין קינאָ בילדער, וו די פרוי צערייַסט דעם מאנס א בריוו, מאכ־מעס דאָס „דיסקרעדיטירט דאָס כאסענע האָבן".

קעדיי צו „פארהיטן די זיטלעכקייט", ווערט ניט דערלויבט אין א טייל שטאטן די סטודענטקעס ארויסצופאָרן מיט זשענטל־לייט שפעטער פון 6 אזייגער אינאָוונט. עס איז פארווערט סטודענטקעס צו רויכערן א. אז. וו. (אין דער שטאט באלטימאָרע, אשטייגער).

אין 15 שטאטן איז פארבאָטן די פרויען צו טראָגן קליידער קירצער פון א געוויסער לענג און דעקאָלטע ברייטער פון א באשטימטער צאָל דיוימען נידעריקער פונעם האלדז. אָט דאָס הייסט אָפּהיטן די זיטלעכ־קייט, אָט דאָס הייסט שיצן די מאָראל!

און די דאָזיקע זיטלעכקייט, די דאָזיקע מאָראלישקייט—אפּן פּאָן פון אויסערגעוויינלעכער רייַכקייט פון איין טייל און שרעקלעכער אָרעמ־קייט פון א צווייטן טייל, אפּן פּאָן פון אָרגיעס און אויסגעלאסנקייט פון די הערשנדיקע קלאסן, וואָס גייען אראָפּ פון זין, ווערן מעשוגע פון איבערגעזעטיקטקייט און ווילטאָג.

אמעריקע האָט שוין לאנג אופגעהערט צו זייַן „דאָס לאנד פון פרייַהייט"

קעדיי די פראָדוקטיווע קויכעס זאָלן זיך אנטוויקלען מיט מער דער־פאָלג, איז נייטיק געווען די ערשטע איבערוואנדערער אין די אמערי־קאנער קאָלאָניעס צו האָבן וואָס ווייניקער פארשיידענע רעליגיעזע, נאַ־ציָאנאלע און אנדערע שיידוועגטלעך און שטערונגען. דער נאָר־וואָס אופגעקומענער בורזשואזיע איז נייטיק געווען אראָפּצונעמען און צו צעשטערן אלע צוימען, וואָס האָבן געשטערט דעם האנדל־אויסטויש, די געשעפטלעכע באציונגען צווישן די מענטשן פון פארשיידענע נאציעס און גלויבנס.

פרײַהײַט!—אָט וואָס ס'איז נייטיק געווענ די ערשטע, וואָס האָבנ זיכ אריבערגעקליבנ אפ יענער זײַט אָקעאנ, אָט וואָס סע האָבנ געדארפט האָבנ די פארפאָלגטע אונ געטריבענע פונ אייראָפּע פוריטאנער—די פאָרשטייער פונ דער האנדל־בורזשואזיע אונ קליינ־בורזשואזיע, די פאָרשטייער פונ די באלמעלאָכעס אונ ארענדאטערס.

אָבער וואָס פאר א פרײַהײַט?

פרײַהײַט!—אז קיינ זאכ זאָל ניט שטערנ דער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיווע קויכעס. פרײַהײַט!—צו עקספּלואטירנ די ארבעטער, צו פארניכטנ, אויסראָטנ, פארטיליקנ די אינדיאנער אונ אפנ אָרט פונ די אמעריקאנער אייביקע וועלדער אונ ברייטע סטעפּעס אויסבויענ א קאפּיטאליסטישע אמעריקע.

אונ אזוי־ווי די באפעלקערונג פונ אמעריקע איז באשטאנענ פונ פאָרשטייער פונ פארשיידענע נאציעס אונ ראסעס, איז אויכ נייטיק געווענ פרײַהײַט פונ גלויבנ, קעדיי די רעליגיעזע ווענטלעכ זאָלנ ניט קענענ דינענ פאר קיינ שטערונג אינ די געשעפטלעכע באציונגענ צווישנ די מענטשנ (דאָס האָט זיכ, פארשטייט זיכ, אײַנגעשטעלט ניט מיטאמאָל. אינ די ערשטע אמעריקאנער יישווים לאָזט זיכ נאָכ דער רעליגיעזער אנטאגאָניזמ שטארק פילנ).

דערמיט דערקלערט זיכ, וואָס אינ אמעריקע איז ניטאָ קיינ אָפיציעלע מעלוכישע קירכ, וואָס דאָרט איז די קירכ אָפּגעטיילט פונ דער מעלוכע.

אָבער פרײַהײַט פונ גלויבנ הייסט נאָכ ניט פונדעסטוועגנ אויכ פרײַהײַט פאר אטעיסטנ, פאר ניט־גלויביקע. ניט געקוקט אפנ אָפּטיילנ די קירכ פונ דער מעלוכע, פארפאָלגט מענ ביז הײַנטיקנ טאָג אינ אמעריקע פאר גאָטלעסטערונג, אונ אינ דער פארגאנגענהײַט (נאָכ איידער ס'האָבנ זיכ געשאפנ די פאריייניקטע שטאטנ) האָט זיכ אינ אסאכ קאָלאָניעס גערעכנט פאר א פולבארעכטיקטנ בירגער בלויז דער, וואָס האָט געהערט צו אוועלכער ניט איז קירכ. דער מאסאטשוזעטסער שטאט, אשטייגער, האָט ערשט אינ 1833 יאָר אײַנגעפירט פולשטענדיקע רעליגיעזע פרײַהײַט.

אינ די יאָרנ 1783—1775 האָט אמעריקע געפירט א מילכאָמע פאר באפרײַענ זיכ פונ דער אפּעטראָפּסעס פונ ענגלאנד. דער אמעריקאנער בורזשואזיע איז נייטיק געווענ, צוליב דער אנטוויקלונג פונ אירע פראָ־

דוקטיווע קויכעס, פרײַ ווערנ אויכ פונ יעדער אויסערלעכער אָפּהענגיקײַט. נאָכ אינ 17־טנ יאָרהונדערט האָבנ די פוריטאנער פונעמ מאסאטשוזעטסער שטאט געהאלטנ, אז „די ענגלישע געזעצנ זײַנענ ניט גילטיק פאר אמעריקע" אונ אז אונטערווארפנ זיכ דעמ פּאָטערלאנד (ענגלאנד, הייסט עס) איז א זאכ פונ פרײַענ ווילנ. אינ דער אומאָפּהענגיקײַט־דעקלעראציע, וואָס איז ארויסגעלאָזט געוואָרנ ערעוו דער מילכאָמע מיט ענגלאנד, ווערט דערקלערט: „אלע מענטשנ זײַנענ געבוירנ געוואָרנ גלײַכע אונ אלעמענ האָט דער באשעפער באשענקט מיט אומבאשטרײַטנדיקע רעכט, ווי דאָס רעכט אפ לעבנ, פרײַהײַט אונ שטרעבנ צו גליק".

אָבער פונ יענער צײַט אָנ, פאר די 150 יאָר, וואָס זײַנענ אוועק פונ דער צײַט, ווענ אמעריקע האָט געפירט מילכאָמע פאר באפרײַענ זיכ פונ ענגלאנדס יאָכ, האָט זיכ אסאכ געענדערט. „די בורזשואזע ציוויליזאציע האָט געצײַטיקט אלע אירע פרעכטיקע פרוכטנ. אמעריקע האָט פארנומענ דאָס ערשטע אָרט צווישנ די פרײַע אונ געבילדעטע לענדער מיט איר הויכער אנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיווע קויכעס פונ דער מענטשלעכער פארייניקטער ארבעט, מיטנ אָנווענדנ מאשינעס אונ אלע וווּנדער פונ דער נײַסטער טעכניק. אמעריקע איז צוזאמענ דערמיט אויכ געוואָרנ איינע פונ די ערשטע לענדער, ווו ס'עקזיסטירט א טיפער אָפּגרונט צווישנ א הײַפל אומפארשעמטע פרעכע מיליארדערנ, וואָס פארכלינענ זיכ אינ גוטס אונ אינ ווילטאָג,—פונ איינ זײַט, אונ מיליאָנענ ארבעטער, וואָס לעבנ שטענדיק אפ דער גרענעצ פונ אָרעמקײַט — פונ דער צווייטער זײַט. דאָס אמעריקאנער פאָלק, וואָס האָט געוויזנ דער וועלט א מוסטער, געגעבנ א בײַשפּיל פונ רעוואָליוציאָנערער קריג קעגנ דער פעאָדאלער קנעכטשאפט, איז ארײַנגעפאלנ אינ א נײַער קאפּיטאליסטישער לוינ־קנעכטשאפט. א הײַפל מיליארדערנ האָט זיכ ארויסגעוויזנ אינ דער ראָלע פונ א געדונגענעמ הענקער, וואָס האָט, קעדיי צופרידנשטעלנ דאָס רײַכע געזינדל, די אימפעריאליסטישע הינט, געשטיקט אינ 1898 יאָר די פיליפינער מיטנ קלאָמערשטנ אויסרייד זיי צו „באפרײַענ" אונ שטיקט אינ 1918 יאָר די רוסלענדישע סאָציאליסטישע רעפּובליק מיטנ אויסרייד פונ וועלנ זי „באשיצנ פונ די דײַטשנ"[1].

1) לענינ—„א בריוו צו די אמעריקאנער ארבעטער". געזאמלטע ווערק, באנד XV, זײַט 404.

די עקאָנאָמישע מאכט פונ די צאָפנ-אמעריקאנער פאריײניקטע שטאטנ איז גוואלדיק אויסגעוואָקסנ. די פאריײניקטע שטאטנ זײַנענ בא הײַנטיקנ טאָג — דאָס סאמע רײַכסטע, אינ עקאָנאָמישנ זינ, דאָס סאמע שטארקסטע לאנד אינ דער וועלט. די נאציִאָנאלע האכנאָסע פונ די צאָפנ-אמעריקאנער פאריײניקטע שטאטנ באטרעפט 60 דאָלער א יאָר. דאָס נאציִאָנאלע רײַכטום פונ די שטאטנ ווערט געשאצט אינ 320 מיליארד דאָלער (די נאציִאָנאלע רײַכקײַט פונ פראנקרײַכ — נאָר 68 מיליארד, פונ ענגלאנד — 89 מיליארד). אמעריקע פארמאָגט ניט ווייניקער ווי 60% פונעמ וועלטלעכנ גאָלד-רעזערוו. די צאָפנ-אמעריקאנער פאריײניקטע שטאטנ באקומענ ארויס 72,4% פונעמ וועלטלעכנ נאפט-ארויסבאקומ. אמעריקע געהערט 61,1% פונעמ וועלטלעכנ טשוהונ-אויסשמעלצ, 61,1 % פונ דער וועלטלעכער שטאָל-פראָדוקציע, 58,9% פונ דער וועלטלעכער באוול-פראָדוקציע [1].

בא אָט אזוינע באדינגונגענ נייטיקנ זיכ דענ די אמעריקאנער באנקירנ אינ פרײַהײַט? ווער דארפ זי, די פרײַהײַט? די באנקירנ, די שטאָל-אונ נאפט-קעניגנ? — ניינ, זיי האָבנ דידאָזיקע פרײַהײַט איבערגענוג. טאָ ווועמענ-דענ איז זי נייטיק, די פרײַהײַט? דעמ ארבעטער-קלאס? ניינ, נאָר ניט אימ. די פרײַהײַט איז ניט פארנ ארבעטער. פאר אימ זײַנענ פאראנ קייטנ, וואָס האלטנ אימ געבונדנ, וואָס לאָזנ זיכ אימ ניט אופהייבנ אונ ארפּוּוארפנ פונ זײַנע פלייצעס דעמ מעכטיקנ בארג, וואָס דריקט אימ. אונ ס'איז אלציינס, וואָס פאר א קייטנ דאָס זאָלנ ניט זײַנ: די זשאנדארמעריע, דער געריכט, דאָס מיליטער, די שול, די פירער פונ דער אמעריקאנער ארבעט-פעדעראציע, דאָס אָנהעצנ איינ נאציִע אפ דער צווייטער אונ, צולעצט, די קירכ.

אינ ניו-יאָרקער אויסגוס שטייט א גרויסע „פרײַהײַט-סטאטוע". די סטאטוע האָט געדינט פאר א סימבאָל, פאר א צייכנ, אז די, וואָס פאָרנ ארײַנ אינ אמעריקע, פאָרנ ארײַנ אינ א לאנד פונ פרײַהײַט. אפ דער קאָנפערענצ פונ דער אמעריקאנישער לוטעראנישער ליגע האָט דעמ 8 יולי 1925 יאָר איינער פונ די דעלעגאטנ, דער פאסטער א. בערד, געהאלטנ א רעדע אונ האָט דערוויזנ די נייטיקײַט איבערצובײַטנ די סטאטוע פונ דער „געצנדינערישער פרײַהײַט-געטנ" אפ דער סטאטוע פונ כריסטוסנ.

---

[1] „די שוצ-פראָבלעמ אינ אויסלאנד אינ 1915 יאָר", מעלוכע-פארלאג, 1925 יאָר זײַט 9 (אינ רוסיש). דידאָזיקע ציפערנ געהערנ צומ 1923 יאָר.

צי איז דאָס ניט פארצייכענונגס-ווערט? צי דענ זאָגט דערדאָזיקער פאקט גאָרניט? — די אמעריקאנער „דעמאָקראָטיע" נייטיקט זיכ שוינ מער ניט אפילע אינ אזא מינ פאצירקע־„פרײַהײַט". אונ וואָס שטעלט מענ ארויס אָנשטאָט דעמ בילד פונ „פרײַהײַט" אונ מיט וואָס וויל מענ זי פארבײַטנ? — מיט דער סטאטוע פונ כריסטוסנ [1].

אמעריקע איז א לאנד פונ שפּיאָנענ אונ קנעכט

אינ די צאָפנ־אמעריקאנער פאריייניקטע שטאטנ זײַנענ פאראנ ניט ווייניקער פונ 25 מיליאָנ ארבעטער, וואָס זײַנענ באשעפטיקט אינ דער

---

[1] אגעוו: די פּראקטישע יאנקעס געפונענ אנ אנדער אָנווענדונג, א מער פּראקטיש-נוצלעכע, פאר דער פרײַהײַט-סטאטוע. די ווײַסגווארדייִשע צײַטונג „לעצטע נײַעס" (גיט זיכ ארויס אינ פאריזש, אונטער דער רעדאקציע פונ מיליוקאָוו) האָט פארנ 3-טנ אונ 4-טנ מארט 1926 יאָר (אינ די נומערנ 1806 אונ 1807) געבראכט צוויי מיטיילונגענ פונ ניו־יאָרק. די ערשטע מיטיילונג איז אזא: „ניו־יאָרק 2/III, 26 יאָר, א גרויסע זייגער-פאבריק איז זיכ מישטאדל וועגנ דערלויבנ אָנצוטאָנ אפ דער האנט פונ דער פרײַהײַט־סטאטוע א ריזיקנ בראָסלעט-זייגער, וואָס דער באנד זײַנער וועט האלטנ א מעטער די ברייט די פירמע נעמט אפ זיכ אכטונג צו געבנ אפנ זייגער אונ גאראנטירט זײַנ פינקטלעכנ גאנג". אונ אָט איז די צווייטע מיטיילונג: „ניו־יאָרק, קאָנקורענטנ האָבנ זיכ באלד געכאפּט, וואָס פאר א ציל די זייגער־פירמע איז אויסנ מיט איר פאָרשלאג, אונ אינעמ קריג-דעפּארטאמענט, אינ וועמעס רעשוס עס געפינט זיכ די פרײַהײַט-סטאטוע, האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שיטנ מעלדונגענ וועגנ דערלויבנ אָנטונ א הוט, א מאנטל אונ אפילע וועש אפ דער פרײַהײַט-סטאטוע. אינ פארשיידענע שטעט האָט מענ פאָרגעלייגט אויסצופּוצנ אונ אויסצוצירנ אויכ אנדערע נאציאָנאלע דענקמעלער. אינ וואשינגטאָנ (אינ דער הויפּטשטאָט פונ צאָפנ-אמעריקאנער פאריייניקטע שטאטנ) האָבנ א גרופּע לייצימ ארופגעצויגנ אפ דער סטאטוע „בירגערלעכע טוגנט", וואָס איז געשילדערט אינ געשטאלט פונ א נאקעטנ יונגנמאנ, פאדשיידענע זשאקעטנ, סוועטערס אונ היט".

אונ ווירקלעכ: צו וואָס זאָלנ שטיינ אומזיסט די סטאטועס „פרײַהײַט", „בירגערלעכע טוגנט" א. אז. וו.? איז דענ ניט גלײַכער זיי אויסצונוצנ אפ פארדינסט־צוועקנ, אפ צו האָבנ פונ זיי רעוועכ? ווארעמ קיינ פרײַהײַט איז שוינ אינ אמעריקע בעמיילע ניטאָ אונ די „בירגערלעכע טוגנט" איז אפ אזויפיל באקעט, זי דינט דעמ קאפּיטאל אפ אזויפיל אָפנ, אז ס'איז שוינ לאנג צײַט זי צוצודעקנ, זי אָנצוטונ. דאָס, זעט איר, איז שוינ אסאכ פּראקטישער, ווי שטעלנ די סטאטוע פונ כריסטוסנ.

אינ 1929 יאָר האָט איינער ראלף גליסאָנ געפונענ גאָר אנ אנדער אָנווענדונג פאר דער פרײַהײַט-סטאטוע. קעדיי צו באגיינ זעלבסמאָרד האָט ער זיכ ארויפגעוואָרפנ פונ דער פרײַהײַט־סטאטוע אונ זיכ אפ טויט צעשמעטערט.

אינדוסטריע, אין דער לאנדווירטשאפט, אינעם האנדל. פאר די הערשנדיקע קלאסן שטייט שטענדיק די פראגע — וויאזוי איינצוצוימען, וויאזוי צו בינדן דידאָזיקע פילמיליאָניקע ארבעטער־מאסע? די בורזשואזיע פרוווט ווירקן אפ די ארבעטער דורך די פראָפעסיאָנעלע ארבעטער־פאריינען, האלטנדיק אין אירע הענט די ארבעטער־אריסטאָקראטיע, די אָנפירער פון די פראָפעסיאָנעלע פאריינען, דורך אונטערקויפן זיי, דורך פאראינטערעסירן זיי אין די פארדינסטן פון דער אונטערנעמונג, דערמיט וואָס זיי גיבן זיי גוטע שטעלעס און רעווחים. זי אָרגאניזירט אזוינע „קאָמפאנעישע פאריינען”, וואָס פאראייניקן די ארבעטער מיט די אונטערנעמער, ווו די ארבעטער ווערן דערצויגן אין גייסט פון פרידלעכקייט, אין גייסט פון געמיינזאמע אינטערעסן פון די ארבעטער און קאפיטאליסטן. די פראָפעסיאָנעלע פאריינען האלטן אונטער די אילוזיע וועגן דעם, אז אין די באדינגונגען פון אמעריקע קען זיך יעדער ארבעטער אופהייבן אפן העכסטן שטאפל פונעם סאָציאַלן לייטער. די פראָפאריינען אָרגאניזירן ספעציעלע ארבעטער־בענק, ווו עס ווערן צונויפגעזאמלט די אָפשפּאָרונגען פון די ארבעטער.

די אמעריקאנער פראָפבאוועגונג איז אויסערגעוויינלעך שוואך, צעשפליטערט. ס׳הערשט אין איר אן אויסגעשפראָכענער צעכן־גייסט. די אמעריקאנער ארבעטער־פעדעראציע פארמאָגט ווייניקער פון 3 מיליאָן מיטגלידער, בא א צאָל פון 25 מיליאָן ארבעטער אין לאנד.

ווען אמעריקע איז אריינגעטראָטן אין דער וועלט־מילכאָמע, איז דער פרעזידענט ווילסאָן געקומען דעם 12/XI 1917 יאָר אפן צוזאמענפאָר פון דער ארבעט־פעדעראציע אין בופאל און האָט גענומען איינריידן און איבערצייגן די דעלעגאטן, אז זייער כיוועו איז צו העלפן אים „ראטעווען די ציוויליזאציע”, „דעריבער איז אָט מיין אייצע — האָט דערקלערט ווילסאָן — לאָמיר זיך ארויסווייזן פאר עכטע אמעריקאנער דערמיט, וואָס מיר וועלן זיך ניט צעטיילן אפ באזונדערע לאגערן אָדער גרופעס. לאָמיר מיטארבעטן צוזאמען מיט אנדערע קלאסן, מיט אנדערע גרופעס פאר דער אלגעמיינער זאך פון באפרייען די וועלט פון גייסטיקער קנעכטשאפט”... אָט דעמאָלט טאקע איז דערקלערט געוואָרן אפן צוזאמענפאָר דער „פרידן אין דער פראָדוקציע”: אין דער צייט פון מילכאָמע טאָרן ניט פאָרקומען קיינע שום שטרייקן. דער

ארבעטער־קלאס דארף, אויסשטרעקנדיק די הענט די באנקירן, גייג שטארבן אפ די שלאכט־פעלדער פונ פראנקרייך און בעלגיע, דארף זיך לאזן אינ קאמפ „פאר דער ציוויליזאציע", פאר באפרייען די וועלט פונ גייסטיקער קנעכטשאפט! ד. ה. פאר די אינטערעסנ פונ די ספעקוליאנטנ, פאר די אינטערעסנ פונ די אייזנ־און שטאל־קעניגנ, פאר די אינטערעסנ פונעם געלט־זאק.

אינ אקטיאבער כוידעש 1925 יאר איז אפנ צוזאמענפאר פונ דער אמעריקאנער ארבעט־פעדעראציע אפגעווארפנ געווארנ די רעזאליוציע פונעם לינקנ פליגל וועגנ דער בייטיקייט פונ די פאריייניקטע שטאטנ אנערקענענ פסר"ר.

די פירער פונ דער ארבעט־פעדעראציע האסנ דעמ פארבאנד פונ די סאציאליסטישע ראטנרעפובליקנ, האבנ פיינט דעמ קאמוניזמ נאכ שטארקער, ווי עס האסנ אימ און האבנ אימ פיינט די קאפיטאליסטנ אליינ. מאכמעס זיי ציטערנ פאר זייער לאגע, זיי האבנ מוירע פאר זייערע גוטע שטעלעס, פארנ גוטס און וווילטאג, וואס עס זיכערנ זיי די אמעריקאנער געלט־זעק.

אט אזוי זעט אויס די אמעריקאנער פראפבאוועגונג.

קעדיי נאכ מער פאנאנדערצולייגנ די ארבעטער־באוועגונג, טרעט ארויס אפ דער סצענע די קירכ.

דער איצטיקער פירער פונ דער אמעריקאנער ארבעט־פעדעראציע, גרינ, ארדנט איינ ספעציעלע גאט־דינסטנ פאר די ארבעטער. בעיס אט אזא מינ גאט־דינסט מיט אייניקע יארנ צוריק אינעמ קלויסטער פונ הייליקנ יאהאנ זיינענ ארויסגעטראטנ מיט דראשעס דער עפיסקאפ מאנינג און דער פירער פונ דער אמעריקאנער פראפבאוועגונג — גרינ. גרינ האט אינ זיינ רעדע גערופנ די ארבעטער צו „פאריייניקנ זיך אינ גייסט פונ קאאפעראציע און ברידערלעכער ליבע און צו ארבעטנ פארנ אלגעמיינעמ נוצנ". ער האט איינגערעדט און איבערצייגט די ארבעטער, אז „די ארבעט און דער קאפיטאל טרעטנ ארייננ אינ א נייער ערע, אינ פעריאד פונ מיטארבעטערשאפט און פריינטלעכע באציונגענ". ער האט געווארנט די ארבעטער, אז זיי זאלנ זיך דערווייטערנ פונ די „קעמפערישע באוועגונגענ", ווייל „טיפ אונטערנ אויבערפלאכ פונ יעדער קעמפערישער באוועגונג ליגנ פארבארגנ די עמבריאנענ פונ רעוואליוציע".

און אינדערעמעסן, צי דען דארפן די אמעריקאנער ארבעטער מאכן א רעוואָליוציע? צי לעבט זיך זיי שלעכט אונטערן „פרייען" אמעריקאַנער הימל?

מיט דער הילף פון דער קירך פארפלאָנטערט און פאנגט דער דאָלער אין זיינע נעץ די ארבעטער־באוועגונג.

אָט איז נאָך א שטריך, וואָס כאראקטעריזירט די פירער פון דער אמעריקאנער ארבעט־פעדעראציע: אָנהייב 1926 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אין ניו־דזשערסער שטאַט א שטרייק פון 15,000 טעקסטיל־ארבעטער. די אמעריקאנער ארבעט־פעדעראציע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן די שטרייקער, און אין דערזעלבער צייט האָט זי זיך געווענדעט מיט אן אופרוף צו די ארבעטער, אז זיי זאָלן שענקען נדאָוועס אפ בויען אין ניו־יאָרק א פראָטעסטאנטישן קלויסטער.

אפ וויפל ס'איז שוואך די ארבעטער־באוועגונג, זיינען אפ אזויפיל שטארק די אָרגאניזאציעס פון די קאפיטאליסטן. אין זייער רעשוס געפינט זיך אלץ — די ארמיי, פאָליציי, זשאנדארמעריע, שטרייקברעכערישע אָרגאניזאציעס (אין אמעריקע איז פאראן א שטרייקברעכערישע אָרגאניזאציע מיטן נאָמען „אמעריקאנער לעגיאָן", וואָס באשטייט פון געוועזענע סאָלדאטן), א דעטעקטיוו־ביוראָ, געזעצגעבערישע אנשטאלטן, די שול, פרעסע און קירך.

די פאריייניקטע שטאטן פארמאָגן 3 492 טעגלעכע און 13 600 וועכנטלעכע צייטונגען. טאָגטעגלעך גייען ארויס אין אמעריקע העכער 220 000 000 עקזעמפּליארן צייטונגען און פעריאָדישע זשורנאלן. פון אָט דער צאָל גייען ארויס הונדערטער צייטונגען ריין־רעליגיעזע אין מיליאָנען עקזעמפּליארן.

די גאנצע פרעסע (מיט זייער א קליינעם אויסנאַם) שאפט די אזוי־גערופענע „געזעלשאפטלעכע מיינונג", ד. ה. זי איז אָנגעפילט פריער פון אלץ מיט גיפטיקער פראָפּאגאנדע קעגן דער ארבעטער־באוועגונג, מיט שוואָכים און ליבגעזאנגען דעם „אופבליי" אין אמעריקע, איר הערשנדיקער ראָלע אין דער וועלט און אנדערע פערלען אין גייסט פון ביליקן פאטריאָטיזם.

דער געזעץ! צי דען קען אנדערש זיין דער געזעץ, ווען די ריכטער אלייך זיינען ניט מער ווי א שפילצייג אין די הענט פון די באנקירן און

מיליאָנערן, ווען אליין דער געריכט איז באַרופן בלויז אָפּצוהיטן די הערשאַפט פונעם דאָלער?[1].

ניט זעלטן טרעפט זיך אין דער געריכט־פּראַקטיק פון צפון־אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן פאַלן, ווען פאַר א גנייווע פון 15 צענט פאַרמישפּעט מען 15 יאָר טורמע. אָבער ווען א מיליאָנערס א זונדל שיסט א מענטשן בלויז קעדײַ אויסצופּרוּוון, וואָס סע פילט א מענטש, ווען ער טויט יענעם (און אַזעלכע פאַלן זײַנען אין אַמעריקע ניט קיין זעלטנהייט), טשעפּעט מען אים אפילו ניט. אַדרבא, פּרוּווט אים אָקאָרשט אָנרירן!

וואָרום פאַרגעסט ניט, אַז „**אַמעריקע איז א לאַנד פון שפּיאָנען און קנעכט**, ווו עס הערשן מיליאָנען, ווו פון 10 מיניסטאָרן (דאָ

---

1) דער בוילעטסטער באַווײַז פון דער אַמעריקאַנער „גערעכטיקײַט" איז דער אופרעגנדיקער — אפילו פון שטאַנדפּונקט פון בורזשואַזער גערעכטיקײַט — פאַקט פון פאַרמישפּעטן צו טויט־שטראָף די רעוואָליוציאָנערן סאַקאָ און וואַנצעטי. ביידע זײַנען זיי אַרעסטירט געוואָרן אין 1920 יאָר. מע האָט זיי באַשולדיקט אין מאַכן אן אָנפאַל מיטן צוועק צו באַרויבן, אין באַרויבן און דערמאָרדן עפּעס אן אַרטעל־מיטגליד. דער געריכט האָט זיי פאַרמישפּעט צו טויטשטראָף, און נאָר די פּראָטעסט־כוואַליע, וואָס סע האָט אופגעהויבן דער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט, האָט געשטערט אויסצופילן דעם אורטייל איבער זיי. אין מײַ־כוידעש איז ווידעראַמאָל באַטראַכט געוואָרן זייער איניען, און דער אורטייל איז געבליבן אין קראַפט. סע האָט ניט געהאָלפן, וואָס א רײַ „איידעס", וואָס זײַנען פריִער אַרויסגעטראָטן אפן פּראָצעס קעגן סאַקאָ און וואַנצעטי, האָבן זיך איצט מוידע געווען, אַז זיי האָבן פאַלש איידעס געזאָגט. עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס דער עמעסער מערדער פונעם אַרטעל־מיטגליד, איינער דזשעלעסטינאָ מאַדיירעס, האָט זיך מוידע געווען, אַז דאָס איז **ער** דער מערדער, און **ניט** סאַקאָ און וואַנצעטי. דער געריכט האָט זיך אפילו ניט צוגעהערט צו אָט דעם אַלעם. סאַקאָ און וואַנצעטי זײַנען אין 1927 יאָר געטויט געוואָרן אפּ אן עלעקטרישן שטול.

אין 1916 יאָר איז קימאַט אַזאַ מין פאַל פאָרגעקומען אין דער שטאָט סאַן־פראַנציסקאָ. אַמעריקע האָט זיך דעמאָלט געגרייט אַרײַנצוטרעטן אינעם וועלט־קריג. זי האָט געדאַרפט קוידעמקאָל טעראָריזירן די אַרבעטער־באַוועגונג, פאָטער ווערן פון די אַרבעטער־פירער, קעדײַ אויסצומײַדן פּראָטעסטן קעגן דער קריג. עס זײַנען דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן די אַקטיוויסטע טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — טאָם מוני און וואָרען בילינגס, מיטן אויסרייד, אַז זיי זײַנען קלוימערשט שולדיק פאַר וואַרפן א באָמבע בעת דער פּאַטריאָטישער מאַניפעסטאַציע. ביידע זיצן שוין 15 יאָר אין טורמע, ניט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז שוין דערוויזן געוואָרן, אַז זיי זײַנען אומשולדיק. אין 1929 יאָר האָט דער ריכטער, וואָס האָט זיי געמישפּעט, דערקלערט, אַז ער איז איבערצײַגט אין זייער אומשולדיקײַט. דאָך ווערט זייער איניען ניט באַטראַכט נאָכאַמאָל.

אָט אַזוי זעט אויס די „גערעכטיקײַט" אין דער „דעמאָקראַטישער" אַמעריקע!

רעדט זיך וועגן קולידזשס קאבינעט) זיינען זעקס מיליאָנערן — צום־
ביישפּיל, דער קאפּיטאַל פונעם פינאַנס־מיניסטער מעלאָן ווערט געשאַצט
אין עטלעכע הונדערט מיליאָן דאָלער [1]), און דער פּרעזידענט הוווער
פאַרמאָגט א קאפּיטאַל פון 10 000 000 דאָלער; דער אויסערן־מיניס־
טער קעלאָג (קולידזשס קאבינעט) פאַרמאָגט א קאפּיטאַל פון 5 000 000
דאָלער. צי דען איז ניט קלאָר, פאַרוואָסע דידאָזיקע מיניסטאָרן אר־
בעטן, וועמענס זיי פאַרטיידיקן און באשיצן? און וואָס פאַר א באדייטונג
און ווערט האָט עס פאַר דידאָזיקע מיליאָנערן אונטערצוקויפן הונדערטער
טויזנטער גייסטלעכע, אז זיי זאָלן פאַנאַנדערגעבן די ארבעטער ערטער
אינעם „הימלשן קעניגרייך“ בלויז דערפאַר, קעדיי די ארבעטער זאָלן
ניט וואגן צו פּרעטענדירן אף ערטער דאָ, אינעם ערדישן קעניגרייך,
וואָס איז אינגאַנצן פאַרנומען פון די מיליאָנערן, באַנקירן, פאבריקאַנטן
און זאַוואָד־אייגנטימער!

„קיין אנדערע האָפענונגען האָבן מיר ניט“

„די אומגעזעצלעכקייט הערשט אומגעהייער, און די אומאַכטונג צו
דער רעגירונג און צו דער באדינגלעכקייט פון דער געבילדעטער גע־
זעלשאַפט לאָזט זיך שוין זייער און זייער פילן“ — האָט זיך געקלאָגט
קולידזש, דער פּרעזידענט פון צפון־אמעריקאַנער פאַרייניקטע שטאַטן,
דער זיצונג פונעם נאַציאָנאַלן קירכן־ראַט אין 1925 י.

דער פּרעזידענט פון די צפון־אמעריקאַנער פאַרייניקטע שטאַטן
וווּנדערט זיך, וואָס ניט אַלע אין אמעריקע אַכטן די „געבילדעטע גע־
זעלשאַפט“, דאָס הייסט, אין דער ערשטער ריי די סיסטעם פון פּריוואַט
אייגנטום, די הערשאַפט פון קאפּיטאַל א. אז. וו. „די אויסערגעוויינלעכע
דערפינדערישקייט פון דער פּאָליציייִשער מאַכט און איר|ע פּרוּוון דורכ־
צופירן אין לעבן די ארויסגעגעבענע געזעצן וועלן גיין פולשטענדיק
פאַרלוירן, אויב עס וועט ניט זיין אין פאָלק קיין פעסטע און שטאַרקע
אנטשיידנקייט אונטערצוואַרפן זיך דידאָזיקע געזעצן. דידאָזיקע אנטשיידנ־

---

1) דער פינאַנס־מיניסטער מעלאָן האָט אין 1925 י. אָפּגעצאָלט בלויז שטייער 1.882.609 דאָלער, ד. ה. מער פון 3 $1/_2$ מיליאָן רובל.

קײַט איז די מעלוכע ניט בעקויעכ צו שאפנ. לויט מײַנ פּערזענלעכער איבערצײַגונג איז דאָס פעיִק צו שאפנ נאָר די רעליגיע. קײנ שום אנ־דער האָפענונג אפ אויסצובעסערנ אונ צו פּארפּולקאָמענ די געזעלשאפט האָבנ מיר ניט"...

אוואדע, וואָס איז דאָ פּאראנ צו רײדנ! די דערפינדערישקײַט פונ דער אמעריקאנער פּאָליציי אינעם געביט פונ באשיצנ די אומבארירלעכ־קײַט פונ פּריוואט־אײגנטום איז אָנ שום סאָפעק אומגעהײַער גרויס: אָנהייבנדיק פונ פּאָליצייישנ גומענשטעקנ, פונ טורמעס, אונ ענדיקנדיק מיט שטיקנדיקע גאזנ אונ מיטנ עלעקטרישנ שטול.

דאָס איז נאָכ אלצ אָבער ווייניק, דאָס העלפט נאָכ ניט, אונ די אמעריקאנער בורזשואזיע זוכט נאָכ א צוגאָב דערצו, א מער „דעלי־קאטנ" אונ מער „מאסעוונ" מיטל, אונ שטעלט זיכ אָפּ אפ דער רעלי־גיע. זאָל אינ נאָמענ פונ דער רעליגיע פּארשטארקט ווערנ די אכטונג צומ פּריוואט־אײגנטום.

אונ אז אינ אמעריקע איז ניטאָ קײנ אכטונג צו פּריוואט־אײגנטום, אז דאָרט הערשט א גרינגשעצונג בענעגייע דעמ פּריוואט־אײגנטום, באווײַזט דער אומגעווײנלעכער וווקס פונ פּארברעכערישקײַט. מאָרד, רויב, גנייווע זײַנענ געוואָרנ א באשטאנדטײל פונ דער אמעריקאנער „קולטור", פּונקט אזויווי דער לינטש־געריכט אונ קו־קלוקס־קלאַנ. די צאָל מאָרדנ אינ אמעריקע וואקסנ פונ טאָג צו טאָג: אינ 1922־טנ יאָר זײַנענ געוועזנ — 9 500 מאָרדנ, אינ 1923 י. — 10 000, אינ 1924־טנ יאָר — 11.000 (אײנ בײַשפּיל אפ צו פּארגלײַכנ מיט אנדערע — אינ ענגלאנד זײַנענ פּאָרגעקומענ פּארנ 1923 יאָר 151 מאָרדנ). וואָס פּאר א מיטלענ האָבנ שוינ די אמעריקאנער קאפּיטאליסטנ ניט אָנגענומענ, קעדיי צו קעמפנ קעגנ דער פּארברעכערישקײַט, אונ עס העלפט אלצ ניט, — ס'איז ניטאָ אינ אמעריקע קײנ אכטונג צו דער „באדינגלעכקײַט פונ דער גע־בילדעטער געזעלשאפט".

אינ 1923־טנ יאָר, לויט דער צײלונג, האָבנ זיכ געפונענ אינ די אמעריקאנער טורמעס 109.629 מענטשנ. אינ 1910 יאָר זײַנענ אינ די טורמעס געזעסנ 67.871 ארעסטירטע פּאר ערנסטע פּארברעכנס. אינ 1920 יאָר זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ פּאר ערנסטע פּארברעכנס 82.100 מענטשנ (פונ דער אלגעמײנער צאָל 133.324 ארעסטירטע אינ יענע יאָרנ).

אין מעשעכ פונ 1928 יאָר זײַנעג אינ אמעריקע ארעסטירט גע־וואָרנ פאר פארשיידענע פארברעכנס 454.389 מענטשנ (קעגנ 416 719 ארעסטירטע פארנ 1927 יאָר). לויט די יעדיִעס פונ די אמעריקאנער צײַטונגענ קאָסט אָפ אמעריקע די פארברעכערישקײַט 13 מיליארד רובל א יאָר. פארנ 1918 יאָר זײַנענ פאָרגעקומענ אינ אמעריקע 12.000 מאָרדנ, בלויז אינ איינ ניו־יאָרק שפאצירנ ארומ אפ דער פרײַ 30.000 קרימינעלע פארברעכערס, — דאָס אלצ האָט דערקלערט א מיטגליד פונ דער קאָמיסיע אפ צו קעמפנ קעגנ דער פארברעכערישקײַט בא דער געזעלשאפט פונ די אמעריקאנער יוריסטנ, איינער אוייד עליס.

ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס סע עקזיסטירט אינ אמעריקע דער „טרוקענער" געזעצ (דער פארבאָט צו באנוצנ ספירט־געטראנקענ), בליט די קאָנטראבאנדע מיט ספירט אונ ס'פארברייטערט זיכ די שיקרעס.

אינ די טורמעס פונעמ דאָזיקנ „דעמאָקראטישנ" לאנד ווערנ אָנגע־ווענדעט די סאמע בארבארישסטע, די סאמע אומענטשלעכסטע פײַניקונ־גענ צו די ארעסטירטע. אינ ניו־יאָרק איז אָנגעמערקט געוואָרנ צו פאר־טאָפלענ די צאָל פאָליציי־באאמטע (דער ביודזשעט אפ אויסהאלטנ זי באטרעפט 100 מיליאָנ רובל א יאָר, אונ דאָס איז בלויז אפ איינ שטאָט!).

דאָכ העלפט דאָס אלצ ניט, ווײַל צו גרויס איז דער קאָנטראסט צווישנ דער אָרעמקײַט אונ רײַכקײַט, ווײַל צו קליינ איז דער פראָצענט „אויסדערוויילטע" אונ צו גרויס — די אומגעהײַערע באפעלקערונג־מאסע פונ אמעריקע, וואָס שלאָגנ זיכ קאמ דורכ, ניט ווייסנדיק הײַנט מיט וואָס זיי וועלנ דורכלעבנ מאָרגנדיקנ טאָג[1].

אונ קעגנ דערדאָזיקער פארברעכערישקײַט, וואָס באדראָט אזוי דאָס רויִקע לעבנ פונ די קאפיטאליסטנ, ווערט אָנגעווענדעס, צווישנ א גאנצע רייי אנדערע קאמפ־מיטלענ, אויכ די רעליגיע ווענג דעמ טאקע האָט עס גערעדט דער פרעזידענט קוליִדזש, אז „מיר האָבנ קיינ שומ אנ־דער האָפענונג ניט"!

*) אלס באווײַז קאָנ דינענ די סטאטיסטיק פונ זעלבסטמאָרדנ אפנ באָדנ פונ ארבעט־לאָזיקײַט: אינ 1929 יאָר זײַנענ אינ די גרויסע שטעט פונ אמעריקע געווענ זעלבסט־מאָרדנ 17,4 אפ 100 000 מענטשנ פונ דער באפעלקערונג (אינ 1920 יאָר — 12.3 אפ הונדערט טויזנט). בלויז אינ איינ ניו־יאָרק האָבנ אינ 1928 יאָר פארענדיקט זייער לעבנ מיט זעלבסטמאָרד — 1 182 מענטשנ.

און ווי אלס ענטפער אפ קולידזשס רופ, האָבן אין ניו־יאָרק די גאַלאָכים און ראבאָנים באלד אופגעהויבן א קאמפאניע פאר איינפירן אין די שולן מע זאָל לייענען יעדן טאָג די 10 געבאָטן (די „אסערעס האדיבערעס״), ווי צווישן אנדערע איז אויך פאראן דער געבאָט „לוי־סאכמויד״ — פארלאנגן ניט קיין פרעמד גוטס, אלס מיטל פון קאמף קעגן דער פארברעכערישקייט.

די קירך אין אמעריקע

„46 מיליאָן מענטשן פון דער אמעריקאנער באפעלקערונג געהערן נאָך צו פארשיידענע אמעריקאנער קירכן. די קירך אין אמעריקע מיט אלע אירע סעקטעס געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון די רייכע. די גייסטלעכע דינען גאנץ אָפן דער בורזשואזיע, זיינען אָנגעשטעלטע בא איר. און ביטער איז דעם גאלעך, פאסטער, ראָוו, וואָס וואגט, וואָס האָט די דרייסטקייט זיך צו שטעלן אפן צאד פון די ארבעטער.

אין די קוילן־שאכטעס, אין די טעקסטיל־שטעטלעך געהערט די קירך דעם אייגנטימער פון שאכטע אָדער זאוואָד, דער גייסטלעכער ווערט אָפגעדונגען פון אים, ער דינט אים אלס פאָשעטער אָנגעשטעלטער.

אין קאמף קעגן די ארבעטער איז דער גייסטלעכער אפן צאד פון באלעבאָס. אָפן און פריי מאסערט ער די ארבעטער און באשולדיקט זיי אין מיטגעפיל צו די רויטע, וואָס זיינען קעגן דער „קירך און רעגירונג״. דער גייסטלעכער שטעלט זיך אפן צאד פון די ארבעטער נאָר אין זעלטענע פאלן, און דעמאָלט, פארשטייט זיך, מאסערט מען אים פאר די קאפיטאליסטן״ [1]. אָנהייב 1926 יאָר איז אויסגעבראָכן א שטרייק אין ניו־דזשערסטער שטאט. בעיסן שטרייק זיינען די קאטוילישע גאלאָכים ארויסגעטראָטן מיט דראָשעס, פאָדערנדיק, אז די ארבעטער זאָלן אָננעמען די באדינגונגען פון די קאפיטאליסטן, אונטערשטרייכנדיק, אז די טעקסטיל־מאגנאטן זיינען זייער גוטע מענטשן, זיי גייען אין קירך, אין דער צייט וואָס די פירער פונעם שטרייק זיינען אפיקאָרסים און קאָמוניסטן.

---

1) אמסטער. „די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אין די צאָפן־אמעריקאנער פארייניקטע שטאטן״. „קראסני נאָוו״, 1924 יאָר, זייט 80 — 81.

די אמעריקאנער „דעמאָקראטיע" פארמאָגט א גאנצ גוטנ ארבעט־אפאראט פונ דעטעקטיוונ אונ פארשיידענע אנדערע געהיימע אָרגאניזאציעס אפ צו פירנ א קאמפ מיט דער ארבעטער־באוועגונג. די קירכ, ווידער, דינט גאנצ אָפנ אונ פריי דעמ קאפיטאל. דער גאלעכ, דער ראָוו, דער פאסטער — דידאָזיקע אלע אָרדנ־ברידער זײַנענ געדונגענע לוינ־דינער באמ קאפיטאל.

א אינטערעסאנטער פאל איז פאָרגעקומענ אינ קאָלאָראדער שטאט. דאָרט איז אינ איינע פונ די טורמעס אויסגעבראָכנ אינ 1929 יאָר אנ אופשטאנד פונ די ארעסטירטע, ווי האָבנ געשאָסנ דעמ טורמע-אופזעער אונ האָבנ זיכ פארבאריקאדירט אינ טורמע. פּאָליציי אונ מיליטער האָבנ באלאגערט די טורמע, אָבער נעמענ זי האָבנ זיי אינ קיינ פאל ניט געקענט. דעמאָלט האָט זיכ פאר דערדאָזיקער זאכ גענומענ דער קאטוילישער גאלעכ פאטריק אָ'ניל. ער האָט זיכ אונטערגענומענ אונטערצולייגנ אונטער דער טורמע-געבײַדע דינאמיט, מיטנ ציל אופצורײַסנ זי. דעמדאָזיקנ פּלאנ האָט ער ווירקלעכ אויסגעפילט.

צי דענ איז דערדאָזיקער פאל ניט קיינ בוילעטער בײַשפּיל, אז די ארמיי פונ די גײַסטלעכע דינט אלס צוגאָב־ארמיי פונ דער פּאָליציי? צי באווײַזט עס ניט, אז די גײַסטלעכע קענענ „אגיטירנ" ניט בלויז מיט גאָטס וואָרט, נאָר אויכ מיט דינאמיט?

יעדער קאפיטאליסטישער טרעסט האָט זיכ זײַנע קירכנ, זײַנע גײַסטלעכע, זײַנע פריידיקער. די קאפיטאליסטנ האָבנ אײַנגעשטעלט די אָרדענונג פונ דער גאָלד־הערשאפט אינ אלע געביטנ פונ לעבנ, ניט אויסשליסנדיק אויכ די קירכ. ביטער איז יענער קירכ, וואָס אפ איר גיסט זיכ אויס דער גרימצאָרנ פונ די גרויסע אונטערנעמער.

פונקט ווי אלע אנדערע אָרגאניזאציעס, נייטיקט זיכ אויכ די קירכ אינ א פינאנציעלנ אָנשפאר, אינ געלט־שטיצע אפ צו עקזיסטירנ. אינ פראט פונ דערדאָזיקער פינאנציעלער שטיצע הענגט אָפ די קירכ דעריקער פונ די אונטערנעמערס.

אדאנק דערדאָזיקער געלט-שטיצע האָבנ די אונטערנעמער די מעגלעכקײַט אפריער אויסצופּאָרמירנ דאָס, וואָס דערנאָכ ווערט אראָפּ־געפריידיקט פונ די קירכלעכע קאטעדרעס. ווענ דער פעדעראלער קירכ־ראט האָט געפרווט אויספאָרשנ די לעבנ־ אונ ארבעט־באדינגונגענ פונ

די אַרבעטער אין דער שטאָל-אינדוסטריע, האָבן אים באַלד די אונטער־נעמער אַ באַפּויל געטאָן: די הענט אַראָפּ! ס'איז אים גאַנץ קלאָר און דײַטלעך דערקלערט געוואָרן, אַז ס'איז ניט די זאַך פון דער קירך אַרײַנצומישן זיך אין ערדישע עניאָנים...

אויך דער קאַטוילישער צדאָקע-ראַט האָט געהאַט אויסצושטײַן שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען פון די קאַפּיטאַליסטן פאַר פּרוּוון זיך אַרײַנ־מישן אין דער אַרבעטער־פראַגע. מ'האָט אפילו איבערגעגעבן דעם איניען דעם פּויפּסט פּי דעם 11־טן. דער פּויפּסט האָט באַלד באַפוילן אָפּצושטעלן די טעטיקייט פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע [1].

דער פּויפּסט ווייסט גאַנץ גוט, ווי עס לוינט ניט אײַנצורײַסן מיט די קאַפּיטאַליסטן, מאַכטעס זיי זײַנען די באַלעבאַטים, און געלט (אָט דעמדאָזיקן פאַרשאָלטענעם מעטאַל!) גיבן טאַקע זיי. זאָל, אַדעראַבע, פּרוּוון איינער פון די גײַסטלעכע אופהייבן זײַן שטים קעגן דעם, וואָס די קירך דינט אָפּן און פרײַ דעם קאַפּיטאַל; — ניט בלויז די „געזעל־שאַפט" וועט זיך פון אים אָפּקערן, נאָר די אייגענע אָרדן־ברידער וועלן זיך פון אים אָפּקערן און אים פאַרשעלטן.

אין 1929 נאָר האָט אַ גאַלעך פון דער מעטאָדישער קירך אין ברוקלין געוואָלט אַרויסטרעטן אָפן צוזאַמענפאָר פון די מעטאָדיסטן מיט אַזוינע ווערטער: „ווען מיר קומט אויס אויסקלײַבן צווישן גאָט און פּאַטערלאַנד, וואָלט איך אויסגעקליבן מײַן גאָט. איך בין אַן אַמערי־קאַנער, אָבער פריער פון אַלץ בין איך אַ קריסט". — פינף הונדערט מאַן, וואָס זײַנען בײַגעווען אָפן צוזאַמענפאָר פון די מעטאָדיסטן, האָבן אים ניט געלאָזט ווײַטער ריידן און האָבן אים פאַרטריבן פון דער קאַטעדרע [2].

באַם עפּיסקאָפּ בראַון, באַם אַווטער פונעם באַוווּסטן ביכל „קאָמו־ניזם און קריסטנטום", וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רוישעם אָפּ דער וועלט, האָט מען אין אָקטיאַבער 1925 יאָר פײַערלעך אַראָפּגענומען זײַן אָרדן־טיטל פאַר „אַפּיקאָרסעס און ראַדיקאַליזם". און פאַרוואָס זאָל

---

[1] האָווסטאָב — „אַרבעט און קאַפּיטאַל אין אַמעריקע", מעלוכע־פאַרלאַג, זײַט 136—164. (אין רוסיש).

[2] קאַלער. „דער אַמעריקאַניזם — אַ געפאַר פאַרן שאָלעם" אויסגאַבע „גאָלאָס טרודאַ". 1925 יאָר, זײַט 1925 (אין רוסיש).

מען ניט געווען אראָפּנעמען דעם טיטל פֿון א מענטשן, וואָס אָנשטאָט קריסטלעכער באַרויִקונג, אָנשטאָט פֿרידן און שאָלעם פֿריידיקט ער גאָר אַזוינע פֿאַר די באַנקירן אומאָנגענעמע אידייען: „די רעוואָלוציע וועט אויסקערן די הערשער און קנעכט, זי וועט אײַנשטעלן א אָנקלאַסעווע אמעריקע און א נײַע רעגירונג, זי וועט זיך פֿאַרנעמען אויסשליסלעך מיט צוגרייטן מיטלען פֿאַר דער עקזיסטענץ, קעדײַ צו באַזאָרגן אַלע־מען, ווער עס קען און וויל נאָר אַרבעטן, מיט איבערגענוג נייטיקע לעבנס־פּראָדוקטן און קאָמפֿאָרט־זאַכן, און ניט מיט דעם, קעדײַ צו באַזאָרגן די פּוילע, די, וואָס טוען גאָרניט, מיט אַלדאָס גוטס, מיטן שמאַנט פֿון לעבן, איבערלאָזנדיק פֿאַר די עמעסע פּראָדוצירער בלויז די זויערמילך" 1).

און מיט בראונען אַליין איז געשען דאָס, וואָס ער האָט געשריבן: „אַפּילע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, אין דער פּעס־טונג פֿון פּאָליטישער און רעליגיעזער פֿרײַהײַט, טאָר קיינער זיך ניט דערוועגן דערקלערן דעם עמעס און לערנען אים אַנדערע, ניט ריזיקירנדיק דערבײַ צו ווערן אַרויסגעטריבן פֿון גאָטס טעמפּל און געוואָרפֿן אין טורמע".

די צעצווײַגטע רײַכע קירכלעכע אָרגאַניזאַציע איז נייטיק דעם קאַפּיטאַל פֿרײַער פֿאַר אַלץ אַלס אָרגאַניזאַציע אָפּ צו קעמפֿן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער צײַט פֿון שטרײַקן, אַרויסטרעטונגען פֿון די אַרבעטער, טרעטן אַרויס די היטער פֿון גאָטס געבאָטן קעגן די אַרבעטער, פֿריידיקנדיק שאָלעם צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל.

„מיר פֿאַרמאָגן דאָ גאָרניט אַכוץ אונדזער פֿעל. יעדער ביימל גע־הערט דאָ דער פֿירמע גאָדאַרד. דערדאָזיקער פֿירמע געהערט אויך די מעטאָדיש־עפּיסקאָפּאַלע קירך. און די פּריידיקערן, די הייליקע מערי סאַמפּסאָן, זאָגט אונדז, אַז מיר זאָלן זיך אומקערן צו דער אַרבעט" — האָט דערקלערט איינער פֿון די שטרײַקער בעייסן שטרײַק פֿון די טעק־סטיל־אַרבעטער אין 1922 יאָר.

דער קאַפּיטאַליסט נוצט אויס די רעליגיע אָפּ צו קעמפֿן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג ניט בלויז אומיטלבאַר, דירעקט, נאָר אויך אומדי־

1) וויליאַם בראון. „קאָמוניזם און קריסטנטום". אויסגאַבע „פּריבאָי", 1923 יאָר, זײַט 25 (אין רוסיש).

רעקט. אזוי האָט אפנ פראָצעס פונ די גאסטאָנער טעקסטיל־ארבעטער אינ אָקטיאבער־כוידעש 1929 י. דער פראָקוראָר געפרווט אָנרייצנ די געשוואָרענע ריכטער קעגנ די ארבעטער, ספּעקולירנדיק אפ די ראסע־ווע אונ רעליגיעזע פאָרורטיילנ. ער האָט די ארבעטער פארגעבנ פראגעס וועגנ זייער באציִונג צו דער רעליגיע, אונ זייערע ענטפערס האָט ער געפרווט אויסנוצנ קעגנ זיי אליינ. דער ריכטער, אשטייגער, האָט געמאכט אנ אויספיר, אז אפ די באווייזנ פונ דעם איידעס, וואָס גלויבט ניט אינ גאָט, קענ מענ זיכ אינגאנצנ גאָרניט פארלאָזנ.

לויט די יעדיִעס פונעמ „קירכלעכנ יאָרבוך" (פאר 1927 י.) האָבנ די קירכלעכע אָרגאניזאציעס אינ אמעריקע אינ 1925 י. פארמאָגט 46 883 756 מיטגלידער. האָבנ געהאט 236 964 קירכנ אונ 216 078 גייסטלעכע.

דאָס פארמעגנ פונ די אמעריקאנער קירכנ איז אינ 1922 י. געשאצט געוואָרנ אזוי:

רוימיש־קאטוילישע קירכ	648.091.000	דאָלער
מעטאָדיסטישע „	535.924.000	„
פרעסוויטעריאנער „	336.762.000	„
באפטיסטישע „	326.264.000	„
פראָטעסטאנטיש־עפּיסקאָפּאלע קירכ	249.422.000	„
לוטעראנישע קירכ	189.965.000	„
קאָנגרעגאציִאָנאליסטישע קירכ	147.736.000	„
אנדערע	386.058.000	„
אינגאנצנ	2.820.222.000	„

גלייכצייטיק דערמיט ווערט די קירכ ברייט אויסגענוצט אפ „באַ־ארבעטנ" די אונטערדריקטע נאציִאָנאלע מינדערהייטנ. פאר די פאר־פאָלגטע אונ רעכטלאָזיקע נעגערנ זיינענ פאראנ אינ אמעריקע 42 281 קירכנ. די נעגערישע קירכנ זיינענ, פארשטייט זיכ, באזונדערע, אָפּגע־טיילט פונ די ווייסע.

דורכ דער קירכ ווירקט דער אמעריקאנער קאפּיטאל אפ די נעגערנ, דערציט זיי אינ גייסט פונ דאנקבארשאפט צו דער אמעריקאנער „צי־וויליזאציע". מ'רעדט זיי איינ אונ מ'איבערצייגט זיי, אז זיי דארפנ דאנקענ גאָט דערפאר, וואָס ער האָט זיי אריבערגעטראָגנ פונ די אפריקאנישע ברעגנ אפ דער אמעריקאנער ערד.

די נעגרישע קירכ כאפט ארום 4 788 521 גלויביקע. אכוץ קירכנ זײַנען נאָכ פאראנ 38 889 ספעציִעלע זונטיק־שולנ פאר די נעגערנ מיט 2 126 000 שילער. ס'זײַנען פאראנ 34 962 נעגערנ-גײַסטלעכע. די פראָ־טעסטאנטישע קירכ האָט דערלויבט די נעגערנ צו האָבנ אפילע אײגענע עפיסקאָפנ. די פרומע גאָטספאָרכטיקע אמעריקאנער בורזשויִענ זאָרגנ זיכ שטארק וועגנ ארופירנ די נעגערנ אפנ „ריכטיקנ וועג", אפנ „וועג פונ עמעס". פונ 492 נעגרישע צײַטונגענ, וואָס זײַנען דערשינענ אינ 1921 י. (אינ 38 שטאטנ), האָבנ 83 געטראָגנ אנ אויסגעשפראָכענעם רעליגיִעזנ כאראקטער.

דער גרעסטער טײל פונעם קירכלעכנ קאפיטאל איז ארײַנגעלײגט אינ דער אינדוסטריע, אינ פארשײדענע אקציִאָנערע געזעלשאפטנ, בענק, אונ גיבנ אסאכ פראָצענט. די אמעריקאנער „געטלעכע לײַט" פארלאָזנ זיכ טאקע אפ גאָט, דאָכ דרימלענ זײ אלײנ אויכ ניט. די קירכ איז דאָ די מעכטיקסטע קאפיטאליסטישע אָרגאניזאציע.

האנט בא האנט מיט דער קירכ ארבעטנ א גאנצע רײ רעליגיִעזע אונ רעליגיִעז־פאשיסטישע געזעלשאפטנ אונ פארײניקונגענ.

דער מענטש באשאפט זיכ א גאָט לויט זײַנ אײגענעמ געשטאלט

יעדע געזעלשאפט האָט זיכ איר פאָרשטעלונג וועגנ גאָט, איר געשטאלט פונ גאָט (אָדער געטער), אונ לויט דערדאָזיקער פאָרשטעלונג, לויטנ דאָזיקנ געשטאלט מאָלט ער אימ (אָדער זײ). די פעאָדאלע געזעלשאפט האָט זיכ געשאפנ א פעאָדאלע אָרדענונג אויכ אפנ הימל. דער ערדישער דעספאָטיזמ האָט געדינט א מוסטער פאר מאָלנ די בילדער פונעם הימלשנ דעספאָטיזמ. דער קאפיטאליזמ אפ דער ערד פאָרמירט אויס אינ די מויכעס פונ די מענטשנ א פאָרשטעלונג וועגנ א קאפיטאליסטישער אָרדענונג אפנ הימל.

דער כינעזער שטעלט זיכ פאָר כריסטוסנ אלס א כינעזער אונ דער יאפאָנער — אלס א יאפאָנער. דער ווילדער, צו וועלכנ דער מיסיִאָנער האָט געבראכט זײַנ גלויבנ, שטעלט זיכ פאָר כריסטוסנ אינ געשטאלט פונ די אָפגעטער, צו וועלכע ער האָט זיכ ערשט נאָכ נעכטנ געבוקט.

די מענטשן אליין באשאפן זיך אָדער טראַכטן אויס געטער. ענדערן זיך נאָר די באַדינגונגען פון לעבן אַף דער ערד, ענדערן זיך נאָר די קלאַסן־פאַרהעלטענישן צווישן די מענטשן, אַזוי ענדערן זיך באַלד אויך די פאָרשטעלונגען וועגן גאָט.

די פּאָגראָם־לײַט פון צאַרישן רוסלאַנד האָבן אין די יאָרן 1905—1907 אין זייערע „פּאַטשײַעוור״ און אַנדערע שמוציקע בלעטלעך געשריבן, אַז כריסטוס איז געווען אַ שוואַרצמייעניק און אַ פּאָגראָמשטשיק און האָבן דעריבער גערופן די גלויביקע נאָכצוטאָן דעם בײַשפּיל פון כריסטוס דעם פּאָגראָמשטשיק. בעת דער מילכאָמע האָבן די גאַלאָכים געמאָלט כריסטוסן אין געשטאַלט פון אַ קריגער און האָבן גערופן די סאָלדאַטן זיך שלאָגן, פאָלגנדיק דעם בײַשפּיל פון כריסטוס דעם סאָלדאַט. אין אונדזער צײַט זאָגן די לײַט פון וועדענסקיס טיפּ, אַז כריסטוס איז געווען אַ קאָמוניסט. די באַפּטיסטן שרײַבן אין זייער בריוו, וואָס זיי האָבן אין 1929 י. צעשיקט צו זייערע אָרגאַניזאַציעס, אַז כריסטוס איז אַ „זון פון אַ האַנטווערקער״ און „לויט דער סאָציאַלער לאַגע״ — אַן אַרבעטער.

אַפן בײַשפּיל פון אַמעריקע איז אינטערעסאַנט נאָכצופאָרשן, ווי די רעליגיע האָט זיך צוגעפּאַסט צו דעם געשמאַק און צו די נויטן און באַדערפענישן פונעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסט.

די קירכע אין אַמעריקע האָט זיך „מאָדערניזירט״, ד. ה. זי האָט זיך מאַקסימאַל צוגעפּאַסט צו די נײַע באַדינגונגען. אַנדערש וואָלט זי קיינעם ניט געקענט צוציִען צו זיך.

אין אַן אַמעריקאַנער צײַטונג (אין דער „רוסישע שטים״ פאַרן 22/VIII 1929 יאָר) איז געווען געמאָלדן, אַז אין די גאָר געוויינלעכע גאַסט־הײַזער פון אַמעריקע קען מען געפינען אַ ביבל מיט פאַרשייד ענע האַנדל־אינפאָרמאַציעס, וווּ עס געפינען זיך, אַשטייגער, אַזעלכע פאַרלען: „אויב דער האַנדל גייט שוואַך — לייענט די פּסאַלמען 23 און 27״, „אויב דו האָסט פאַרלוירן דאָס גלויבן אין די האָפענונגען, לייענט קאַפּיטל 13״; „אויב די רעזולטאַטן זײַנען גלענצנדיקע — לייענט קאַפּיטל 12 — צו די רוימער״ א. אז. וו.

אויב שוין יאָ לייענען די ביבל, איז כאָטש האָבן נוץ, אַז דער האַנדל זאָל פון דעם געניסן!

די קירך אין אמעריקע איז א קאפיטאליסטישע אָרגאניזאציע, און אלס אזעלכע ווי קען זי ד נ עקזיסטירן אָן ר ע ק ל א מ ע? „די רע־קלאמע איז דאָך דער באוועגער פון האנדל”, דאָסזעלבע איז זי אויך דער באוועגער פונעם האנדל מיט געטלעכן אָפּיום.

אָט פארוואָס די קירך־רעקלאמע איז זייער ברייט אויסגעשטעלט אין צאָפן־אמעריקאנער פארייניקטע שטאטן. אין דיקע זונטיקדיקע צייַ־טונגען איז שטענדיק אייַנ זייַט אָדער עטלעכע זייַטן אינגאנצן געווידמעט דער קירך. דאָרט ווערט רעקלאמירט, ווו און וואָס פאר א פריידיקער עס וועט ארויסטרעטן, אף וועלכער טעמע ער וועט ריידן, וואָס פאר א כאָר ס'וועט זינגען א. אז. וו.

אָט איז, אשטייגער, א מוסטער פון א מעלדונג אין צייַטונג:

„אומשטארבלעכקייַט”

אף דערדאָזיקער טעמע וועט

דער פריידיקער נ. ע. מ אָ ט י נ האלטן א פייסעך־

— ר ע ד ע —

זונטיק דעם 15־טן אפּרעל ד. י. אין עוואנגעלישן פרידנ־הויז

325 איסט 6־טער גאס (צווישן 1 און 2 אוועניו נ. אי.)

אף דער פייַערלעכער פארזאמלונג וועט ארויסטרעטן דער

עוואנגעלישער כאָר.

ס'ווערן הארציק אייַנגעלאדן מענער, פרויען און קינדער אף דערדאָזיקער אינטערעסאנטער פייסעך־פארזאמלונג

קומט אָנהייב 7 אזייגער אינאָוונט.

ארייַנגאנג—פרייַ.

די דראָשע אין קירך טאָר ניט זייַן קיין אומעטיקע. אנדערש וועט זי קיינער ניט וועלן הערן. שוין דער נאָמען אליין דארף פארינטרי־גירן. דערום קאָן מען אמאָל באגעגענען אזא סאָרט אנאָנס: „וועסט

אומקומען — יאָ אָדער ניין! (אפּ א פּאָשעטער שפּראַך וואָלט עס גע־הייסן — „פאַר אָדער קעגן בראָנפן!" מ'דאַרף אין אַכט נעמען, אַז אין אַמעריקע איז בראָנפן פאַרווערט).

און קעדיי סע זאָל ניט זײַן אומעטיק אין קירך — קאָן מען אויך אײַנאָרדענען קינאָ אפּ טעמעס פון דער ביבלישער געשיכטע. אפּ דעם ווערט אויסגעגעבן אומגעהײַערע געלט־מיטלען. ס'לוינט אָבער. מ'קען אויך אײַנפירן טענץ אין קירך. אין אייניקע סינאַגאָגעס, אַשטייגער, פּונקט אַזויווי אין די קירכן, זײַנען אײַנגעפירט טענץ. ס'ווערן אײַנגעאָרדנט אָוונטן און ספּאָרט־פאַרווײַלונגען, קעדיי צוציִען די יוגנט. אין איינער פון די אַמעריקאַנער צײַטונגען לייענען מיר אַזאַ באַשרײַבונג:

„פּרוּווט זיך אָקאָרשט דורכגיין א פּרײַטיק־צונאַכטס פאַרבײַ די קירכן אין אַזאַ אַרכי־פּוריטאַנער שטאָט, ווי ספּרינגפעלד־מאַס. פונעם אונטערשטן עטאַזש פון די קירכן הערט זיך מוזיק, געלעכטער און פריילעכקײַט פון דער יוגנט. פריִער האָט די יוגנט געקראָגן קירכלעכן אָוונט־ברויט, געהייליקט פונעם פּאַסטער, און אַצינד דזשאַזירט זי פריילעך פאַרלעכווײַז..."

די אַמעריקאַנער קירך איז ניט בלויז אַן אָרט פאַר טפילע־טאָן, פאַר דאַווענען. אין די דערפער זײַנען בא די קירכן אײַנגעאָרדנט קלובן, ערטער פאַר ספּאָרטיווע געווער, אפּ טאַנצן, אפּ דעמאָנסטרירן קינאָ־פילמעס. דאָרט מאַכט מען אָרדענען אויך אײַן די גאַלאָכים אַזעלכס, וואָס אינטע־רעסירט די דאָרפישע אײַנוווינער — ווי, לעמאָשל, לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסשטעלונגען. אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט זיך די קירך אין א קלוב.

אין די שטעט זײַנען פאַראַן קירכן, ווו מ'קאָן הערן גוטע מוזיק, קירכן, ווו סע קלײַבט זיך צונויפּ די אַריסטאָקראַטיע, די פּנײַ פון שטאָט, ווו סע ווערט אײַנגעאָרדנט לאָטעריי־שפּילן, ווו מ'קען זיך באַווײַזן אויסגעפּוצט און אויסגעצירט, ווו סע ווערן אײַנגעאָרדנט ווילטעטיקע מערק, צדאָקע־בעלער א. ד. גל. מיט איין וואָרט, די קירך האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א „ס א ל אָ ן - ק י ר ך", ווי סע רופט זי אַן דער פּראָפעסאָר פון גאַרוואַרדער אוניווערסיטעט, מיונסטערבערג, אין זײַן בוך „אַמעריקאַנער" [1].

1) מיונסטערבערג. „אמריקאַנער", באַנד II, זײַט 169. אויסגאַבע פון 1907 יאָר (אין

ס'זײַנען פֿאַראַן אַזױנע קירכן אױך פֿאַרן פּראָסטן עולם.

דער אמעריקאַנער האַלט זיך גרױס דערמיט, װאָס ער איז אַ װײַ־סער, און װיל ניט זיצן צוזאַמען מיט די נעגערן. איז ביטע! די גאַלאָכים זײַנען אױך דערמיט מסכּים, און די נעגערן װערן אַרױסגעטריבן פֿון די קירכן, װאָס זײַנען באַשטימט פֿאַר די װײַסע. פֿאַר זײ װערן געמאַכט באַזונדערע קירכן, דערפֿאַר אָבער רעכענען זיך אָפּ די נעגערשע גאַ־לאָכים מיט די װײַסע. זײ זײַנען זיך נױקעם אָן זײ. זײ טרעטן אַרױס אין קירך מיט דראָשעס, װו זײ דערװײַזן, אַז קריסטוס און זײַנע אַפּאָסטאָלן זײַנען געװען ניט קײן װײַסע, נאָר שװאַרצע נעגערן. זײ האָבן אַפֿילע אַרױסגעגעבן ספּעציעלע בילדער פֿון קריסטוסן און אַנדערע העלדן פֿון דער עװאַנגעליע, װאָס זעען אױס װי שװאַרצע נעגערן! װײַל ס'איז דאָך קלאָר, אַז יעדער אײנער באַשאַפֿט זיך זײַן גאָט לױט זײַן אײגענעם געשטאַלט. און אױב די יאַנקעס מאָלן זיך קריסטוסן אין דער ראָלע פֿון אַ געשעפֿטמאַן, טאָ פֿאַרװאָס זאָלן די נעגערן ניט מאָלן קריסטוסן װי אַ נעגער?

דער אמעריקאַנער האָט ליב ספּאָרט, — טאָ פֿאַרװאָס זאָל מען ניט אײַנפֿירן אין קירך קײן ספּאָרט? איז אָט בױט מען איצט אין ניו־יאָרק אַ קירך, װו די פֿענצטער װעלן אָנשטאָט מיט הײליקע, באַמאָלט זײַן מיט ספּאָרטיװע סצענעס (מיט פֿוטבאָל, גאָלף א. א. װ.)

אמעריקע האָט ליב רעקאָרדן, איז אָט פּונקט אַזױ װי מ'אָרדנט אײַן אַ רעקאָרד־געװעט אױף דער דױערנדיקײַט פֿון אַ טאַנץ, אַזױ אָרדנט מען אױך אײַן רעקאָרדן אױף דער דױערנדיקײַט פֿון אַ טפֿילע.

אָנהײב 1929 יאָר האָט מען אין דער באַפּטיסטישער קירך פֿון הײליקן יאָסיף אין קאַליפֿאָרניע אײַנגעאָרדנט אַ גאָט־דינסט, װאָס האָט זיך געצױגן 48 שאָ. אין 1926 יאָר האָט מען אײַנגעאָרדנט װעט־שטרײַטן אױף לײענען די ביבל.

אױף אײנעם אַזאַ געװעט האָט זיך די קאָנקורס־צײַט געצױגן 52 שאָ, 18 מינוט, 27 סעקונדן. ס'איז ניט צו מאַכן! — דער אמערי־קאַנער האָט ליב רעקאָרד, און מ'מוז נױטן דעם אַלטן גאָט שפּרינגען און האָפּקען, אַניט װעט ער אָפּשטײן פֿון דער הײַנטיקער צײַט, און קײנער װעט זיך אין אים ניט נײטיקן.

זייער אינטערעסאנט איז אין דעם זין די רעפאָרמירטע סינאַגאָגע, וואָס די ראַבאָנים האָבן געשאַפן. דאָ ווערן די טפילעס געזונגען מיט די מאָטיוון פון פאַרשיידענע אָפּערע־אַריעס. פונעם סידער האָט מען אַרויסגעוואָרפן די ניט־נייטיקע טפילעס. אין סינאַגאָגע שפּילט אַן אָרקעסטער, עס איז דערלויבט אין סינאַגאָגע צו זיצן אָן א היטל (וואָס לויט די יידישע רעליגיעזע דינים איז עס פאַרבאָטן) א. אז. וו.

אָט אזוי האָט דער אמעריקאַנער קאַפּיטאַליסט צוגעפּאַסט זיין גאָט צו זיין געשמאַק, צו זיינע שטימונגען און באַדערפעניש.

און אָט איז צולעצט נאָך אַן אינטערעסאַנטער ביישפּיל:

„דער ניי־אַנטדעקטער יעזוס"

אזא נאָמען טראָגט דער צירקולירישער רעקלאַמע־בריוו, וואָס דער זשורנאַל „רעוויו אָף רעוויוס", וועלכער גייט אַרויס אין ניו־יאָרק, האָט צעשיקט זיינע אַבאָנענטן. דער דאָזיקער בריוו מאַכט באַקאַנט, אז סע דערשיינט א ניי בוך מיטן נאָמען „דער מענטש, וועלכן קיינער קען ניט", פון ברוסאָ באַרטאָן, פון דעם זעלבן אווטער, וואָס האָט שוין אַרויסגעלאָזט א דריי ביכער פאַר געשעפטלייט. די אַרויסגעבער פונעם זשורנאַל לייגן פאָר דאָס־דאָזיקע בוך אומזיסט אלס פּרעמיע פאַר די, וואָס וועלן אויס־שרייבן דעם זשורנאַל אָף 18 כאָדאָשים פאָרויס.

צוערשט ווערט דערציילט אין בריוו, ווי באַרטאָנען, דעם „ביזנעס־מאַנ", דעם געשעפטמענטש האָט ניט באַפרידיקט ניט די פּראָזאישקייט פון דער ביבל, ניט די אלע פריערדיקע ביאָגראַ־פיעס פון כריסטוסן. און באַרטאָן אליין האָט גענומען צונויפזאַמ־לען דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן כריסטוסן און האָט אָנגעשריבן א נייע ביאָגראַפיע פון כריסטוסן:

„ווער זאָגט עס — שרייבט באַרטאָן — אז יעזוס איז געווען קעגן פריילעכקייט און געלעכטער? ער איז דאָך געווען דער סאַמע באַליבסטער גאַסט צו מיטאָג אין אלע הייזער פון ירו־שאָלאיִם! ווער זאָגט עס, אז יעזוס איז געווען א שלימאַזל, א לוי־יוצלעך? ער האָט דאָך געקענט צונויפנעמען 12 מאַן און

אויסשמידן פון זיי אן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַהערשט די גאַנצע וועלט!"

"דעמדאָזיקן מענטשן קען קיינער נישט און ווייסט ניט! ווען ניט איז וועט מען נאָך אמאָל אָנשרייבן אַ בוך וועגן עמעסן יעזוס, און יעדער געשעפטסמאַן, וואָס וועט נאָר איבערלייענען דאָסדאָזיקע בוך, וועט עס באַלד אָפּשיקן זיינע האַנדל־שותפים, זיינע קאָמפּאַניאָנען און אַגענטן, דערפאַר ווייל אין דעם בוך וועט ער געפינען די געשיכטע פונעם גרינדער פון היינטיקע ביזנעס".

"יעזוס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער דירעקטער־אָרגאַניזאַטער. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע פעיִקייט און געשמאַק צו רעקלאַמע. זיינע לער־פּאַבּעלן זיינען די גרעסטע רעקלאַמען פון אַלע צייטן און אַלע פעלקער. אַלע פּרינציפּן פון דער מאָדערנער האַנדל־אַגענטור זיינען גלענצנד אויסגעדריקט אין די ווערטער און צילן פון יעזוסן".

צו דעמדאָזיקן צירקוליאַר־בריוו איז צוגעלייגט אַ צווייטער בריוו מיט אויך אַזאַ רעקלאַמע־כאַראַקטער. אָט איז דער צווייטער בריוו:

"טייערער לייענער! דו האָסט גאָרניט געוווּסט, אַז יעזוס כריסטוס איז דער גרינדער פון די היינטיקע ביזנעס, אַז ער, יעזוס, איז אַן ערשטקלאַסיקער ראַציאָנאַליזאַטער, אַ געבוירענער דירעקטער? דו האָסט גאָרניט געוווּסט, אַז יעזוס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט געזעלשאַפט, אַ פריינטלעכער, פרייליכער מיטשפּרעכער, וואָס האָט שטענדיק געהאַט בײַ זיך אין רעזערוו צו דערציילן אַ וועלכע ניט איז אינטערעסאַנטע שפּאַנענדיקע געשיכטע? אַז ער האָט געקענט שאַפן די בעסטע רעקלאַמעס, וואָס זיינען נאָר ווען ניט איז אָנגעשריבן געוואָרן? באַרטאָנס בוך איז אינטערעסאַנט סיי פאַר רייכע, סיי פאַר אָרעמע, דאָס בוך וועט צונוץ קומען סיי די, סיי יענע. דאָס בוך וועט העלפן דעם אַגענט, וואָס פאַרשפּרייט שוואַקס און שמירעכץ, צו באַקומען באַשטעלונגען און וועט אויסלערנען יעדן צו אַרבעטן לויט די פּרינציפּן, וואָס פירן צו מאַכט און רייכקייט [1].

[1] דאָס אַלץ נעמען מיר פון דזשעקסאָנס אַרטיקל אין „רעוואָלוציע און קולטור" נומ. 1922 יאָר.

איז דאָס ניט די גרעסטע באשטעטיקונג פונ דער ריכטיקײַט פונ דער מארקסיסטישער האנאָכע, אז דער מענטש באשאפט גאָט לויט זײַנ אײגענעם געשטאלט אונ לויט זײַנ אײגענער פאָרם? דער אמעריקאנער געשעפטמאנ האָט פארוואנדלט אויכ כריסטוסנ אינ א ביזנעסמאנ אונ האָט געצווּנגענ די קירכ אונ די רעליגיע איבערצומאכנ זיכ, צופאסנ זיכ קעדיי צו אנטשפּרעכנ די שטימונגענ אונ דעם געשמאק פונעם אמעריקאנער. אונ דערמיט אלײנ צו דינענ מיט דעם מאקסימאלסטנ נוצנ די הערשנדיקע קלאסנ.

אינ וואָס באשטײט די קראפט פונ דער קירכ אינ אמעריקע

די פּאָליטישע מעכטיקײַט פונ דער קירכ אינ אמעריקע איז אומגעהײַער גרויס צוליב אסאכ טײַמימ אונ סיבעס. פונ זײ וועלנ מיר אָנמערקנ דאָ בלויז עטלעכע: 1) די קירכ אינ אמעריקע איז אויסערגעוויינלעכ רײַכ אונ ווערט געשטיצט פונ די הערשנדיקע קלאסנ אונ מעלוכעס פונ דער גאנצער וועלט; 2) אינ אמעריקע זײַנענ פאראנ זײער אסאכ קירכנ פונ אלערלײ אונ פארשײדענע שאטירונגענ — לויטנ געשמאק פונ יעדנ אינעמ; 3) אלע קירכנ האָבנ א רײ הילפ־אָרגאניזאציעס, דורכ וועמענס הילפ זײ פארשפּרײטנ זײער ווירקונג; 4) אלע קירכנ זײַנענ פארײניקט אינ נאציאָנאלנ מאסשטאב, פארשײדענע קירכנ פארגעסנ די פײַנטשאפט אונ דעמ שטרײַט צווישנ זיכ, ווענ עס האנדלט זיכ וועגנ קעמפנ געמײנזאמ מיט דער אפּיקאָרסעס, מיט דער גאָט־לײקענונג.

די קירכ האָט דערוואָרבנ א גרויסע ווירקונג דערמיט, וואָס זי האָט אָנגעהויבנ זיכ פארנעמענ וויניקער פונ אלצ מיט רעליגיעזע ענינאָנימ אויבנ זײַנענ שוינ דערמאנט געוואָרנ די הילפ־אָרגאניזאציעס פונ דער קירכ: די געזעלשאפטנ פונ קריסטלעכע יונגעלײַט אונ פונ יונגע פרויענ אינ דער ייִדישער רעליגיע — די ייִדישע פארײנענ פונ יונגעלײַט אונ פונ יונגע פרויענ.

מיט וואָס פארנעמענ זיכ דידאָזיקע פארײנענ, וויאזוי ציִענ זי אריינ די יוגנט אינ זײערע אָרגאניזאציעס? דער „קריסטלעכער פאר־

באנד פון יונגע פרויען" האָט זײַנע אייגענע ספּעציעלע הײַזער אין 220 שטעט, ער פאַרמאָגט אייגענע וווינונגען מיט ביליקע קוואַרטירן, רעס־טאָראַנען, וווּ יונגע פרויען קענען באַקומען ביליקע מיטיקן.

דער ביודזשעט פון דער „געזעלשאַפט פון יונגע פרויען" באַטרעפט 20 מיליאָן דאָלער א יאָר. די צאָל מיטגלידער — 500 000, אָרגאַניזאַ־ציעס — 1179. די געזעלשאַפט האָט פאַרשיידענע קורסן, מאַסן־קורסן אף הויזפירונג, אומגיין ארום קינדער א. אז. וו.

די געזעלשאַפט פון קריסטלעכע יונגעלײַט האָט אין מעשך פון 1920 יאָר דורכגעפירט 55.450 פאַרזאַמלונגען, פון זיי—20.000 מיט קינאָ־סעאַנסן. אירע אָרגאַניזאַציעס האָבן ארויסגעגעבן פאַרן יאָר ביז 30 מיליאָן מיטיקן, האָבן באַזאָרגט 3.720.000 מענטשן מיט נאַכטלעגער. לויט די ידיעס פאַרן 1920 יאָר האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון דערדאָזיקער גע־זעלשאַפט פאַרמאָגט 838 זאַלן פאַר גימנאַסטיק, 610 באַסיינען אף שווי־מען, 265 גרויסע שפּיל־פּלעצער א. אז. וו.

האָבנדיק אזוינע גרויסע מעגלעכקײַטן צוצוציען צו זיך די יוגנט, פרויען, קינדער, האָבן דידאָזיקע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס אויך א מעגלעכקײַט צו דערציען אין רעליגיעזן גײַסט אזא מאַסע מענטשן, וואָס גייען דורך אזוי אָדער אַנדערש דורך זייערע אונטערנעמונגען, קרײַז־לעך, הײַזער א. אז. וו.

אזוי, אשטייגער, איז פאַרן זעלבן 1920 יאָר דורכגעפירט געוואָרן 70 000 מיטינגען, וואָס האָבן געטראָגן א רעליגיעזן כאַראַקטער, מיט א צאָל פון 6 מיליאָן באַזוכער.

פון אַנדערע הילף־אָרגאַניזאַציעס בא דער קירך וועלן מיר אָנווײַזן אף די „קאָלומבוס־ריטער". דאָס איז א קאַטוילישע אָרגאַניזאַציע מיט 600 000 מיטגלידער. אויך פאַר פרויען איז פאַראַן אזא מין הילף־אָרגאַ־ניזאַציע מיטן נאָמען „איזאַבעלעס טעכטער". סײַ די, סײַ יענע פאַרמאָגן הונדערטער שולן, קורסן, הײַזער, פאַרווײַלונג־פּלעצער.

די ווירקונג פון דער קירך פאַרשטאַרקט זיך נאָך אדאַנק דער גרוי־סער צאָל — ביז 900 — רעליגיעזע צײַטונגען.

אין דער מיטהילף און שטיצע מיצאַד דער מעלוכע־מאַכט איז ניטאָ וואָס צו צווייפלען: די מאַכט זעט דאָך אין דער קירך איינעם פון אירע געטרײַסטע העלפער. ניט געקוקט אפן אָפּטיילן די קירך פון דער

מעלוכע, האָט דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן דאָס רעכט צו באַשטימען יערלעך א טאָג פון פײַערלעכן גאָט־דינסט אָפּ צו דאַנקען און לויבן דעם אַלמעכטיקן גאָט; אָדער אין פאַל פון א צאָרע, אַן אומגליק — באַשטימען א טאָג פון כאַראָטע, טשוווע און געבעט. דער פּרעזידענט האָט דאָס רעכט יעדער יאָר צו עפענען די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג מיט א טפילע.

אַדאַנק דער ברייטער טעטיקײַט פון דער קירך אין אַלע געביטן פון לעבן אין אַמעריקע האָט זי זיך דערוואָרבן אַן אומגעהײַערע ווירקונג אָפּ די מאַסן. אָט וואָס סע זאָגט וועגן דעם דער שוין דער־מאַנטער פּראָפעסער מיונסטערבערג: „די ערשטע צײַט קען זיך אויס־ווײַזן, אַז די קירך, וואָס איז אין דערוועלבער צײַט אויך א קלוב, א ביבליאָטעק און א פאַרווײַלונג־פּלאַץ, דאַרף דורכדעם פאַרלירן איר ווערט, איר קאָוועד. אינדערעמעסן אָבער איז דאַפּקע דערפאַר, וואָס די קירך איז אַזוי אָרום מיט אַן א שיר פּעדימ צונויפגעפלאָכטן מיט אַלע קלייניקײַטן פונעם אַלטעגלעכן לעבן, קען קיין מינדסטע זאַך אינעם סאָציאַלן לעבן ניט געטאָן ווערן אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון איר"[1].

צוליב וואָס זוכט די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע א גאָט

די פאַרשטאַרקונג פון דער קירך־מעכטיקײַט אין אַמעריקע קומט פאָר אָפּן גרונט: 1) פון דער אויסערגעוויינלעך אויסגעוואַקסענער מעכ־טיקײַט פונעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל און פאַרשאַרפונג, אין צוזאַמען־האַנג דערמיט, פון די קלאַסן־ווידערשפּרוכן; 2) פונעם וווּקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אין אַמעריקע גופא, אַזוי אויך אויסער איר; 3) פון דער גײַסטיקער אָרעמקײַט און אָפּגעלעבטקײַט פון דער אַמע־ריקאַנער בורזשואַזיע[2].

1) מיונסטערבערג „אמעריקאנער", באנד II, זײַט 17 (אין רוסיש).

2) די גײַסטיקע אָרעמקײַט און פּוסטקײַט פון די הערשנדיקע קלאַסן אין אַמעריקע באַווײַזן, אַשטייגער, די רעזולטאַטן פון איינער אַן אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן די סטודענטן פון אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט (וועגן דעם האָט שוין געשריבן די „פּראַווראַ" אין א לייט-אַרטיקל פאַרן 14/IV, 1925). אָפּ דער פראַגע: „וועלכע היסטאָ־רישע פּערזענלעכקײַטן אַכט איר און שעצט מער פון אַלע", — האָבן זיך באַקומען ענט-

די אמעריקאנער בורזשואזיע דארף האָבן א גאָט א פּאָליציאַנט, א היטער און באַשיצער פון אירע סייפן, פון אירע געלט־קאַסעס. זי איז אפּילע גרייט צו דערקלערן גאָטס עקזיסטענץ אַף א געזעצגעבערישן אויפן.

אָנהייב 1926 יאָר האָבן א גרופּע בירגער פונעם פּענסילוואַנער שטאַט אַרייַנגעטראָגן אין קאָנגרעס א פּראָיעקט וועגן אייַנשליסן אין דער קאָנסטיטוציע פון די צאָפן־אמעריקאַנער פאַרייניקטע שטאַטן דעם פּונקט וועגן באַשיצן די רעליגיע און גאָט. אווגוסט 1925 יאָר האָט מען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אמעריקע געבראַכט צו פירן פון רוים קיין ניו־יאָרק די ביינער פון דער הייליקער כריסטינע. אמעריקע איז געוואָרן א צוציִונג־צענטער פאַר אַלע פינצטערע קויכעס, גאַלאָכים, ראַבאָנים און נאָך אזעלכע „טוער". פון די 294.000 מענטשן, וואָס האָבן אימיגרירט אין 1926 יאָר אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָבן אויסגעמאַכט די דינער פונעם רעליגיִעזן קולט בא 1000 מענטשן, ד.ה. אַף 300 מענטשן אימיגראַנטן קומט אויס 1 דינער פונעם רעליגיִעזן קולט. פאַר דעמזעלבן פעריִאָד האָבן אימיגרירט קיין אמעריקע: דאָקטוירים — 540, געלערנטע און ליטעראַטערס — 187, קינסטלער און סקולפּטאָרן — 105. די פינצטערע קויכעס זייַנען די סאַמע געוווּנשנסטע געסט אין אמעריקע. אין דערזעלבער צייַט ווערן אַרייַנגעטראָגן אין קאָנגרעס אָן אַן שיר פאַרשיידענע געזעץ־פּראָיעקטן וועגן רעגיסטרירן די אימיגראַנטן, וועגן אַרויסשיקן פון אמעריקע די אָנטיילנעמער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַווע־

פערס: פאַר באַפּאָלעאָנען — 181, פאַר קלעאָפּאַטרען — 7, פאַר זשאַנען ד'אַרק — 7, פאַרן פּרעזידענט ווילסאָנען — 1, פאַר סאָקראַטען — 5, פאַר כריסטוסן — 4, פאַר מוסאָליניִן — 3. און אַף דער פראַגע: „וועלכע אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייַטן פון דער הייַנטיקער צייַט האַלט איר פאַר די סאַמע באַדייַטנדיקסטע?" — האָבן זיך באַקומען ענטפערס: פאַרן פּרעזידענט קולידזש — 52, פאַרן גענעראַל דאַוּעס — 32, פאַרן אועלסער פּרינץ — 24, פאַר מאָרגאַנען — 15, פאַר מוסאָליניִן — 3, פאַר בערנאַר שאָו — 3.

די אמעריקאַנער בורזשואזיע דאַרף האָבן א „שטאַרקע פּערזענלעכקייַט" אזוי ווי נאַפּאָלעאָן, נייטיקט זיך אין א דיקטאַטור, וואָס זאָל מיט א „שטאַרקער האַנט" באַשיצן און פאַרטיידיקן די „הערשאַפט פון קאַפּיטאַל". דעריבער באַמערקט זי ניט אזעלכע פּערזענלעכקייַטן, ווי אייַנשטיין, אָדער אַנדערע גרויסע געלערנטע און שרייַבער פון דער הייַנטיקער צייַט (וועגן דער אָרעמקייַט און פּוסטקייַט פונעם גייַסטיקן לעבן אין אמעריקע זע סטעקלאָוו — „קיין אמעריקע און צוריק", קאַפּיטל IX, גאָסלאַר — „די הייַנטיקע אמעריקע", אין די ביכער פון סינקלער א. א. (אַלע אין רוסיש).

גונג, ווענג אײַנפירנ פאר די ארבעטער־אימיגראנטנ ספעציעלע פעסער מיטנ אָפדרוק פונ זײערע פינגער א.אז.וו.

די רעליגיע איז נייטיק די אמעריקאנער קאפיטאליסטנ: 1) אלס געווער אינ קאמפ קעגנ דער ארבעטער־באוועגונג, 2) אלס מיטל אָפ צו פירנ נאָכ זיכ די קליינ־בורזשואזיע, 3) אלס געווער פונ זייער אימפעריאליסטישער פאָליטיק.

גאָט איז נייטיק דעמ אמעריקאנער קאפיטאל פריער פונ אלצ אפ אײַנצוצוימענ די ארבעטער־באוועגונג. אָט דאָס איז דעריקער, דאָס איז וויכטיקסטע פארנ אמעריקאנער קאפיטאל. פארוויקלענ, אײַנפלעכטנ דעמ ארבעטער־קלאס אינ א נעצ פונ רעליגיעזע, ראסאָווע, צעכאָווע פאָרורטיילנ — דאָס איז אלצ, וואָס די באנקירנ אונ קעניגנ דארפנ האָבנ. בלויז בא אָט אזוינע באדינגונגענ וועט דער ווידערשטאנד פונ די ארבעטער זײַנ א שוואכער קעגנ אָנגריפ פונ קאפיטאל, אונ וואָס מער עס וועט וואקסנ די ארבעטער־באוועגונג, אלצ רעאקציאָנערער וועט ווערנ די אמעריקאנער בורזשואזיע, אלצ מער וועט זי זיכ סטארענ די ארבעטער אָנצובינדנ די רעליגיע אינ וואָס פאר א פאָרמ דאָס זאָל ניט זײַנ.

סײַ די ספעציעלע קירכנ בא די פאבריקנ, סײַ די ספעציעלע גאלאָכימ, סײַ די רעליגיעזע פראָפאגאנדע אינ דער פרעסע, אינ שול, אינ קינאָ אונ, צולעצט, די פראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס פונ די ארבעטער,— אלצ דינט דעמ קאפיטאל אפ אָפצוסאמענ די מאסנ מיט רעליגיעזנ סאמ.

צוזאמענ מיט די פארשארפטע קלאסנ־ווידערשפרוכנ רעוואָליוציאָניזירט זיכ אויכ די אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג. די אידייענ פונ דער קאָמפארטיי געפינענ אלצ א גרעסערנ אָפקלאנג צווישנ די ארבעטער־מאסנ, באזונדערס צווישנ די מער עקספלואטירטע. אינ צוזאמענהאנג דערמיט פארשטארקנ זיכ די פארפאָלגונגענ פאר געהערנ צו דער קאָמפארטיי, פאר פראָפאגאנדירנ די קאָמוניסטישע אידייענ. קעגנ דער קאָמפארטיי הייבט מענ אָנ אָנווענדנ די אלטע געזעצנ ווענג „בונט" מיטנ ציל צו פארטרײַבנ די פארטיי אינ אונטערערד.

איז אָט טאקע אפ צו קעמפנ מיטנ קאָמוניזמ, אפ צו קעמפנ מיט דער וואקסנדיקער ארבעטער־באוועגונג דארפנ די קאפיטאליסטנ האָבנ די קירכ אונ די רעליגיע.

די הויפּט־סיבּע, הייסט עס, פּאַרוואָס די מאָרגאַנס, ראָקפעלערס, פּאָרדס און אַנדערע שיטן מיליאָנען לעטויווּעס די פּאַרשטייער פונעם „אַלערהעכסטן גאָט" אַפ דער ערד, איז — די מוירע פאַר דער קאָמוניסטישער געפאַר.

גאָט איז נייטיק דער אמעריקאַנער בורזשואַזיע אויך דערפאַר, קעדיי צו פירן נאָך זיך די מיליאָנען קליינבירגערלעכע און בירגערלעכע מאַסן. דאָס זיינען די גרויסע שיכטן הענדלער, פּערמערס, אינטעליגענץ, אַרבעטער־ביוראָקראַטיע. דאָס איז יענע מאַסע, וועלכע ס'איז זייער לייכט אָפּצושרעקן מיט דער „רויטער געפאַר" און אָנגרייפּ פון די קאָמוניסטן אַפ „אַלדאָס הייליקע", און צווישן דעם אויך אַפן אייגנטום און אַפ דער רעליגיע.

די רעליגיע איז נייטיק דעם קאַפּיטאַל אַלס געווער אין זיין אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק. שטענדיק באַ די אימפּעריאַליסטישע פאַרכאַפּונגען זיינען די מיסיאָנערן געגאַנגען פאָרויס פאַר די האַרמאַטן. נאָך זיי ערשט איז געגאַנגען די עמעסע שלאַכט־אַרמיי. אין דעם זין איז זייער כאַראַקטעריסטיש די באַציונגען פון אַמעריקע מיט מעקסיקע, ווען מ'האָט אָנגעהויבן אין מעקסיקע דורכפירן אין לעבן די קאָנסטיטוציע פון 1917 יאָר, לויט וועלכער עס ווערט קאָנפיסקירט די פּריצישע און קירכלעכע ערד פאַר די פּויערים, האָט דאָס קאַטוילישע גאַלאָכנטום אין בונד מיט די פּריצים אָרגאַניזירט אין מעשעך פון אַ דריי יאָרן קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, מיטן ציל צו שטערן דורכפירן אין לעבן דעם געזעץ וועגן צעטיילן די פּויערים די ערד. אַלס ענטפער אַפ דידאָזיקע אַרויסטרעטונגען האָט די מעקסיקאַנישע רעגירונג אַרויסגעשיקט פון לאַנד די קאַטוילישע גאַלאָכים און האָט פאַרמאַכט זייערע מאָנאַסטירן. די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן שוין לאַנג פּרעטענדירט אַפ צו פאַרכאַפּן די מעקסיקאַנישע נאַפט־ראַיאָנען, האָבן זיך באַנוצט מיט דעם, וואָס מ'האָט אַרויסגעשיקט די גאַלאָכים פון מעקסיקע, און האָבן אָנגעהויבן פירן קעגן דער מעקסיקאַנישער רעגירונג אַ גרויסע קאַמפּאַניע אונטערן לאָזונג פון באַשיצן די גאַלאָכים. די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן האָבן געדאַרפט האָבן אַ גרונט, אַ טערעץ, קעדיי זיך צוצושטופּען צו מעקסיקע און אויסדינגען דערנאָך פאַר זיך דאָס רעכט אַפ צו עקספּלואַטירן די רייכקייטן פון לאַנד. פאַר אַזאַ מין

גרונט האָט געדינט דאָס ארויסשיקנ די גאלאָכימ פונ מעקסיקע [1] ניט קיינ קליינע הילפ גיט די רעליגיע אויכ די אמעריקאנער אימפעריאליסטנ באמ פארקנעכטנ אונ אונטערווארפנ כינע אונטער דער אמעריקאנער הערשאפט.

גאָט איז אָבער נייטיק דער אמעריקאנער בורזשואזיע אויכ פאר איר אליינ.

אינ דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט הערשט שטענדיק די סטיכיע. היינט איז אנ אופשטייג, אנ אופבלי אינ דער ווירטשאפט, אונ מאָרגנ — א קריזיס, א צעשטערונג. היינט — א מיליאָנער, אונ די געשעפטנ גייענ גוט, אונ מאָרגנ — שוינ אנ אָרעמאנ, אונ אלצ גייט מיט דער פוטער אראָפּ. באזונדערס איז אונטערגעוואָרפנ דערדאָזיקער געפאר די קליינע אונ מיטעלע בורזשואזיע. פאר די קאפיטאליסטנ איז דידאָזיקע סטיכיע אומפארשטענדלעכ, די סיבעס פונ אָט די וואקלונגענ זיינענ ניט קענטיק, ניט אָנזעעוודיק, די בורזשואזיע נעמט דאָס אָנ ווי אנ אָנשיקעניש פונ גאָט.

אינ מארט 1926 יאָר, אינ דער צייט פונ ווירטשאפטלעכנ אופבלי, איז אומדערווארט אויסגעבראָכנ א גרויסער בירזשע-קריזיס, אונ אסאכ נעכטיקע מיליאָנערנ זיינענ צערויִנירט געוואָרנ, פאראָרעמט געוואָרנ. פונקט אזא קריזיס איז אויסגעבראָכנ אומדערווארט אינ נאָיאבער כוידעש 1929 יאָר.

אכוצדעמ: דער שטארקער וווקס פונ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער-באוועגונג, די מוירע אונ שרעק פאר דער אָנקומענדיקער פראָלעטארישער רעוואָליוציע — דאָס אלצ ברענגט צו מיסטישע שטימונגענ, דאָס אלצ איז גורעמ, אז דער אמעריקאנער בורזשוי דארפ נייטיק האָבנ א גאָט אלס טרייסט.

דערדאָזיקער גאָט איז אָבער א באזונדער גאָט. ער איז ניט אזא, ווי דער גאָט פונ די אויסטראלישע ווילדע. דערדאָזיקער גאָט איז א פינקטלעכע קאָפּיע פונעמ קאפיטאל. ער איז אינטערנאציאָנאל, פונקט אזוי ווי עס איז אינטערנאציאָנאל דער אמעריקאנער קאפיטאל. אָט פארוואָס

1) דאָס איז פאָרגעקומענ אינ די יאָרנ 1925/27. בא היינטיקנ טאָג איז צווישנ די גאלאָכימ אונ דער רעגירונג אינ מעקסיקע דערגרייכט געוואָרנ, פארשטייט זיכ, ניט אָנ דער פארמיטלעריי פונ אמעריקע, א פולשטענדיקער שאָלעמ אונ איינשטימיקייט צוליב קענענ צערעכענענ זיכ מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ לאנד.

יוליוס ראָזענוואַלד, א ייִד, אַן אייגנטימער פון א גרויס האַנדל־הויז, האָט געשענקט 250.000 דאָלער פאַר דער „געזעלשאַפט פון קריסטלעכע יונ־גלייט" [1].

דער גאָט פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע איז געשעפטלעך, ווי געשעפטלעך עס איז דער אַמעריקאַנער מיליאָנער. די באַציִונגען צווישן דער קירך און די מיטגלידער פון דער קירכן־געמיינדע זיינען ריין־געשעפט־לעכע. די ערטער אין קירך ווערן פאַרקויפט, אַזוי אַז דאָס גיט גרויסע רעוואָכים. די פּרייזן פון די ערטער זיינען פאַרשיידענע. דידאָזיקע די־פערענץ פון די ערטער־פּרייזן איז אַזוי גרויס, אַז „אין די גרויסע שטעט זיינען די רייכע און די אָרעמע אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע אין זונטיקדיקע טעג נאָך אַסאַך מער, ווי אין די וואָכעדיקע טעג" [2].

דער גאָט פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע איז פיל־געשטאַלטיק, ווי פיל־געשטאַלטיק עס איז דער אַמעריקאַנער דאָלער. אין קיין לאַנד איז ניטאָ אַזויפיל סעקטעס, פאַרשיידענע רעליגיעזע שטרעמונגען, לערעס ווי אין אַמעריקע. בלויז אין איין ניו־יאָרק איז אָרגאַניזירט בײַ 140 פאַר־שיידענע סעקטעס, גרופּעס, שטרעמונגען — אי דאָס נאָר אין דער קריסט־לעכער רעליגיע [3].

דיזעלבע רעליגיעזע שטימונגען און זוכענישן זיינען אייגנטימלעך אויך דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום. ביכלאַל זיינען אין די צפון־אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן־פאַראַן העכער 200 רעליגיעזע סעקטעס. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן די צייטונגען געמאָלדן, אַז אין ניו־יאָרק האָבן די בודיסטן געוואָלט אויפשטעלן א ריזיקע סטאַטוע פון בודא אינעם צענ־טראַלן פּאַרק. און שוין באַם פאָרלויפיקן פאַרשרייבן זיך איז צונויפגע־קליבן געוואָרן אויף דעם צוועק הונדערט טויזנט דאָלער.

אַן אַקטיוויקייט ווייזן אַרויס די אָנהענגער פון אַלע רעליגיעס. קליינע רעליגיעזע גרופּעס און גרופּקעלעך, אָן א צאָל סעקטעס און סעקטעלעך — אָט ווי דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל אָרגאַניזירט דאָס רעליגיעזע וועזן. די רעליגיע איז דאָ אַזוי צעברעקלט, פאַרשלאָסן אין זיך, ווי פאַרשלאָסן עס זיינען די פאַרשיידענע אַמעריקאַנער טרעסטן, באַנקן, ווען

1) זע וועגן דעם בײַ ג. גאָסלאַר — „די היינטיקע אַמעריקע". אויסג. „פּעטראָגראַד".

2) „מיונסטערבערג". „אַמעריקאַנער", באַנד II, זייט 166.

3) לויט די יעדיעס פון דער וויסגוואַרדעישער צייטונג „רול", פון 5/II, 1916 יאָר.

עס האנדלט זיך וועגן זייערע רעוואָכים, וועגן די סוידעס פון דער פראָדוקציע.

דער גאָט פונעם אמעריקאנער קאפּיטאל איז ניט קיין אומעטיקער, דעריבער טאקע האָט איר אין די אמעריקאנער קירכן — פּויקן־קלאפּ, מוזיק, געזאנג פון כאָריסטנס, טעאטראלע פאָרשטעלונגען, ראדיאָ א.אז.וו.

אין די ניי־געשאפענע סעקטעס פון דער יידישער רעליגיע אין אמעריקע זיצן די דאווענער אין סינאגאָגע מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, אָן היטלען, און רויכערדיק; ווי ס'איז באוווסט, טאָר מען עס ניט לויט די דינים פון דער יידישער רעליגיע.

דער גאָט פונעם אמעריקאנער קאפּיטאל דארף ניט זיין קיין לאסט, ער דארף ניט שטערן דעם האנדל, דעם „געשעפט"... דעריבער טאקע איז איינגעפירט אין די ניי־געשאפענע־סעקטעס אין דער יידישער רעליגיע אָפּצוריכטן די גאָט־דינסט ניט שאבעס, נאָר זונטיק, קעדיי עס זאָל ניט פארפאלן ווערן א טאָג פון האנדל און געשעפט.

אָט אזוי האָט די אמעריקאנער בורזשואזיע צוגעפּאסט גאָט צו אירע נויטן און באדערפענישן.

דער גאָט פון דעם אמעריקאנער בורזשוי — איז א פינקטלעכע קאָפּיע פונעם גאָט דעם דאָלער.

די בורזשואזיע איז געווען פריי געשטימט, אפּיקאָרסיש אין דער צייט פון איר יוגנט. אין יענער צייט האָט די בורזשואזיע אלס קלאס געקענט זיך דערלויבן אסאך זאכן, אפילע אטעיזם. היינט אָבער איז די לאגע א גאנץ אנדערע. די בורזשואזיע פון אמעריקע, ווי פון אנדערע לענדער, געפינט זיך שוין קלאָר ניט אין אזא לאגע. עמעס, זי שטייט אפן שפּיץ, האָט דערגרייכט דעם זעניט פון דער וועלט־מאכט. אָבער האָטער דעמדאָזיקן בארג־שפּיץ ליגט אן אָפּגרונט, א טהאָם, וווהין זי מוז אומפארמיידלעך אראָפּגעשליידערט ווערן. די אונטערערדישע שטויסן פונעם אָנקומענדיקן סאָף לאָזן זיך שוין הערן אלץ דייטלעכער און דייטלעכער. דער געשפענסט, דער גייסט פון קאָמוניזם ווערט א רעאלקייט, און אויב די אמעריקאנער בורזשואזיע פארגיכערט (אין וואָס זי גלויבט שוין אליין ניט), אז בא איר אין אמעריקע גופע איז „אלץ אין אָרדענונג", בעשאָלעם,— דארף מען אָבער ניט פארגעסן, אז אמעריקע איז ניט קיין איזאָלירטער אינדזל.

די געשעענישן אין אײראָפּע, דאָס, װאָס דער ארבעטער־קלאס האָט ניט אײנמאָל שױן נאָכ דער מילכאָמע זיכ אופגעהױבן צום קאמפּ, די עקזיסטענצ פונעם ראטנפארבאנד, װאָס בױט דעם סאָציאליזם, — דאָס אלצ באװײַזט דעם אמעריקאנער בורזשױ, אז נאָכ דער גליקלעכער צײַט פונ אופבלי אונ אנטװיקלונג װעט סאָפּקאָלסאָפּ קומען פאר אים די צײַט פונ אונטערגאנג, פונ אומקום.

אָט פארװאָס אמעריקע, דאָס סאמע מעכטיקסטע לאנד אינ דער װעלט, איז געװאָרנ די סאמע גרעסטע שטיצע פונ רעאקציע אונ פינצטערניש.

די אמעריקאנער קאפּיטאליסטן פארמאָגן גענוג פיזישע מיטלען אפּ צו קעמפן מיט דער ארבעטער־באװעגונג אום צו דערשטיקן זי. דאָס זײַנען די זשאנדארמעריע, דאָס מיליטער, די שפּיאָנישע אונ דעטעקטיװע אָרגאניזאציעס מיט דער אנטשפּרעכיקער סיסטעם פונ טורמעס, געריכטן א. אז. װ.

די דערפארונג פונ דער אײראָפּעישער רעװאָליוציאָנערער באװעגונג האָט אָבער באװיזן, אז די ארמײ קען אױסדרײען די ביקס אפּ צוריק — אינ דער זײַט פונ די קאפּיטאליסטן. אזױ אז מ׳קען זיכ ניט פארלאָזן בלױז אפּ דער ארמײ אלײן.

אָט פארװאָס די אמעריקאנער בורזשואזיע זאָרגט זיכ אזױ שטארק װעגן דער מאָראלישער פארשקלאפונג פונעם ארבעטער־קלאס, װעגן באהערשן זײַן באװוסטזײַן, זײַן װילן, װעגן פארטונקלען זײַן קלאסן־באװוסטזײַן.

דעמדאָזיקן ציל דינען עס די פארקױפטע ביוראָקראטן פונ דער אמעריקאנער ארבעט־פעדעראציע. **צו אָט דעם ציל װענדעט מען אױכ די רעליגיע.** דערבײַ איז אינ דער צײַט, װאָס אינ ענגלאנד, אשטײגער, האָבן זיכ די רעליגיעזע פאָרורטײלן אָנגעזאמלט אינ מעשעכ פונ יאָרהונדערטער, קומט אױס אמעריקע דורכצומאכן דידאָזיקע אָנזאמלונג מיט א שנעלן טעמפּ, מאכמעס אלײנ דער אמעריקאנער קאפּיטאליזם איז אױסגעװאקסן שנעל, שטורמיש, האסטיק, אונ אינעם פעריאָד פונ זײַן יוגנט־צײַט האָט ער זיכ זײער װײניק געגײטיקט אינ רעליגיע. אצינד קומט אים אױס טשװע צו טאָן פאר די „יוגנט־זינד“.

אלס אילויסטראציע דערצו קענ דינען דער אלוועלטלעכער יעוויכאריסטישער צוזאמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומענ יוני כוידעש 1926 יאָר אינ טשיקאגאָ. דער אָפיציעלער ציל פונעם צוזאמענפאָר איז געווענ — „צו באערנ די סוידעסדיקײַט פונ אָפריכטנ די הייליקע אָוונט־טפילע". פונ אלע עקנ וועלט זײַנענ זיכ צונויפגעפאָרנ העכער 500 קאטוילישע עפיסקאָפנ אונ ארכיעפיסקאָפנ, מער פונ 5000 קסיאָנדזנ, צענדליקער טויזנטער מאָנאכנס אונ הונדערטער טויזנטער פילגרימענ. א הונדערט־טויזנטיקע מאסע האָט שטייענדיק אפ די קני באם וואָקזאל באגעגנט דידאָזיקע הייליקע מאכנע.

אינ דעם ערשטנ טאָג פונעם קאָנגרעס איז אָפגעריכט געוואָרנ אינ טשיקאגאָ ביז 5000 מיטאָג־טפילעס אינ 353 טשיקאגער קירכנ אונ אינ ספעציעל דערצו אויסגעבויטע קלויסטערלעכ. לויט דער באשרײַבונג פונ ניו־יאָרקער ארבעטער־וואָכנבלאט „נײַע וועלט" (נומער 3 פארנ 26/V—1926) איז „דער גאנצער קאָנגרעס געווענ ארומגערינגלט מיט אנ אויסערגעוויינלעכנ פראכט: די קארדינאלנ, ארכיעפיסקאָפנ אונ עפיסקאָפנ, אויסגעפוצט אונ אויסגעצירט אינ פורפור־פארביקע אונ פיאָלעטעווע קליידער, מיט גאָלדענע צלאָמימ אונ הייליקע קרייצ־שטאנגענ, באזעצט מיט ברילִיאנטנ אונ אנדערע טײַערע שטיינער, וואָס האָבנ די ווערט אסאכ צענדליקער, אויב ניט קיינ הונדערטער מיליאָנענ, די אומענדלעכע קייטנ־רייענ פונ איינפאכע גאלאָכימ אונ מאָנאכנ, די אומגעהײַער־גרויסע כאָר־גרופעס — איינע פונ העכער 60 טויזנט קינדער, שילער פונ ;י קירכ־שולנ, א צווייטע פונ 30 000 קאטוילישע סטודענטנ, א דריטע פונ 10 טויזנט מאָנאכנס — די פילצאָליקע ערדנוואכנ, דער צוגאָב־אָפטייל פונ צוויי טויזנט פאָליציאנטנ, די פעדעראטיווע, שטאטנע אונ שטאָטישע מאכט־פארוואלטונגענ — דאָס אלצ האָט געשאפנ א איבערצײַגנדיק בילד פונ דער מעכטיקײַט פונ דער קאטוילישער קירכ".

וועגנ די פאריייניקטע שטאטנ האָט לענינ אינ 1922 יאָר געשריבנ: „אויסערגעוויינלעכ וויכטיק זײַנענ אלע מאטעריאלנ, וואָס האָבנ א שײַכעס צו די פאריייניקטע שטאטנ פונ צאָפנ־אמעריקע, וו ס'איז ווייניקער צו מערקנ די אָפיציעלע, קאזיאָנע מעלוכישע פארבינדונג צווישנ דער רעליגיע אונ קאפּיטאל. דערפאר אָבער ווערט אונדז קלאָר, אז די אזוי־גערופענע „מאָדערנע דעמאָקראטיע" (פאר וועלכער עס קניִענ אונ בוקנ

זיך אזוי נאָכ'ן די מענשעוויקעס, די עסערן און טײַלווײַז די אנאַר־כיסטן א. א.) באַטײַט ניט מער און ניט ווייניקער, נאָר די פרײַהייט צו פריידיקן דאָס, וואָס פאר דער בו. זשואַזיע לוינט צו פריידיקן. און לוינען לוינט איר צו פריידיקן די סאמע רעאַקציאָנערסטע אידייען, רעליגיע, פינצטערניש, אָבסקוראנטיזם, שוץ די עקספלואטאטאָרן א. ד. גל.[1]).

בלויז דער זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע וועט אָפּרייניקן דעם אמעריקאַנישן באָדן פון פּוילעניש און פאנאנדערלייגונג, וואָס סע ברענגט מיט זיך אומפארמײַדלעך די ווײַטערדיקע עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַליזם. בלויז דער זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע וועט געבן אזא אומבאגרענעצטע מעגלעכקײַט צו אנטוויקלען די פּראָדוקטיווע קרעפט אסאך מער, ווי דאָס האָט שוין דערגרייכט די אמעריקאַנער טעכניק. בלויז די פּראָלעטאַרישע טעכניק וועט זײַן א טעכניק צו דינסט דער גאנצער מענטשהײַט און ניט צו דינסט נאָר א הײַפעלע באַנקירן און זאוואָד־אייגנטימער.

1) לענין — „וועגן באַטײַט פונעם קריגערישן מאַטעריאַליזם", זשורנאַל „אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם" נומער 3, 1922 יאָר, זײַט 9.

IV. וועגן דער יידישער רעליגיע

דער רעאקציאָנערער טאָכ פון דער יידישער רעליגיע

די הערשנדיקע קלאסן שטרעבן שטענדיק איינצופלאנצן אין די מויכעס פון די פאָלקסמאסן די איבערצייגונג אין דער איינס-און-דאָס-זעלביקייט פון דער רעליגיע און נאציע.

די טאָטערישע בורזשואזיע — און צוזאמען מיט איר די טאָטערישע מולעס — האָבן ביז דער רעוואָלוציע, און נאָך אויך איצט נאָך דער רעוואָליוציע געהאלטן און האלטן אין איין פלאנצן אין די מאסן א פאָרשטעלונג, אז טאָטער און מוסולמאן זיינען אומצעטיילבאר. דאס אוועקגיין פון מוסעלמאנערטום הייסט קלוימערשט אויך אוועקגיין פון דער אייגענער נאציע.

די רוסישע בורזשואזיע האָט זיך געסטארעט צו פארפעסטיקן אין דעם באוווסטזיין פון די ארבעטער און פויערים, אז דאָס פראוואָסלאווישע גלויבן איז ענג צונויפגעבונדן מיט דער אָנגעהעריקייט צו דער רוסישער נאציאָנאליטעט.

אזוי האָבן אויך די יידישע בורזשואזיע און די יידישע ראבאָנים איינגעפלאנצט אין מעשעכ פון יאָרהונדערטער אין די מויכעס פון די פאָלקסמאסן דעם געדאנק, אז דאָס יידישע פאָלק און די יידישע רעליגיע — זיינען ניט צעטיילבארע באגריפן, און דאָס אָפּגיין פון דער יידישער רעליגיע איז אלציינס ווי פאראטן די יידישע נאציע.

דאָסדאָזיקע צונויפלעכטן די רעליגיע מיטן נאציאָנאלן מאָמענט לוינט זייער און זייער די עקספּלואטאטורישע קלאסן. דאָס העלפט זיי צו פארפעסטיקן זייער מאכט איבער די מאסן. דאָס שאפט א אילוזיע

פונ „נאציאָנאלער אכדעס", וואָס שטיצט זיכ אפ דער איינהייטלעכקייט פונ דער רעליגיע, אפ דעמ, וואָס „אלע זינענ דאָכ צו איינ גאָט".

אפ אָט דערדאָזיקער „איינהייטלעכקייט" ספעקולירנ גאנצ פיינ די בורזשואזיע אונ די גייסטלעכע, ארויסטרעטנדיק, אשטייגער, פאר די ארבעטער אינ דער צייט פונ א שטרייק מיט אזא מינ דראָשע: עס טאָר ניט ארויסטרעטנ קיינ מוסולמענישער, יידישער, פראוואָסלאווישער ארבעטער קעגנ א מוסולמאנישנ, יידישנ, פראוואָסלאווישנ פאבריקאנט א. אז. וו.

ס'איז אינטערעסאנט זיכ אָפצושטעלנ אפ דעמ, ווי די יידישע בורזשואזיע נוצט אויס דעמ נאציאָנאליסטישנ מאָמענט אינ יידנטומ.

לאָמיר אָקאָרשט באטראכטנ די רעליגיעזע יאָנטויוומ בא יידנ.

לאָמיר נעמענ, לעמאָשל, דעמ יאָנטעוו פייסעכ. נאָכ ביז היינט האָט אָט דערדאָזיקער יאָנטעוו אָפגעהיט די שפורנ פונ זיינ ערדארבעטערישער אנטשטייונג. אלס אנ ערדארבעטערישנ יאָנטעוו האָבנ די יידנ געפייערט פייסעכ נאָכ מיט טויזנט יאָר פאר דער קריסטלעכער ערע. דאָס איז געוועג א יאָנטעוו פונ אָנהייב שניט-צייט, א יאָנטעוו, ווענ ס'האָט זיכ „באוויזנ דער סערפ אפנ פעלד"[1] (כומעש, „דוואָרימ", קאפיטל 16, פסוקימ 9 — 10).

ווי־זשע דערקלערנ די ראבאָנימ די אנטשטייונג פונ פייסעכ? עס ווערט אזוי דערציילט: „יאהווע, דער אלמעכטיכער גאָט פונ יִסראָעל, האָט ארויסגעפירט אונדזערע אָוועס (עלטערנ) פונ מיצראימ, האָט זיי באפרייט פונ פארעס יאָכ אונ האָט זיי געבראכט אינ צוגעזאָגטנ לאנד — אינ קענאאנ. צומ אָנדענק פונ דערדאָזיקער באפרייונג ווערט עס געפייערט דער יאָנטעוו פייסעכ". אָט דאָס איז, לויט די אָפיציעלע דערקלערונג, דער באטייט פונ יאָנטעוו פייסעכ.

דעמ יאָנטעוו פייסעכ, וואָס איז אמאָל געוועג א יאָנטעוו פונ ערדארבעטער, האָט מענ באפארבט נאציאָנאליסטיש, מ'האָט צו אימ צוגעגעבנ נאציאָנאלע, אונ אויב איר ווילט, אפילע „רעוואָליוציאָנערע" שטריכנ. מ'האָט פייסעכ געמאכט פאר א יאָנטעוו פונ קלוימערשטער באפרייונג

[1]) ס'דארפ קיינ כידעש ניט זיינ, וואָס אינ פאלעסטינע האָט זיכ אָנגעהויבנ די שניט-צייט אינ די כאדאָשימ אפרעל—מיי. דאָס איז דערפאר, וואָס די קלימאטישע באדינגונגענ דאָרט זיינענ אינגאנצנ אנדערע, ווי בא אונדז.

פונ מיצרישער געפאנגענשאפט — א זאכ, וואָס איז ניט געשטויגנ אונ ניט געפלויגנ, א פאל, וואָס די געשיכטע ווייסט ניט דערפונ.

דאָסזעלבע איז אויכ מיטנ יאָנטעוו סוקעס, וואָס ווערט געפײַערט אינ הארבסט (אינ די כאדאָשימ סענטיאבער־אָקטיאבער). וועגנ דעמדאָזיקנ יאָנטעוו ווערט אינ טאנאכ אזוי געזאָגט: „אונ אינ דעמ 15־טנ טאָג פונ דעמ זיבעטנ כוידעש, ווענ איר נעמט צונויפ די פרוכט פונ דער ערד, זאָלט איר פײַערנ גאָטס יאָנטעוו זיבנ טעג” (כומעש, „שמויס” קאפיטל 23, פאָסעק 93).

דוכט זיכ, גאנצ קלאָר: סוקעס—דאָס איז א יאָנטעוו, ווענ מ'קלײַבט צונויפ „די פרוכט פונ דער ערד”. דאָס איז א הארבסטיקער ערדארבעטערישער יאָנטעוו, וואָס איז געפײַערט געוואָרנ פונ אסאכ פעלקער אינעמ אוראלטנ מיזרעכ. דאָכ דערקלערנ די ראבאָנימ, אז סוקעס איז א יאָנטעוו אלס אָנדענקונג פונ „יעציִעס מיצראַימ”, אנ אָנדענק, אז די ייִדנ האָבנ געבלאָנדזשעט אינ דער מידבער, נאָכדעמ ווי זיי זײַנענ ארויסגעגאנגענ פונ מיצראַימ.

ווינטער (אינ דעקאבער־כוידעש) פײַערנ די פרומע ייִדנ דעמ יאָנטעוו כאנוקע, דעמ „יאָנטעוו פונ אָנצינדנ ליכטלעכ”. דער יאָנטעוו „כאנוקע” דויערט 8 טעג. נאָכ הײַנט ווערט אינעמ ערשטנ יאָנטעוו־אָוונט אָנגעצונדנ איינ ליכטל, אינעמ צווייטנ—צוויי, אינעמ דריטנ—דרײַ א. אז. וו. אמאָל אינ דער פארגאנגענהײַט איז כאנוקע געפײַערט געוואָרנ אינ די טעג פונעמ ווינטערדיקנ זונ־שטאנד. די פעלקער, וואָס האָבנ זיכ פארנומענ מיט ערדארבעט, האָבנ אינ דידאָזיקע טעג געמאכט א יאָנטעוו לעקאָוועד דעמ געבורט פונעמ „גאָט פונ דער זונ אונ פרוכטבארקײַט”. דערפונ טאקע שטאמט אויכ דער ווײַנאכט־יאָנטעוו, וואָס די קריסטנ האָבנ איבערגענומענ בא די פארקריסטלעכטע פעלקער. דער ייִדישער יאָנטעוו „כאנוקע” איז אמאָל אינ דער פארגאנגענהײַט אויכ געווענ פונקט אזא ערדארבעטערישער יאָנטעוו פונ געבורט פונעמ „גאָט פונ זונ אונ פרוכטבארקײַט”. די איבערגעבליבענע צערעמאָניע פונ אָנצינדנ כאנוקע־ליכטלעכ אונ דאָס, וואָס אינ יעדנ אָוונט צינדט מענ אָנ מיט א ליכטל מער, ווי אינ פאָריקנ אָוונט,—סימבאָליזירט דעמדאָזיקנ „געבורט פונ דער זונ”—די בעהאדראָגעדיקע פארגרעסערונג פונ דער זונ־דויערדיקײַט אפנ האָריזאָנט.

די ראַבאָנים אָבער דערקלערן די אנטשטייונג פון „כאַנוקע" אַפ זייער אויפן. ס'איז פאראַן א לעגענדע, ווי אינעם אמאָליקן קעניגרײַך פון ייִסראָעל איז אונטער דער אָנפירונג פון די נאַציאָנאַלע העלדן (די כאַשמוינאָים) פארטריבן געוואָרן דאָס אסיריש מיליטער און ס'איז באַפרײַט געוואָרן ייִרושאָלאַיִם פון סוינעס הענט [1]. די כאַשמוינאָים האָבן צוריק אופגעשטעלט די ייִדישע מעלוכע. באַם פארנעמען ייִרושאָלאַיִם זאָלן זיי קלוימערשט האָבן געפונען אין בייסהאַמיקדעש א קליינ קריגעלע בוימל, וואָס האָט געברענט 8 מעסלעס נאָכאַנאַנד. לעקאָוועד דעמדאָזיקן „נעס" ווערט עס געפײַערט דער יאָנטעוו „כאַנוקע".

אויך דאָ איז שטאַרק קענטיק דערזעלבער נאַציאָנאַליסטישער מאָטיוו: א יאָנטעוו לעקאָוועד דעם זיג פון די כאַשמוינאָים איבער די אונטערדריקער פון דער נאַציע און אַלס אָנדענק פונעם „נעס", וואָס איז דערבײַ פאָרגעקומען.

דאָסזעלבע וועגן יאָנטעוו „פורים", וואָס ווערט געפײַערט אין פעוורال כוידעש. עס איז פאראַן א לעגענדע, ווי אַזוי אַדאַנק מאָרדכעס זײַנע די ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין פערסישן קעניגרײַך, געראַטעוועט געוואָרן פון זיכערן טויט, פון אונטערגאַנג. די מײַסע זאָל קלוימערשט האָבן פאָרגעקומען באַם קעניג אכאַשווייראָש. לויט דער אָנרעדונג און באַקאָשע פון האָמאָנען, זײַן הויפטהאַר, האָט דער קייסער אכאַשווייראָש ארויסגעגעבן א באַפעל צו פארטיליקן אַלע ייִדן, וואָס לעבן אין זײַן קעניגרײַך. באַם ייִדן מאָרדכע האָט געלעבט א מיידל עסטער. אין רעזולטאַט פון א גאַנצער „דראַמע" אין דעם קייסערס פאַמיליע ווערט עסטער א קעפסווײַב באַם קייסער אכאַשווייראָש. אונטער איר ווירקונג נעמט דער קייסער צוריק דעם באַפעל וועגן אויסהאַרגענען אַלע ייִדן און הייסט באַשטראָפן האָמאָנען. לעקאָוועד דעם, וואָס דאָס פאָלק איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַזאַ געפאַר, אַלס אָנדענק פון דעמדאָזיקן „נעס" ווערט עס געפײַערט דער יאָנטעוו „פורים".

אָט אַזוי דערקלערן די ראַבאָנים די באַדײַטונג פון פורים. אין דערעמעסן אָבער האָבן דעם יאָנטעוו פורים איבערגענומען די ייִדן באַ

1) דער אופשטאַנד פון די כאַשמויגאָים איז פאָרגעקומען 170 יאָר פאַר דער קריסטלעכער ערע. דערבײַ האָבן די העלדן פוג דער „נאַציאָנאַלער" באַפרײַונג, פארטרײַבנדיק די אסיריער, דערקלערט זיך אַליין פאַר קייסאָרים.

די באָוולער, בא וועלכע פּורים איז געווען א יאָנטעוו פון נייַ־יאָר.

אַלע יאָנטויווים פון דער יידישער רעליגיע זייַנען דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַליסטישן גייַסט, אומעטום האָט איר איין מאָטיוו: ווען דעם פאָלק דראָט א געפאר,—קומט דער „אַלמעכטיקער גאָט" יאהווע צו הילף און לייזט אויס זייַן „אויסדערוויילט" פאָלק יסראָעל. די סאָנים פון יסראָעל ווערן באזיגט און פארטיליקט,—דער גאָט פון יסראָעל רעכנט זיך אָפּ מיט זיי, בעכיינ זייַנען די יאָנטויווים, וואָס ווערן געפייַערט לעקאָוועד דידאָזיקע געשעענישן, אין דערוועלבער צייַט קלוימערשט אויך נאַציאָנאַלע יאָנטויווים [1].

ווי·אזוי איז עס פאָרגעקומען און ווער האָט עס געדארפט האָבן?

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אן איבערמאכן, מיט אן איבערארבעטן די רעליגיע פון די אוראַלטע יידן אף א נייַעם אופן, מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א דערשייַנונג, וואָס באגעגנט זיך אָפט אין דער געשיכטע פון רעליגיע, ווען די הערשנדיקע קלאסן מאכן איבער, פארבן איבער די רעליגיע אין איינקלאנג מיט זייערע אינטערעסן, נויטן און באדערפענישן, וואָס האָבן זיך געענדערט.

און דאָס, וואָס דידאָזיקע איבערגעמאכטע, איבערגעארבעטע רעליגיע איז טאקע אָנגענומען געוואָרן, האָט זיך טאקע אייַנגעפלאנצט צווישן די מאסן, זאָגט איידעס וועגן דעם, אז עס זייַנען פאראן א גאנצע ריי אָביעקטיווע סיבעס, וואָס האָבן דערצו מיטגעהאָלפן.

אָנהייבנדיק פון 800 יאָר פאר דער קריסטלעכער ערע, קומט פאָר א פראָצעס פון פארקנעכטן און באצווינגען דאָס יידישע פאָלק פון דער אסירישער, באָוולשער און רוימישער הערשאפט. אין 722 יאָר פאר דער

---

1) די ראבאָנים און ציאָניסטן ספּעקולירן טאקע דערופ. די אנטירעליגיעזע טוער, וואָס טרעטן ארויס אף פארזאמלונגען פון די יידישע ארבעטנדיקע מיט א רופ ניט צו פייַערן די רעליגיעזע-יאָנטויווים, קומט אויס אָפט צו הערן טייַנעס מיצאד די רעליגיע־אָנהענגער, אז דידאָזיקע יאָנטויווים זייַנען ניט בלויז רעליגיעזע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע, דעריבער—טייַנען זיי—מעגן פייַערן דידאָזיקע יאָנטויווים אויך די ניט-גלויביקע.

קריסטלעכער ערע האָבן די אסיריער אונטערגעוואָרפן אונטער זייער הערשאפט דאָס קעניגרײַך פון ייִסראָעל מיט דער הויפּטשטאָט שומרוין. אין מעשעך פון 140 יאָר נאָך דערדאָזיקער געשעעניש האָט נאָך עקזיסטירט דאָס קעניגרײַך פון יעהודע מיט דער הויפּטשטאָט יערושאָלאיִם (וואָס איז ענדגילטיק באהערשט געוואָרן פון די באָװולער אין 586 יאָר פאר דער קריסטלעכער ערע).

דאָס פאלן פון ייִסראָעל האָט אופגעהויבן די ראָלע פונעם יעהודע־קעניגרײַך, די ראָלע פון יערושאָלאיִם מיט איר בייס־האמיקדעש. די װירקונג פון די יערושאָלאיִמער קויהאנים איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג און זיי האָבן, אָנגעהויבן פירן אן אַרבעט אין דער ריכטונג פון ווידערופשטעלן זייער מאָנאָפּאָל. אין 586 יאָר פאר דער קריסטלעכער ערע פאלט אויך דאָס קעניגרײַך פון יעהודע. פאר דער גאנצער צײַט פון זײַן גאָלעס איז בלויז דער קולט פונעם גאָט יאהווע פארבליבן אלס דער אײנציקער נאציאָנאלער פארבינדונג־סימען.

צולעצט, װען די אויסזיכטן אף ווידערופצושטעלן דאָס קעניגרײַך ווערן שטארקער, קערן זיך פונדעסטוועגן א באדײַטנדיקער טייל ייִדן, וואָס האָבן זיך באזעצט אף מיזרעך, ניט אום צוריק אין זייער פאָטערלאנד. די ייִדן, וואָס זײַנען פארבליבן אין אנדערע לענדער, הייבן אָן שנעל צו פארגעסן „דאָס גלויבן פון די אָוועס" און נעמען איבער די רעליגיע פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן. אזוי איז א באדײַטנדיקער טייל מינהאָנים און רעליגיעזע צערעמאָניעס איבערגענומען געוואָרן בא די באָװולער און פארפעסטיקט געוואָרן שפּעטער אלס א טייל פון דער ייִדישער רעליגיע.

מיטן אופשטעלן דעם בייסהאמיקדעש אין יערושאָלאיִם שטעלט זיך פאר די קויהאנים און הערשנדיקע קלאסן די פראגע וועגן דעם, וויִאזוי צו פארהיטן זייער ווירקונג אף די ייִדן, וואָס זײַנען צעשפּרייט און צעוואָרפן אף מיזרעך, וויִאזוי צו פארהיטן זייער „גלויבן פון אָוועס", וויִאזוי צו קאָנקורירן מיט אנדערע רעליגיעס?

פאר יערושאָלאיִם איז דאָס העכסט נייטיק געווען, מאכמעס אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט יערושאָלאיִם געלעבט אפן כעזשבן פון בייסהאמיקדעש. אפן כעזשבן פון בייסהאמיקדעש האָבן געלעבט די קויהאנים, קרעמער,

כאלפּאָנים (געלט־בײַטער), באַלמעלאָכעס, פּויערים, וואָס האָבן געבראַכט קיין ירושלאַיִם די פּראָדוקטן פון זייער אויסאַרבעטונג. אײַנצוהיטן דעם מאָנאָפּאָל פון בייסהאַמיקדעש איז געווען א לעבנבאַדערפעניש פאַר די הערשנדיקע קלאַסן. צוליב דעם צוועק ווערט דערקלאַמירט ירושאָ־לאַיִם אלס רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער יידישער צענטער, עס ווערט אײַנגעפירט, אז יעדער ייִד מוז איין מאָל אין יאָר באַזוכן ירושאָלאַיִם. עס ווערט אײַנגעפירט, אז יעדער ייִד, ווו ער זאָל זיך ניט געפינען, מוז אומבאַדינגט יעדן יאָר שיקן מאַטאָנעס פאַרן בייסהאַמיקדעש.

מיצאַד דעם בייסהאַמיקדעש ווידער גייט א שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דערקלערט, אז די סיבּע פון די נאַציאָנאַלע אומגליקן, פונעם פאַרלירן די זעלבשטענדיקייט א. אז. וו. איז דאָס אָפּטרעטן פון גאָט, פונעם „גלויבן פון די אָוועס", דעריבער איז די איינציקע רעטונג פאַר דער נאַציע פון אלע אומגליקן, — דאָס אומקערן זיך צוריק צום גאָט יאַהווע.

אָבער פאַרהיטן דאָס אַלטע גלויבן איז שוין ניט אזוי לײַכט, מאַכ־מעס באַדײַטנדיקע מאַסן פונעם יידישן פאָלק האָבן זיך אָפּגעריסן פון ערדאַרבעט, און די אַלטע רעליגיע איז געווען דורכויס אַן ערדאַרבע־טערישע רעליגיע. די גײַסטלעכע און די הערשנדיקע קלאַסן נעמען זיך דעריבער רעפאָרמירן די רעליגיע. מ'דאַרף דער רעליגיע צוגעבן אזא כאַראַקטער: 1) אז זי זאָל זײַן לײַכט אײַנצופלאַנצן זי אין די מויכעס פון די פאָלקמאַסן און זאָל קענען מיט מער דערפאָלג קאָנקורירן מיט די רעליגיעס און 2) אז זי זאָל אין דער נײַער פאָרם מיטהעלפן מער צו פאַרשטאַרקן די הערשאַפט פון די קויהאַנים און די מאַכט פון די הערשנדיקע קלאַסן איבער די פאָלקמאַסן, אז זי זאָל פאַרבינדן די אונ־טערשטע שיכטן פון דער נאַציע מיטן עקספּלואַטאַטאָרישן קעפּל.

די רעליגיע ווערט איבערגעפאַרבט אין א נאַציאָנאַלן קאָליר. אירע יאָנטויוויים ווערן פאַרוואַנדלט אין נאַציאָנאַלע יאָנטויווים, אירע מינהאָגים, זיטן, צערעמאָניעס ווערן דורכגעפלאָכטן מיטן זעלבן נאַציאָ־נאַליזם. פאָלגנדיק דעם „גײַסט פון דער צײַט", ווערן קאַנאָניזירט אויך אזוינע יאָנטויווים און מינהאָגים, וואָס זײַנען איבערגענומען געוואָרן בא די אַרומיקע פעלקער. אזוי, אשטייגער, איז קאַנאָניזירט געוואָרן דער

באָוולשער יאָנטעוו „פורים“, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן בא ייִד אינ א יאָנטעוו לעקאָוועד דער נאַציִאָנאַלער אויסלייזונג פונ אונטערגאַנג [1]).

די רעפאָרמעס פונ דער רעליגיע ווערנ פאַרפעסטיקט אינ דער הייליקער שריפט, אינ דער טוירע. די ביכער פונ דער הייליקער שריפט, די טוירע, ווערט אויסגעבעסערט, „פאַריכט“, איבערגעשריבנ. מע „געפינט“ נייע טעקסטנ פונ דער טוירע. אזוי, אשטייגער, האָט מענ נאָכ איידער עס איז געפאַלנ יערושאָלאַיִמ, בעייסנ רעמאָנט פונ בייסהאַמיקדעש (אינ 620 יאָר פאַר דער קריסטלעכער ערע), „געפונענ“ א ביבל, „וואָס איז, שוינ לאַנג פאַרגעסנ געוואָרנ“. דאָס איז געווענ א ביבל, וואָס איז שוינ „אויספאַריכט“, „פאַרבעסערט“ געוואָרנ, לויט די געענדערטע באַדינגונגענ. שפּעטער איז דידאָזיקע ביבל נאָכאַמאָל געריינינקט, פאַרבעסערט אויספאַריכט געוואָרנ. אונ פונ דער ביבל, וואָס איז געווענ א זאַמלונג פונ פאַרשיידענע אוראַלטע מייסעס, גלויבונגענ, האָט מענ געמאַכט א הייליק בוכ, א טוירע פונ גרויסנ אַלמעכטיקנ גאָט יאַהווע, — דעמ נאַציִאָנאַלנ גאָט פונ די ייִדנ, פונ זיינע ניסימ אונ פונ זיינ „אויסדערוויילט“ פאָלק ייִסראָעל.

דאָס איבערמאַכנ די רעליגיע אינ נאַציִאָנאַלנ גייסט האָט געדאַרפט דינענ פאַר א מיטל צו פאַרטונקלענ דעמ באַוווסטזיינ פונ די פאָלקמאַסנ. דאָס האָט געדאַרפט פאַרשטאַרקנ דעמ גלויבנ אינ דעמ, אז די ייִדנ זיינענ אנ אויסדערוויילט פאָלק בא גאָט, אז בא זיי דאַרפ ניט פאָרקומענ קיינ קלאַסנקאַמפּ, אז די אַרבעטנדיקע דאַרפנ זיכ איינגלעבנ בעשאָלעמ, פרידלעכ אונ גייג האַנט בא האַנט מיט די עקספּלואַטאַטערס, מאַכמעס — די לעצטע זיינענ דאָכ אויכ א טייל פונ „גאָטס אויסדערוויילט פאָלק“. די נייע רעפאָרמירטע רעליגיע האָט געלערנט, אז דער איינציקער וועג, וואָס פירט פאָטער צו ווערנ פונ אַלע צאָרעס אונ אומגליקנ, איז — **די פאַראייניקונג פונ אַלע קלאַסנ בא ייִדנ אונטער דער פאָנ פונעמ גאָט יאַהווע.**

1) דאָסזעלבע האָט אויכ געטאָנ די פּראַוואָסלאַווישע קירכ אינ רוסלאַנד: ניט זייענדיק בעקויעכ צו באַקעמפנ א ריי „געצנדינערישע“ יאָנטויווימ, האָט די קירכ גאַנצ פּאָשעט זיי קאַנאָניזירט אונ האָט זיי דערקלערט פאַר אירע אייגענע יאָנטויווימ.

אָט אזא מין ארבעט אפ צו שאפן אן איינהייטלעכן נאציאָנאַלן פראָנט מיט דער הילף פון דער רעליגיע האָט געלוינט אין די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאסן סיי אין דער עפּאָכע, ווען ס'האָט עקזיסטירט דאָס קעניגרייך פון יעהודע, אזוי אויך אין מעשעכ פון די צוויי טויזנט יאָר, וואָס זיינען אוועק פון דער צייט, ווען די רוימער האָבן איינגענומען ירושאָלאיִם.

אין מעשעכ פון דער גאנצער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק איז די רעליגיע איבערגעמאכט, איבערגעארבעט געוואָרן אין אָט דערדאָזיקער ריכטונג. די רעליגיע איז די גאנצע צייט בארופן געווען צו פארשטארקן אינעם באוווסטזיין פון די יידישע פאָלקמאסן, אז זיי געהערן צו א נאציע, וואָס טאָר ניט דערלאָזן אין אירע רייען קיין קלאסנקאמף, צו א נאציע, וואָס דער גאָט יאהווע וועט סאָפּקאָלסאָף ארויספירן פון גאָלעס און ברענגען אינעם „לאנד פון די אָוועס", ווי ער האָט עס שוין פריער אמאָל געטאָן.

די דינסט־ראָל פון דער רעליגיע איז דאָ גאנצ קלאָר, און דאָס טאקע דארף דאָכ די בורזשואזיע. דאָס וויל זי דאָכ: פארטונקלען דעם קלאסן־באוווסטזיין בא די מאסן, וועלכע זי עקספּלואטירט, פארפינצטערן די מויכעס פון די ארבעטנדיקע און פארפעסטיקן אין זייער באוווסטזיין די באָבע־מייסע וועגן דער „איינהייטלעכקייט פון דער נאציע" און בעמיילע אויכ וועגן דער איינהייטלעכקייט פון די קלאסן, וואָס גייען אריין אין דערדאָזיקער נאציע.

די יידישע ראבאָנים צו דינסט די געלט־זעק

אין זייער דינסט דעם קאפּיטאל שטייען ניט אָפּ אפ א האָר די יידישע גייסטלעכע פון די גייסטלעכע פון אנדערע רעליגיעס — אויך זיי דינען מיט לייב און לעבן די אינטערעסן פון די געלט־זעק.

אויב ביז דער רעוואָליוציע האָבן אין רוסלאנד די ראבאָנים, — ניט געקוקט אפ דעם, וואָס די צארישע מאכט האָט שרעקלעך פארפאָלגט די יידן, ניט געקוקט אפ די פּאָגראָמען, וואָס זי האָט איינגעאָרדנט, ניט געקוקט אפן באשטימטן גרענעצ־געביט, ווו נאָר דאָ האָבן יידן געמעגט וווינען — געבעטן גאָט אין די באָטעמעדראָשים פארן קייסער,

געמאכט מישעפּיירעכס ניקאָלײַ דעם בלוטיקן; אויב פריִער האָבן די ראַבאָנים געדינט אָפט אין דער „אָכראַנקע“, מיטגעהאָלפן די זשאַנדאַר־מיע צו פאַרניכטן די „קראַמאָלע“ צווישן די ייִדישע באַלמעלאָכעס און אַרבעטער, — דינען אויך איצט די ראַבאָנים אין אַלע לענדער מיט לײַב און לעבן די קאַפּיטאַליסטן.

אין אַזוינע לענדער, ווי פּוילן און רומעניִע, וווּ די לאַגע פון די ייִדן איז ניט בעסער, ווי זי איז געווען באַם צאַריזם אין רוסלאַנד, שטיצן די ראַבאָנים מיט וואָס נאָר זיי קענען די פּוילישע פאַשיסטן־פּילסודטשיקעס און די רומענישע באָיאַרן.

בעיס די וואַלן אין פּוילישן סיים אין 1928 יאָר האָבן די ראַבאָנים גערופן אַלע גלויביקע ייִדן, זיי זאָלן שטימען נאָר פאַר די פּילסודטשי־קעס. אין נאָיאַבער כוידעש 1928 יאָר איז געפּײַערט געוואָרן אין וואַר־שע דער צעניאָריקער יובילײ פון בורזשואַזן פּוילן. לעקאָוועד דעמדאָ־זיקן יאָנטעוו זײַנען אָפּגעריכט געוואָרן פּײַערלעכע טפילעס אין אַלע באָטעמעהראָשים.

פאַר דערדאָזיקער איבערגעגעבענער דינסט העלפט מיט אויך די פּוילישע פּאָליציי פון איר זײַט די ראַבאָנים צו קעמפן מיט דער אַפּיקאָר־סעס צווישן די ייִדישע אַרבעטער.

אין סענטיאַבער כוידעש איז אין ווין (אין דער הויפּטשטאָט פון עסטרײַך) פאָרגעקומען אַן אַלייראָפּעיִשער ראַבאָנים־צוזאַמענפאָר. אויפן צוזאַמענפאָר האָבן די ראַבאָנים געהאַלטן אין איין לויבן און דאַנקען דאָס פאַשיסטישע פּוילן, אין דער צײַט וואָס פּס״רר, דאָס פּאָטער־לאַנד פון אַלע אַרבעטנדיקע, האָבן זיי געהאַלטן אין איין זידלען און אויסטראַכטן קאָלערליי רעכילעס אף דעם.

אויך אין אַמעריקע פירן די ראַבאָנים אַ קאַמף מיט דער רעוואָליו־ציִאָנערער באַוועגונג און פאַרדינען דערמיט די מיטהילף פון די אַמע־ריקאַנער קאַפּיטאַליסטן. מיליאָנען דאָלערס גיבן די אַמעריקאַנער מיליִ־אָרדערן אף צו בויען ייִדישע סינאַגאָגעס, פּונקט אַזוי ווי זיי זשאַלע־ווען ניט קיין געלט אף צו בויען קריסטלעכע טעמפּלען.

אפילע דער איטאַליענישער פאַשיזם, וואָס האָט געשלאָסן אַן אָפּ־מאַך מיט דער קאַטוילישער קירך, אַסיגנירט גרויסע געלט־מיטלען אף אויסצוהאַלטן די ייִדישע רעליגיִעזע אָרגאַניזאַציעס פון איטאַליִע.

בא אונדז אין פסר"ר טרעטן ארויס די ראבאָנים אין דער ראָלע פון פארבינדעטע פון די נעפּלײַט און „געוועזענע" מענטשן. מיט זייער ארבעט, מיט זייער פראָפּאגאנדע איז ניט בלויז, וואָס זיי שטערן די יידישע ארבעטנדיקע פון די שטעט און שטעטלעך אָנטיילצונעמען אין דער סאָציאַליסטישער בויונג, נאָר זיי פירן נאָך אויך צווישן זיי אַן אגיטאציע קעגן די עקאָנאָמישע און קולטורעלע מאָסמיטלען פון דער פארטיי און ראטנמאכט, קולטיווירן צווישן זיי די נאציאָנאלע אָפּגעזונדערטקייט.

די יידישע רעליגיעזע אָרגאניזאציעס אין אונדזער לאנד ווערן אָנגעפירט פון הענדלער, נעפּלײַט, געוועזענע בונדאָווצעס, ציאָניסטן, ד.ה. פון מענטשן, וואָס זײַנען פײַנטלעך דעם פּראָלעטאריאט און זײַן פארטיי.

דער ציאָניזם און דער קלעריקאַליזם

די יידישע קלייקוידעש ארבעטן צוזאמען, האנט בא האנט מיט די ציאָניסטן. די ציאָניסטישע פארטיי איז א יידישע בורזשואזע פארטיי. זייער שטרעבונג איז צו שאפן א „יידישע נאציאָנאלע היים" אין פאלעסטינע, דאָס הייסט שאפן אין פאלעסטינע א יידישע מעלוכע. די יידישע בורזשואזיע איז, פארשטייט זיך, נאָר ניט אזוי שטארק פארליבט אינעם „לאנד פון די אָוועס". זי קלערט קלאָר ניט צו באזעצן זיך אין פאלעסטינע. די ציאָניסטן ציען צו אף זייער זײַט די קליין־בורזשואזיע.

די ציאָניסטישע אוטאָפּיע איז טיף רעאקציאָנער. זי פּריידיקט, אז יידן—ווער זיי זאָלן ניט זײַן—סײַ ארבעטער, סײַ בורזשויען, קרעמער, אָרעמעלײַט—טאָרן זיך איינס דאָס אנדערע ניט פײַנט האָבן, א ייד—טײַנען זיי—טאָר זיך ניט מישן אין קיין „גויישע" געשעפטן. א יידישער ארבעטער טאָר זיך ניט מישן, טאָר ניט נעמען קיין אָנטייל אינעם רעוואָליוציאָנערן קאמף צוזאמען מיט די ארבעטער פון אנדערע נאציאָנאליטעטן. דאָס איז ניט זײַן אייסעק, ניט זײַן זאך. ער דארף נאָר שטרעבן קיין פאלעסטינע. דער ציאָניזם זײַט נאציאָנאלן האס און אָפּגעזונדערטקײַט און דעריקער—ער פּריידיקט קלאסן־פרידן. דאָס הייסט טאקע פונקט דאָס, וואָס די בורזשואזיע דארף האָבן, דאָס, וואָס שוואכט אָפּ די ארבעטער־באוועגונג.

די ציאָניסטן זײַנען אין פּאַלעסטינע א שפּילכל אין די הענט פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן, וואָס באהערשן פּאַלעסטינע. דעם 2־טן נאָיאַבער 1917 יאָר האָט די ענגלישע רעגירונג פאַרעפנטלעכט א דער־קלערונג (די באַוווּסטע באַלפור־דעקלעראַציע), ווי סע ווערט געזאָגט: „די רעגירונג פון זײַן מאַיעסטעט באַציט זיך וווילוווילנדיק צו דעם אײַנאָרדענען אין פּאַלעסטינע א נאַציאָנאַלע היים פאַרן ייִדישן פאָלק און וועט אָנווענדן אַלע מיטלען צו פאַרלײַכטערן דאָס פאַרווירקלעכן דעמדאָזיקן ציל".

דאָס שאַפן א „נאַציאָנאַלע היים" פאַר ייִדן אין פּאַלעסטינע דאַרף, לויט דער אויסרעכענונג פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן, פאַרלײַכטערן ענגלאַנד די הערשאַפט אַפן מיזרעך. דורך פאַרשיידענע פּראָוואָקאַציעס שטויסן די אימפּעריאַליסטן צונויף די ייִדן מיט די אַראַבער. אין פּאַלעס־טינע, ווו די מערהייט פון דער באַפעלקערונג זײַנען אַראַבער, בליט אויף און אַנטוויקלט זיך אַן אויסערגעוויינלעכער נאַציאָנאַלער האַס, און אויף דעמדאָזיקן באָדן קומען פאָר בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. אָט אזא מין גרויסער בלוטיקער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען דאָ ניט לאַנג—אין סעפּטיאַבער כוידעש 1929 יאָר: די ענגלישע אימפּעריאַליסטן האָבן פּראָ־וואָצירט א בלוט־באָד, אַן אַראַביש־ייִדישן פּאָגראָם, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן טויט פון עטלעכע הונדערט אומשולדיקע מענטשן.

דער נאַציאָנאַלער האַס און די רעליגיעזע פײַנטשאַפט לוינט זייער און זייער אין די אינטערעסן פון ענגלאַנד; דאָס פאַרלײַכטערט איר די הערשאַפט אין דעמדאָזיקן לאַנד. די ציאָניסטן און ראַבאָנים, פונקט אַזוי ווי די אַראַבישע נאַציאָנאַלע בורזשואַזיע און די מולעס, זײַנען א שפּילכל אין די הענט פון די ענגלישע פאַרכאַפּערס.

בלויז די קאָמוניסטן פירן א קאַמף קעגן דער צעפלאַקערונג פון נאַ־ציאָנאַלן האַס און נאַציאָנאַלער פײַנטשאַפט; בלויז זיי פירן א קאַמף קעגן ציאָניזם און קעגן דער אַראַבישער בורזשואַזיע; בלויז זיי, די קאָ־מוניסטן, זײַנען פאַר אַן איינהײַטלעכן פראָנט פון די אַראַבישע און ייִדישע אַרבעטנדיקע קעגן דער ייִדישער און אַראַבישער בורזשואַזיע און קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם.

די ראַבאָנים זײַנען אינגאַנצן אויף דער זײַט פון די ציאָניסטן. זיי האַלטן אונטער און שטיצן די גאַנצע טעטיקייט פון די ציאָניסטן.

אינ פאלעסטינע גופע זײַנענ די ראבאָנים געאכט און געקרוינט.

פאר די ציאָניסטנ איז די רעליגיע פונ יאהווע נייטיק אלס מיטל צו „פאריײניקנ דאָס יידישע פאָלק", פאָשעט גערעדט — אלס געווער אפ צו פארטומלענ די מויכעס פונ דער יידישער אָרעמקײַט און קלײנבורזשואזיע.

אינ רעזולטאט פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע האָט זיכ אינ א גאנצער רײ לענדער די לאגע פונ דער יידישער קלײנ־בורזשואזיע שטארק פארערגערט. דאָס האָט געשאפנ א גינסטיקנ באָדנ פאר דער ציאָניסטישער אגיטאציע. ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ איבערוואנדערונג־באוועגונג קיינ פאלעסטינע.

גאנצ גיכ אָבער האָט מענ זיכ אָנגעהויבנ אויסניכטערנ פונ דער דאָזיקער שיקרעס. דאָס „לאנד פונ די אָוועס" לעבט איבער א קריזיס. די גרויסע ארבעטלאָזיקײַט, וואָס הערשט אינ לאנד, גיט ניט די מעגלעכקײַט די איבערוואנדערער פעסט צו באזעצנ זיכ אינ „לאנד פונ די אָוועס". מ'הייבט אָנ צו לויפנ פונ פאלעסטינע, וווהינ נאָר די אויגנ טראָגנ. אָט דאָס איז דער גרעסטער קלאפ פארנ ציאָניזמ.

מיטנ „אײנהײַטלעכנ נאציאָנאלנ פראָנט" איז אויכ ניט גאָר פויגלדיק. דער קלאסנקאמפ איז ארײַנגעדרונגענ אויכ אינ פאלעסטינע: ווײַל, אומעטומ, ווו נאָר ס'זײַנענ פאראנ פראָלעטאריער און בורזשויענ, איז דער קאמפ פונ די דאָזיקע קלאסנ אומפארמײַדלעכ, מוז פאָרקומענ א קלאסנקאמפ. די רעליגיעזע און נאציאָנאלע לאָזונגענ קענענ בלויז אפ א קלײנער צײַט טאָרמאָזירנ דעמ קאמפ פונ די קלאסנ, זיי קענענ אָבער אפ קיינ פאל ניט אָפשטעלנ אינגאנצנ דעמדאָזיקנ קאמפ.

בא די וואלנ אינ פאלעסטינער יידישער נאציאָנאלער פארזאמלונג האָבנ די קאָמוניסטנ באקומענ 6 מאנדאטנ. די ארויסטרעטונג פונ די קאָמוניסטנ אינ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג האָט אָנגעוואָרפנ א שרעק אפ די ציאָניסטנ, ראבאָנים און אפ די, וואָס האלטנ מיט זיי, צי־טערנדיק, טאָמער וועלנ זיכ די ענגלענדער דערוויסנ, אז אינ פאלעסטינע זײַנענ צווישנ די יידנ פאראנ באָלשעוויקעס. די פאָרשטייער פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי אינ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג האָבנ אופגעדעקט די שאָוויניסטישע מײַסימ פונ די ציאָניסטנ, זייער ארבעט, דערנאָכ האָבנ זיי פאנאנדערגעוויקלט פאר דער פארזאמלונג זייער

פּראָגראַם: קאַמף קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם, פאַרייניקטער בונד מיט די אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן, קאַמף מיט שאָוויניזם א. אַז. וו. דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט די פאַרזאַמלונג אין ווילדן צאָרן. און ווען דער פאָרשטייער פון די קאָמוניסטן האָט דערקלערט, אַז דאָס איינציקע לאַנד, וווּ די נאַציאָנאַלע פראַגע איז ריכטיק געלייזט געוואָרן, איז פסר״ר., האָבן זיך די ראַבאָנים געוואָרפן צו דער טריבונע מיט אויסגעשרייען: „מאָסקווע!“, „טשעקא!“, „טשעקא!“, „מאָסקווע!“

צוליב א גאַנצער ריי היסטאָרישע סיבעס און אדאַנק דער פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג, וואָס האָט געפירט צו דער פאַרשטאַרקונג פון נאַציאָנאַלער פײַנטשאַפט, האָבן אין רוסלאַנד די ייִדן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. ווױנען אין די דערפער, פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט און אַרבעטן אויף די זאַוואָדן האָט די צאַרישע רעגירונג זיי פאַרווערט. אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען האָט זיך געשאַפן א גרויסע מאַסע אָרעמעלײַט, בעטלערס, מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיינע שום מיטלען צום לעבן, אָדער וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן גראָשנדיקן האַנדל.

די ראַטנמאַכט נעמט אָן אַלע מיטלען אויף צו פאַרלײַכטערן די ייִדישע אָרעמשאַפט אריבערצוגיין אויף ערד, און דערמיט אַליין פאַרגרינגערן זיי די מעגלעכקייט פון פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט.

דאָס באַזעצן אין פסר״ר. ייִדן אויף ערד האָט אַרויסגערופן א גרויסן טומל אין אויסלאַנד צווישן די ציִאָניסטן, ראַבאָנים און בורזשויען.

דער 14־טער ציִאָניסטישער קאָנגרעס אין ווין, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט כּוידעש 1925 יאָר, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג אין קרים. און קעדיי שוואַכער צו מאַכן אין דער „געזעלשאַפטלעכער מיינונג“ פון אייראָפּע און אַמעריקע דעם אײַנדרוק פון דעמדאָזיקן מאַסמיטל פון דער ראַטנמאַכט אויף געזינטער צו מאַכן די ייִדישע באַפעלקערונג, האָבן די ציִאָניסטן אָנגעהויבן פירן א רעכילעס־קאַמפּאַניע קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

די סיבע פון דעמדאָזיקן טומל איז גאַנץ לײַכט צו פאַרשטיין: דאָס באַזעצן ייִדן אויף ערד מיט דערפאָלג ניט אין פּאַלעסטינע, נאָר

אין ראטנלאנד, איז דער גרעסטער קלאפ פארן ציִאָניזם, וואָס זײַן גאנצע אידייע איז — צונויפזאמלען די ייִדן אין „לאנד פון די אָוועס". דאָס צעשטערט אויך דעם „איינהײַטלעכן נאציִאָנאלן פראָנט", דאָס צעשטערט אויך דאָס גלויבן אינעם אלטן יאהווע.

די פירער פון די ציִאָניסטן באנוצן זיך מיט יעדער מעגלעכקײַט, מיט יעדן צופאל אפ צו טרײַבן רעליִעס אפ פסר"ר. אזוי זײַנען ארויסגעטראָטן אפן ציִאָניסטישן קאָנגרעס אין ציוריך (שווייץ), אין יולי 1929 יאָר, די פירער פון ציִאָניזם, ווייצמאן און סאָקאָלאָוו, מיט די שארפסטע אָנפאלן אף דער ראטן־מעלוכע, וואָס „דריקט" קלוי־מערשט די ייִדן, וואָס פארווערט זיי גאָט צו דינען א. אז. וו.

דער אטעיִזם וואקסט

דאָס פאלן פון דער רעליגיע צווישן די ייִדישע ארבעטנדיקע אין פסר"ר. גייט מיט אן אויסערגעוויינלעך שנעלן טעמפּ. נאָך שטארק איז די ווירקונג פון דער רעליגיע צווישן די ייִדן אין פוילן, גאליציע, ליטע, אמעריקע. אָבער אויך דאָרט זײַנען די ראבאָנים געצווונגען צו פירן א שטארקן קאמף מיט די ברעכער פון די רעליגיִעזע דינים און אינסטיטוציעס, מיט דער אפּיקאָרסעס, מיטן אטעיִזם. אזוי, אשטייגער, האָבן אין פוילן, אמעריקע, לעטלאנד די ייִדישע ארבעטער און יוגנט־לעכע אָרגאניזירט אין 1929 יאָר אין די טעג פון די הארבסטיקע רע־ליגיִעזע יאָנטויווים (ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער) א גאנצע ריי אנטי־רעליגיִעזע דעמאָנסטראציעס. אין ווארשע, אשטייגער, איז אָרגאניזירט געוואָרן אין טאָג פון ראָשעשאָנע — 5 אנטירעליגיִעזע גאסן־דעמאָנ־סטראציעס. דערבײַ איז די פּאָליציי יעדער מאָל געקומען צו הילף די קלעריקאלן און האָט צעטריבן די דעמאָנסטראנטן.

אין דער שטאָט דווינסק (לעטלאנד) האָבן די ייִדן־קאָמוניסטן פאַ־נאנדערגעוואָרפן אין אָט די טעג אנטירעליגיִעזע בלעטלעך. אָט די, ווי אויך נאָך א גאנצע ריי אנדערע פאקטן, באווײַזן, אז סע וואקסט די אפּיקאָרסישע באוועגונג צווישן די ייִדישע ארבעטנדיקע אין אויס־לאנד. גאָר שטארק אָבער איז דידאָזיקע באוועגונג בא אונדז אין ראטנלאנד.

אין פסר״ר. זײַנען ניטאָ קיין כאדאָרים, וווּ די ייִדישע קינ־דער פלעגן דערצויגן ווערן אין רעליגיִעזן גײַסט. עמעס, ס׳זײַנען געמאכט געוואָרן פּרוווּן אײַנצואָרדענען כאדאָרים געהיים: אין דעקא־בער כוידעש 1925 יאָר איז אין קיִעוו פאָרגעקומען א געריכט איבער אָרגאַניזאטערס פון געהיימע כאדאָרים. די דורכגעפירטע אין די יאָרן 1922 — 1923 אפ אוקראַינע און אין ווײַסרוסלאנד קאמפאניעס קעגן כיידער, ווי אויך דאָס אוועקשטעלן בעסער דעם שול־וועזן אין די שטעטלעך, האָט אינגאנצן פארניכטעט דעם כיידער.

די ווירקונג פון ראָוו איז אויסערגעוויינלעך געפאלן. ס׳איז שוין ניטאָ די פריִערדיקע בעקאָוועדיקע באציִונג צו אים.

די אויספאָרשונג פון די ייִדישע שטעטלעך האָט געגעבן אן אוי־סערגעוויינלעך רײַכן מאטעריאל, וואָס שילדערט דעם וווּקס פון אפּיקאָרסישקײַט בא ייִדן. די יוגנט איז אוועקגעגאנגען אָדער גייט אוועק פונעם „גלויבן פון די אָוועס״. אנטירעליגיִעזע דעמאָנסטראציִעס אין די טעג פון די ייִדישע רעליגיִעזע יאָנטויווים האָט די ארבעטער־יוגנט אָנגעהויבן אײַנאָרדענען נאָך אין די יאָרן 1922 — 1921. דעם אמערסטן געאכטן און געשעצטן יאָנטעוו בא ייִדן — יאָמקיפּער, דעם טאָג פון פאסטן און טפילע־טאָג, הערט מען אוף צו פײַערן. די ייִדישע ארבעטער און קוסטארן ארבעטן אום יאָמקיפּער פונקט ווי אין א וואָכענדיקן טאָג.

אפן יאָנטעוו פּייסעך לייגט מען גאנץ ווייניק אכט. קיין מאצע קויפט מען ניט. אין די טעג פון פּייסעך ארבעט מען ווי געוויינלעך. דערפאר אָבער פײַערט מען דעם ערשטן מײַ.

די מאטעריאלן פון די ייִדישע שטעטלעך גיבן אזא בילד:

אין שטעטל כאבנע: די באָטעמעדראָשים שטייען ליידיק, פוסטע־ווען, ס׳איז אומגעלעך אפילע א מיניען צונויפקלײַבן. די ראבאָנים קלאָגן זיך: „קאָשער און טרייף היט קיינער ניט אָפּ. באם ראָוו קיין שײַלעס פרעגט מען ניט״.

אין שטעטל סיראָטין: בא היַינטיקן טאָג איז ניט געבליבן אין שטעטל קיין אײן ראָוו. ס׳פילט זיך ניט, אפּאָנעם, אין זיי קיין גאָר שטארקע נויט.

דאָסזעלבע באמערקט זיך אויך אין די ייִדישע קאָלאָניעס: „מ׳רוי־כערט פרײַ אום שאבעס, אין טאָג פונעם „הייליקן״ שאבעס פאָרן ארויס

אפ דער ארבעט יונג און אלט. קיין טאנייסים היט קיינער ניט אָפּ, קיינער דאווגט ניט. וועגן דער יוגנט איז דאָך גאָר אָפּגערעדט... פון אלע מיצוועס און רעליגיעזע מינהאָגים האלטן זיך נאָך שטארק דער בריס און די כופּע".

אין די טעג פון די רעליגיעזע יאָנטויווים ווערן אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמוניסטן איינגעאָרדנט אין, די קלובן און אין די לייענשטיבלעך אנטירעליגיעזע אָוונטן.

אין דער נאכט פון פּייסעכ, ווען יעדער פרומער ייד איז מעכוייעוו צו הערן און צו דערציילן וועגן גרויסן נעס פון יעציעס-מיצראים, אָרדנט איין די יוגנט איר אייגענעם אנטירעליגיעזן סיידער. אפ דידאָזיקע אָוונטן גייען גאנצ גערן אויך די עלטערע יידן אפילע.

דער ווּקס פון אפּיקאָרסישקייט בא יידן באווייזט די אונטנגעבראכטע טאבעלע פון דער רעליגיעזקייט בא די יידישע מיטגלידער

קוסטארן-גרופּעס	רו-טעג						
	אויסגעפֿאָרשטע	שאַבעס	זונטיק	ניט באַשטימט	רעליגיעזע	האַלב-רעליגיעזע	ניט-רעליגיעזע
שוסטערס	218	161	40	17	62	31	125
שניידערס	140	134	5	1	50	47	43
שטעפּערס	44	31	7	3	6	8	20
מעטאליסטן	35	29	4	2	7	7	21
שערערס	28	—	22	6	1	—	27
בעקערס	22	15	5	2	11	—	11
היטלמאכערס	16	16	—	—	7	3	6
טישלערס	14	13	—	1	5	4	5
טאפּעצירערס	8	8	—	—	1	1	6
פארשיידענע	33	21	3	9	9	3	21
טאכאקל	558	431	86	41	159	104	295

פון האָמליער קוסטאַרן־געזעלשאַפט (צונויפגעשטעלט דעם אי־1 1924)[1] דידאַזיקע טאַבעלע באַווייזט, אַז די גרעסטע מערהייט פון די ייִדישע קוסטאַרן זיינען אינגאַנצן ניט רעליגיעז און אַז אַ גרויסער טייל קוס־טאַרן זיינען האַלב־רעליגיעז. ס׳דאַרף באַמערקט ווערן, אַז דאָס אָפּהיטן שאַבעס ווי אַ רו־טאָג איז נאָך ניט קיין סימען פון רעליגיעזקייט. אַזוי האָבן פון די אויסגעפאָרשטע שוסטערס אָנגעוויזן דעם רו־טאָג שאַבעס 161, און רעליגיעזע זיינען פון זיי סאַכאַקל 6; בא די שניידערס רוען שאַבעס 134, און רעליגיעזע זיינען בא די אויסגעפאָרשטע שניידערס בלויז 50; בא די טאַפּעצירערס רוען שאַבעס 8, רעליגיעזע אָבער איז בא די טאַפּעצירערס בלויז איינער.

דאָס אָפּהיטן שאַבעס ווי אַ רו־טאָג ווערט דערקלערט מיט אַ גאַנ־צער ריי באַזונדערע באַדינגונגען פון אַרבעט. אין די שטעטלעך און שטעט מיט אַ באַדייטנדיקן פּראָצענט ייִדישע באַפעלקערונג, וווּ דער באַשטעלער און קויפער וועט ניט גיין אום שאַבעס באַשטעלן און קויפן עפּעס, וווּ רוען זונטיק איז ניט באַקוועם, מאַכמעס אין דעם טאָג פאָרן זיך צונויף די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, אין דעם טאָג ווערן איינגעאָרדנט מערק, יאַרידן א.אז.וו. מע רוט שאַבעס קלאָר ניט פון רע־ליגיעזער איבערצייגונג, פּונקט אַזוי ווי מע פּילט אויס פאַרשיידענע רע־ליגיעזע צערעמאָניעס ניט פון רעליגיעזקייט, נאָר פון טראַדיציע, פון געוווינטקייט.

באַזונדערס שטאַרק איז די אַפּיקאָרסישע באַוועגונג אין די נייע ייִדי־שע קאָלאָניעס און אין די ייִדישע קאָלווירטן. דאָרט בויט מען שוין אינגאַנצן ניט קיין באָטעמעדראָשים, דאָרט זיינען ניטאָ קיין ראַבאָנים, דאָרט אַרבעט מען אין די רעליגיעזע יאָנטויווים ווי אינדערוואָכן.

דעם וווּקס פון אַפּיקאָרסישקייט צווישן די ייִדן אין פּסר״ר. באַ־ווייזן אויך די מאַסעווע פּאָדערונגען וועגן פאַרמאַכן די באָטעמעדראָשים.

אין אוקראַיִנע איז פאַר די יאָרן פון נאָך דער רעוואָליוציע (ביז 1927 יאָר) פאַרמאַכט געוואָרן בא 360 באָטעמעדראָשים.

די ציִאָניסטן, פרומע בורזשויען, ראַבאָנים מאַכן געוואַלדן, לייגן איין די וועלט וועגן דעם וווּקס פון אַפּיקאָרסישקייט בא ייִדן. דער טשער־

1) „דאָס ייִדיש שטעטל אין דער רעוואָליוציע“ אונטער דער רעדאַקציע פון טאַן — באָגאָראַז, זייט 196.

נאָבילער ראָוו (וואָס האָט בא דער פינצטערער מאסע א שעם פון א „הייליקנ") האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק עמיגרירט קיינ אמעריקע. פארבײַיפאָרנדיק ריגע, האָט ער אינ א געשפרעכ מיט א פאָרשטייער פונ דער ריגער יידישער צײַטונג „דאָס פאָלק" דערקלערט, אז ער וועט זיכ סטארענ אונ וועט זעענ מיט אלע מעגלעכקײַטנ אופצוהייבנ א קאמפאניע צווישנ די אמעריקאנער יידנ, אז מ'זאָל ארויסשטעלנ דער ראטנ־רעגי־רונג א פאָדערונג וועגנ דערלויבנ בויענ נײַע באָטעמעדראָשים אינ די ראיאָנענ, ווו מע באזעצט די יידנ אפ ערד [1].

אומזיסט די טירכע; די זאכ איז דאָ ניט אינ דער ראטנ־רעגירונג. די זאכ איז אינ דעמ, וואָס אפילע די עקזיסטירנדיקע באָטעמעדראָשימ שטייענ ליידיק, פוסטעוועג. אונ די יידישע ארבעטנדיקע פאָדערנ, אז מ'זאָל זיי פארמאכנ.

קעדיי צוצוציִענ די מאסנ צו דער רעליגיע, זײַנענ די ראבאָנים גע־צווונגענ צו „רעפאָרמירנ" זייער רעליגיע. אינ די צײַטונגענ איז געהאט געוועג א ידיִע, אז אינ האָמעל זײַנענ געמאכט געוואָרנ פרווונ צו גרינדנ א מינ „לעבעדיקע סינאגאָגע", וועגנ אזוינע פרווונ איז געווענ אינ די צײַטונגענ א ידיִע אויכ פונ אָדעס.

וועגנ דעמ, אז די ראבאָנים זײַנענ געצווונגענ צו פאָלגנ דעמ „גײַסט פונ דער צײַט", באווײַזנ פאָלגנדיקע פאקטנ: אינ האָמעל „האָבנ די דאווענער פונ א בעסמעדרעש באשטימט: 1) אָפשאפנ דאָס ארויסשפײַענ בא „אָלײנו" (דאָס איז א טפילע, אינ וועלכער די פרומע יידנ דאנקענ גאָט דערפאר, וואָס ער האָט זיי ניט באשאפנ קיינ געצנדינער), ווײַל דאָס איז „שאָוויניסטיש"; 2) אראָפנעמענ די פאָרהענגלעכ פונ דער גאָ־לעריי בא דער פרויענ־אָפטיילונג, ווײַל דאָס איז ווילד [2]; 3) ניט קושנ די טוירע אונ די ציצעס, ווײַל דאָס איז ניט היגיִעניש".

אָט דידאָזיקע קליינע רעפאָרמענ, באזונדערס צוליב די מאָטיוונ — „ווילד", „שאָוויניסטיש", „ניט היגיִעניש" — זײַנענ זייער באלערנדיק. דאָס באווײַזט, ווי שוואכ עס זײַנענ די געשעפטנ בא די ראבאָנים.

1) צײַטונג „עמעס" פארנ 14/ווו־טנ 1926 יאָר, נומער 37.

2) ווי באוווסט, זײַנענ געמאכט פאר די פרויענ באזונדערע אָפטיילונגענ אינ די באָטע־מעדראָשימ, מאכמעס די פרויענ טאָרנ ניט דאווענענ איניינעמ מיט די מענער. די פרויענ־אָפטיילונג איז פארשטעלט מיט פאָרהענגלעכ. די פרוי האָט אפילע קיינ רעכט ניט ארײַנ־צוגיינ אינ דער אָפטיילונג, ווו עס דאווענענ די מענער.

מיט אײניקע יאָרנ צוריק איז אינ א בעסמעדרעש אינ האָמעל געווענ אופגעהאנגענ אזא פּלאקאט: „אזוי ווי ריידנ אינ בעסמעדרעש איז קעגנ דעמ ווילנ פונ גאָט אונ פונ דער מעלוכע, בעט מענ ניט ריידנ. די, וואָס וועלנ זיך ניט אונטערוואַרפנ דעמדאָזיקנ קלאל, וועלנ באשטראָפט ווערנ לויט די דינימ פונ גאָט אונ לויט די געזעצנ פונ דער מעלוכע".

דער אווטאָריטעט פונ גאָט איז שוינ אפּ אזויפיל געפאלנ, אז סע קומט אויס צוצוציִענ אויך די מעלוכע צו הילפ, כאָטש דער מעלוכע גייט קנאפּ וואָס אָנ, וואָס אינ בעסמעדרעש טוט זיך. אמאָל, זעט איר, אינ דער „אלטער, גוטער צײַט", איז אָנשטאָט אזעלכע פּלאקאטנ געווענ אָנגעשריבנ אינ בעסמעדרעש מיט פּאָשעטע, אָבער קלאָרע, אויסדריקלעכע ווערטער: „ס'איז פארבאָטנ צו ריידנ בעייסנ דאווענענ".

באפרײַענדיק זיך פונ די רעליגיִעזע קייטנ, נעמענ די ייִדישע ארבעטנדיקע מאסנ אנ אקטיוונ אָנטייל אינ בויענ די נײַע וועלט, אינ בויענ דעמ סאָציִאליזמ, אינ ענגנ קאָנטאקט מיט אלע איבעריקע נאציאָנאליטעטנ, וואָס וווינענ אינ ראטנפארבאנד.

דער אלטער יאהווע, אינ וועמעס נאָמענ אונ קולט די בורזשואזיִע האָט מיט דערפאָלג עקספּלואטירט די פאָלקמאסנ, גייט שוינ אינ זײַנ רו אריינ, שטארבט אָפּ.

שוינ לאנג צײַט געווענ, כ'לעבנ!

V. די קאָנטער־רעוואָליוציע אונטער דער פאָנ פונ איסלאמ

דעמ 23־טנ נאָיאבער 1925 יאָר זײַנענ אינ דער שטאָט ערזערומ (אינ טערקײַ) פאָרגעקומענ דעמאָנסטראציעס אונטער. דער אָנפירונג פונ די מולעס. דערבײַ האָבנ די דעמאָנסטראנטנ געשריגנ: „אראָפּ די אפּי־קאָרסישע באאמטע, וואָס טראָגנ אײראָפּעיִשע היט! מיר וועלנ ניט דער־לאָזנ אָפּשפּעטנ פונ אונדזערע מינהאָגים אונ טראדיציעס, וואָס די רעליגיע האָט באהײליקט”.

אזוינע דעמאָנסטראציעס זײַנענ פאָרגעקומענ אויכ אינ אנדערע געגנטנ פונ טערקײַ: אומעטומ אונ איבעראל האָבנ די מולעס, געוועזענע סול־טאנישע באאמטע אונ פארשײדענע אנדערע מינימ רעאקציאָנערנ, פאר־שפּרײט אופרופנ אונ גערופנ ארויסצוטרעטנ קעגנ טראָגנ היט אונ אײראָפּעיִשע קלײדער.

וואָס־זשע איז דאָס פאר א מינ אופשטאנד קעגנ היט אונ קורצע רעקלעכ?

אינ י. 1919 האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ טערקײַ א רעוואָליוציע. אינ י. 1920 האָט די מאכט פארכאפּט די טערקישע בורזשואזיע. זי האָט אָפּגעווישט דעמ סולטאנישנ טראָנ אונ געפירט א קאמפ מיט די גרויסע פּריצימ, פירשטנ אונ פירערס פונ די שוואָטימ.

נאָכ דעמ, ווי די טערקישע בורזשואזיע האָט דורכגעמאכט די רע־וואָליוציע, האָט זי זיכ ענערגיש גענומענ אָפּרײניקנ דעמ וועג פאר דער אומגעשטערטער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ. אָפּרײניקנ פונ אלצ, וואָס שטערט דערדאָזיקער אנטוויקלונג. אָבער אײנער פונ די שטארקסטע

זײַלנ פונ דער אלטער מאכט איז געווענ די מוסולמענישע קירכ. ס'איז גענוג צו זאָגנ, אז אלײנ דער סולטאנ, דער ראָש פונ דער מעלוכע, איז געווענ אינ דערזעלבער צײַט אויכ קאליפ, ד. ה. דער רעליגיעזער עלטסטער פונ די מוסולמענער. די גײַסטלעכע ווידער זײַנענ געווענ ענג צונויפגעבונדנ מיט דער אלטער אָרדענונג: בא דער סולטאנישער מאכט האָבנ די גײַסטלעכע פארמאָגט היפשע ערד־נאכלעס, אזוי ווי די פריצים, אונ האָבנ אומגעשטערט עקספלואטירט דאָס טערקישע פאָלק.

אָט פארוואָס ס'איז אויסגעקומענ דער טערקישער בורזשואזיע, נאָכ דעמ ווי זי האָט פארכאפט די מאכט, צו פירנ א קאמפ ניט בלויז מיט די גרויסע ערד־אײגנטימער, ניט בלויז מיט די אָנהענגער פונעמ געפאלענעמ סולטאנ, נאָר אויכ מיט דער מוסולמענישער קירכ. אינ א רײ ראיאָנענ, ווו די פריצישע קאָנטר־רעוואָליוציע האָט באזונדערס הויכ אופגעהויבנ דעמ קאָפ, איז אויסגעקומענ דער טערקישער רעגירונג צו פארמאכנ א רײ טעקעס (מאָנאסטירנ). דערבײַ איז אינ דער אָפיציעלער מיטײלונג וועגנ דעמ דאָסדאָזיקע מאָסמיטל דערקלערט געוואָרנ דערמיט, וואָס דידאָזיקע אנשטאלטנ „באהאלטנ אונ וועלנ שטענדיק קענענ באהאלטנ אונטער דער מאסקע פונ רעליגיעזע דאָגמעס — פאָליטישע צילנ, וואָס זײַנענ שעדלעכ פאר דער טערקישער מעלוכע. די פערזאָנענ, וואָס טראָגנ קלײדער פונ גײַסטלעכע אונ זײַנענ פארשפרײט איבערנ גאנצנ לאנד, האלטנ זיכ פאר די פאָרשטײער פונ פאָלק אונ דערלויבנ זיכ אופרעגנ די פאָלקמאסנ אונ זײ אויסנוצנ צוליב זײערע צוועקנ".

די רעגירונג האָט דורכגעפירט א גאנצע רײ רעפאָרמעס, וואָס האָבנ אינ גרונט ארונטערגעריסנ די מאכט פונ דער קירכ, די הערשאפט פונ די פריצים, פירשטנ, שטאמ־עלטסטע א. אז. וו.

פעוראל־כוידעש 1926 יאָר איז אינ טערקײַ אײַנגעפירט געוואָרנ א נײַער בירגער־קאָדעקס. ס'איז אָפגעשאפט געוואָרנ די פאָליגאמיע, די פיל־ווײַבערײַ. מ'האָט אָפגעטײלט די קירכ פונ דער מעלוכע. די רעגירונג האָט ארויסגעגעבנ א פאראָרדענונג וועגנ פארמאכנ אלע מאָנאסטירנ. אדאנק דעמ זײַנענ ארויסגעזעצט געוואָרנ בא 20.000 מאָנאכנ פונ די מאָנאסטירישע וווינונגענ. מ'האָט אײַנגעפירט דעמ לאטײנישנ אלעפבייז, מ'האָט אינגאנצנ געענדערט דעמ שול־וועזנ — מ'האָט אײַנגעפירט אינ דער שול וועלטלעכע לימודימ א. אז. וו.

די רעגירונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך דער סולטאַנישער הערשאַפט און איז די פאָרשטייערין פון דער אופשטײַגנדיקער בורזשואַזיע, איז ארופגעטראָטן אפן וועג פון ברייטע פארבינדונגען מיט אייראָפּע און אמעריקע. זי נעמט איבער פון דאָרט אַלע נײַסטע דערגרייכונגען פון דער ווּיסנשאַפט און טעכניק. צוזאַמען מיט דעם נעמט אויך איבער טערקײַ די אייראָפּעיִשע אויסערלעכקײַט: ס׳איז פארבאָטן צו טראָגן א פעסקע, די טשאַדרע (לאַנגער פּרויען־שלייער), אַנשטאָט דעם איז ארויסגעגעבן א באַפעל צו טראָגן קליידער פון אייראָפּעיִשן שניט.

אָבער אין רעזולטאַט פון דער רעוואָליוציע און פון אָט די רעפאָרמעס האָבן דאָך געליטן די אַלע קלאַסן, וואָס האָבן פריִער געהערשט. ס׳האָבן געליטן די פּריצים, די באַאַמטע, וואָס זײַנען געווען פארבונדן מיט דער פריִערדיקער רעגירונג, די הענדלערס, א טייל אָפיצערן פון דער סולטאַנישער ארמיי, די מולעס און אַנדערע.

אָט די אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג שטעלן עס צונויף די קאַדרען פון דער טערקישער קאָנטער־רעוואָליוציע. ניט איינמאָל שוין האָבן זיי געפּרוּווט מאַכן אן אופשטאַנד קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און פאַר אומקערן זיך צום אַלטן. די אַלע אופשטאַנדן אָבער האָבן צו גאָרנישט ניט געבראַכט, און דער קאָנטער־רעוואָליוציע קומט אויס צו בײַטן איר קאַמף־מיטלען. אַנשטאָט אָפענע אופשטאַנדן, פּרוּווט זי שפּילן אפן רעליגיעזן פאַנאַטיזם, אפ דער צוגעבונדנקײַט צו דער רעליגיע פון מאַכמעדן.

אין 1926 יאָר איז אַנטדעקט געוואָרן א פאַרשווערונג קעגן קעמאַל־פּאַשאַ, דעם פירער פון דער טערקישער רעוואָליוציע.

די רעאַקציאָנערן האָבן אַכוץ אַלעמען זיך אויך געשטעלט א ציל אופצושטעלן דאָס קאַליפאַטום, ד. ה. אופשטעלן צוריק די פריִערדיקע מאַכט פון דער קירך. דעקאַבער כוידעש 1928 יאָר איז אַנטדעקט געוואָרן נאָך אן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו מאַכן א מאָנאַרכיסטישע איבערקערעניש. אויך דאָ זײַנען די רעאַקציאָנערן ארויסגעטראָטן אונטער דער פאָן פון רעליגיע, אָנרופנדיק זייער געהיימע געזעלשאַפט „רעוואָליוציאָנערע געזעלשאַפט צו באַשיצן דעם איסלאַם״.

דאָס אײַנפירן די אייראָפּעיִשע אויסערלעכקײַט, ווי טראָגן היט, אייראָפּעיִשע קליידער א. אז. וו., האָבן די רעאַקציאָנערן אויסגענוצט

צוליב זייערע צילן. זיי האָבן דערקלערט, אז דערמיט ברעכט די רעגירונג די רעליגיעזע איינשטעלונגען, די אלטע מינהאָגים און טראדיציעס, אז מיט דעם איז די רעגירונג אויסן צו פארפאָלגן דאָס גלויבן אין מאכמעדן.

אָט דערפאר האָט איר עס אין רעזולטאט — א ריי דעמאָנסטראציעס קעגן „היט און קורצן רעקל".

אָט אזוי נוצט אויס די קאָנטער־רעוואָליוציע דעם רעליגיעזן פאנאטיזם אינעם קאמף פאר אופשטעלן צוריק די אלטע פריציש־פעאָדאלע אָרדענונג.

ס'כאזוערט זיך איבער נאָכאמאָל אין דער געשיכטע די דערשיינונג, ווען די רעאקציאָנערע קלאסן נוצן אויס די רעליגיע אפ צו פארדעקן זייערע עמעסע צילן. אָנשטאָט צו דערקלערן אָפן, אז זיי קעמפן פאר אופשטעלן צוריק די אלטע פעאָדאלע אָרדענונג (אזוינע לאָזונגען וואָלטן, פארשטייט זיך, קיין שום דערפאָלג ניט געהאט, באזונדערס באם פויערטום) אָרגאניזירט די קאָנטער־רעוואָליוציע די מאסן אונטערן לאָזונג פון קאמף פארן איסלאם, פארן „אלטן גלויבן". דיזעלבע דערשיינונג האָבן מיר געהאט אויך בעיס אונדזער רעוואָליוציע האָט זיך באהאלטן אונטער די קירכן־פאָנען. דאָסזעלבע איז אויך פאָרגעקומען בא אנדערע רעוואָליוציעס.

דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, ווען אונטער די פאָדערונגען פון, דוכט זיך, אזוינע קלייניקייטן, ווי „רעקל און באָרד", „ראָק און פעסקע", ליגט פארבאָרגן מער טיפערע אינטערעסן פון יענע קלאסן, וועלכע עס לוינט צו באהאלטן זייער עמעסן מיין, זייערע עמעסע פארלאנגען און שטרעבונגען אונטערן מאנטל פון הייליקייט, אונטערן שלייער פון רעליגיע [1].

---

1) ענלעכס אפ דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1925 יאָר אין טערקיי מיט דער פעסקע און רעקל, איז פאָרגעקומען אין רוסלאנד מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאנד מיט 300 יאָר צוריק די שפאלטונג פון דער פראוואָסלאווישער קירך, האָבן די קירכן־שפאלטער (ראסקאָלניקעס) ארויסגערוקט א לאָזונג — „פארן אלטן גלויבן", „פאר באָרד און ציילעם", „פאר באָרד און רעקל".

ווען ס'זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאנד — אין XVII יאָרהונדערט און אויך שפעטער, סאָפּ XVIII־טן יאָרהונדערט — די פאָלק־אופשטאנדן, האָבן די אופשטענדלער צוזאמען מיט דער פאָדערונג פון פארניכטן און אָפווישן פון דער ערד די פריצים, ארויסגערוקט אויך דעם לאָזונג — „פאר באָרד און ציילעם". אזוי, אשטייגער, האָט פוגאטשאָוו אין זיין מאני־

פונקט ווי אין טערקײַ, אזוי איז אויך אין פערסיע דורכגעפירט געוואָרן אין 1928 יאָר א רײ רעפאָרמעס, וואָס זײַנען געווענדט קעגן די רעליגיעזע אײַנשטעלונגען פון די מוסולמענער. אויך דאָ איז אײַנגעפירט געוואָרן, דאָס טראָגן אייראָפּעישע קליידער.

אפרעל כוידעש 1928 יאָר איז אונטער דער אָנפירונג פון די גײַסטלעכע אָרגאניזירט געוואָרן א רײ ארויסטרעטונגען קעגן דער רעגירונג פאר איר רעפאָרמאטערישער טעטיקייט. דערבײַ איז ארויסגעשטעלט געוואָרן די פאָדערונג פון פארשטארקן די ווירקונג פון די גײַסטלעכע אין די געריכט־אנשטאלטן.

פעווראל כוידעש 1929 יאָר איז אין דאָרעם־פּערסיע ווידער געמאכט געוואָרן אן אופשטאנד קעגן דער צענטראלער רעגירונג. דערבײַ האָבן אויך דאָ די גײַסטלעכע געשפּילט גאָר ניט קיין קליינע ראָלע, פארמאסקירנדיק די פּאָליטישע שטרעבונגען פון די פעאָדאלן מיט רעליגיעזע לאָזונגען — מיטן קאמף פארן איסלאם.

אזוי איז אויך אין די יאָרן 1928—1929 אין אפגאניסטאן די רעאקציאָנערע באוועגונג, וואָס האָט געבראכט צום פאלן פון אמאנולס רעגירונג, געגאנגען אונטערן לאָזונג פון „באשיצן דעם איסלאם".

פעסט פון 31 יולי 1771 יאָר דערקלערט: „מיר באלוינען מיט אלטן קרייץ און טפילע, מיט קאָפּ און באָרד, מיט אומגעבונדנקייט און פרײַהײַט".

ס'קומט אויס, אז קלוימערשט צוליב דער באָרד און צוליבן קורצן רעקל זײַנען עס פאָרגעקומען די פאָלק־אופשטאנדן.

אינדערעמעסן אָבער איז די זאך באשטאנען גאָרניט אין דעם. אָט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען: ר"סלאנד איז אין יענער עפּאָכע ארופגעטראָטן אפן וועג פון ענגע האנדל־באציִונגען מיט מײַרעוו־אייראָפּע. גלײַכצײַטיק דערמיט האָט רוסלאנד איבערגענומען פון אייראָפּע אויך די אייראָפּעיִשע אויסערלעכקײַט: קליידן זיך אפן אייראָפּעיִשן שניט, גאָלן די באָרד און וואָנצעס א. אז. וו. די פארשטארקונג פונעם האנדל־קאפּיטאל האָט אָבער אויך מיטגעבראכט מיט זיך דאָס, אז די לאגע פון אײַן טייל קלאסן האָט זיך שטארק פארערגערט און די הערשאפט פון א צווייטן טייל קלאסן האָט זיך נאָך מער פארשטארקט. די צערויִבירטע קלאסן האָבן געזען די אײַנציקע סיבע פון דעם, וואָס זייער לאגע איז פארערגערט געוואָרן, אין אלדאָס נײַע, אין אלץ, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן פון אייראָפּע. דעריבער טאקע זײַנען די פאָלקמאסן, אופשטייענדיק קעגן „אלדאָס נײַע", אופגעשטאנען אויך קעגן די קליינע אויסערלעכע רעפאָרמעס און ענדערונגען, וואָס האָבן באגלייט די אנטוויקלונג פונעם האנדל־קאפּיטאל, דעריבער זײַנען זיי אופגעשטאנען אויך קעגן די אייראָפּעיִשע קליידער, קעגן גאָלן די באָרד און וואָנצעס.

די פאקטן פון טערקײַ, פערסיע, אפגאניסטאן דעמאָנסטרירן גאנץ אָנשויליך, באווײַזן בוילעט, ווי די רעאקציע פרווּוט זיך מאסקירן מיט דער רעליגיע.

דאָס סאמע אינטערסאנטסטע פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין טערקײַ, איז דאָס, וואָס דאָרט איז קעגן דער רעליגיע ארויסגעטראָטן די בורזשואַזיע, ווי געזאָגט, איז די רעגירונג אין טערקײַ — די רעגירונג פון דער טערקישער בורזשואַזיע. טאָ מיט וואָס קען מען דערקלערן דידאָזיקע זאך?

ווען די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן אירע ארויסטרעטונגען אונטער דער פאָן פון איסלאם, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די ארויסטרעטונגען „קעגן היט און קורצע רעק", האָט די רעגירונג פארעפנטלעכט פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„די אויספאָרשונג, וואָס די רעגירונג האָט דורכגעפירט... האָט זי געבראכט צו דער איבערצײַגונג, אז די אופהעצערס נוצן אויס די רעליגיעזע אנשטאלטן, קענען צו עקספּלואטירן אומשולדיקע מענטשן. אונטערן שלייער פון רעליגיעזע דאָגמעס באהאלטן זיי, און וועלן שטענדיק קענען באהאלטן, פאָליטישע צילן".

אין אלע לענדער, ווי נאָר די בורזשואַזיע איז געקומען צו דער מאכט, ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן הערשן, איז איר אויסגעקומען פירן א קאמף ניט בלויז מיט די פריצים, קעניגן און פירשטן, נאָר אויך מיט דער קירך, וואָס איז געשטאנען אײַזן־פעסט פאר די פריצים, וואָס איז אליין געווען א גרויסע גוטבאזיצערן, וואָס האָט אליין געהערט צו דער פריצים־קאסטע. דאָס איז פאָרגעקומען בעת דער פראנצויזישער און אנדערע רעוואָליוציעס. דאָסזעלבע קומט אויך פאָר אין טערקײַ, פערסיע, אפגאניסטאן און אין אנדערע לענדער. די בורזשואַזיע פירט א קאמף מיט דער קירך, צערעכנט זיך אפּן שארפסטן אויפן מיט די גײַסטלעכע, ווען זיי שטערן איר צו דעראָבערן די מאכט, ווען זיי שטערן איר צוצוקומען צו דער הערשאפט.

האָט שוין אָבער די בורזשואַזיע דעראָבערט די מאכט, הייבט זי אָן זוכן אין דער רעליגיע א פארבינדעטן, א שוטעף אינעם קאמף קעגן ארבעטער־קלאס, און די רעליגיע ווידער, פארוואָרפנדיק איר אלטן בא־

לעבאָס, דעם פּאָרעץ, גייט גערן איבער צו דינסט צום בורזשוא און קאפּיטאל און דינט אויך אים טריי און ערלעך.

דאָס קען מען בולעט זען אף דעמועלבן ביישפּיל טאקע פון טער־קיי. אזוי האָט די פאָלק־פּארטיי אין טערקיי, באם דורכפירן דעם דעק־רעט וועגן אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע, מאָטיווירט דעמדאָזיקן געזעץ־פּראָיעקט אזוי:

„דאָס אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע דארף אין קיין פאל ניט מאָטיווירט ווערן אין גייסט פון אטעיזם. די רעליגיע קען פונקט אזוי ווי פריער באהערשן די נעשאָמע פון די טערקישע בירגער, דער ציל פונעם דאָזיקן געזעץ איז בלויז — ניט צו דערלאָזן אויסנוצן די רעלי־גיע פאר פּאָליטישע קאוואָנעס, פאר פּאָליטישע צילן״.

וואָס באטייט עס? דאָס באטייט, אז די טערקישע בורזשואזיע איז קלאר ניט קעגן דער רעליגיע, זי פארשטייט אויסגעצייכנט, אז די רע־ליגיע איז איר נייטיק און וועט איר נייטיק זיין, ווי א געווער אף אונטערצודריקן די פאָלקמאסן. די בורזשואזיע באגרענעצט בלויז (און ווען ס׳איז נויטיק פאר איר — שלאָגט זי אפילו גאנץ שטארק אָפּ) די פּאָליטישע אפּעטיטן בא דער קירך און בא די מולעס, אף וויפל די לעצטע זיינען נאָך אינגאנצן ניט איבערגעגאנגען אף דער זייט פון דער־בורזשואזיע, און שטייען נאָך מיט איין פוס (אָדער טאקע מיטביידע) אף דער זייט פון די פעאָדאלן.

דורכפירנדיק דאָס אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע, איז די טער־קישע בורזשואזיע קלאר ניט אויסן דערמיט ארויסצוטרעטן קעגן דער רעליגיע. אז אזוי איז עס טאקע, קאָן מען זען פון אייניקע גאנץ בא־לערנדיקע פאקטן: אזוי, אשטייגער, איז אין אפּרעל פונעם 1929 יאָר צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פאראנטוואָרטלעכקייט די בא־וווסטע פעמיניסטן (פרויען־רעכטלערן) סואדכאנעם פאר פירן אַן אנטי־רעליגיעזע פּראָפּאגאנדע.

אין 1928 יאָר איז אין דער פּרעסע געווען פּובליקירט די באריכטן פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע פונעם טעאָלאָגישן פאקולטעט אין סטאמבולער אוניווערסיטעט, וואָס האָט געארבעט איבער דער פראגע פון ר ע פ אָ ר מ י ר ן די רעליגיע. אין דידאָזיקע באריכטן ווערט געזאָגט, אז די „רעליגיע איז א סאָציאלער אינסטיטוט און דעריבער דארף זי

אנטשפּרעכן די פאָדערונגען פון לעבן און די געזעצן פון פּראָגרעס; אז דער פּראָגרעס טאָר ניט ארויסגיין אויסער די פארנונפטיקע גרענעצן פון אונדזער רעליגיע". די רעליגיע ווידער פון איר זייט דארף אופהערן זיין „אומבאוועגלעך", „טויט", — זי „דארף אריינטרעטן אין א נייער ערע פון עקזיסטענץ", דאָס רעליגיעזע לעבן דארף אומבאדינגט רעפאָרמירט ווערן... „מיט דער מיטהילף פון דער וויסנשאפט און מיט דער מיטהילף פונעם פארשטאנד".

אין וואָס־זשע דארף זיך די דאָזיקע רעפאָרמירונג אויסדריקן? — אף דעם ענטפערט די קאָמיסיע אָט וואָס:

„אונדזערע מעטשעטן דארפן זיין אויסערגעוויינלעך ריין, זיי דארפן זיין אָפּגערעמאָנטירט און קאָמפאָרטאבעל, באקוועם איינגעאָרדנט. די ערטער אף זיצן און אף אויסטאָן די אויבערשטע קליידער דארפן זיין איינגעאָרדנט אינעווייניק, אין מעטשעט גופא. מע דארף דערלויבן אריינגיין אין מעטשעט אין די שיך, וואָס דארפן אָבער זיין גאנץ ריין... דאָס גאָטדינסט דארף אָפּגעריכט ווערן אף דער טערקישער שפּראך... די טפילעס דארפן זיין פאָשעטע און פארשטענדלעך. דער מועדזין און דער אימאם דארפן קענען גוט זינגען"... און אזוי ווייטער אין דעמזעלבן גייסט.

וואָס־זשע הייסט עס? צי דען הייסט עס, אז די טערקישע בורזשואזיע פארפאָלגט די רעליגיע? פארשטייט זיך, אז ניט. דאָס איז א רעפאָרם, אן איבערמאכונג פון דער אלטער רעליגיע. דאָס איז בלויז א רייניקונג פון דער רעליגיע, צוליב דעם קעדיי איר צוגעבן א נייעם קויעך אף צו באהערשן די מאסן אין די אינטערעסן פונעם הערשנדיקן קלאס.

אפןביישפּיל פון טערקיי קען מען בוילעט זען, אז די בורזשואזיע איז ניט פעיק אנטשיידן צו קעמפן מיט דער רעליגיע, — מאכמעס דאָס לוינט ניט פאר איר. דער איינציקער קלאס, וואָס קען אנטשיידן דורכפירן דאָס אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע — איז דער ארבעטער־קלאס. בלויז ער אליין איז ניט פאראינטערעסירט אונטערצוהאלטן די רעליגיע. און ווירקלעך: דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע (אויב מע זאָל ניט רעכענען די פּאריזשער קאָמונע פון 1871 יאָר) האָט דער ארבעטער־קלאס פון פסר"ר. דורכגעפירט אין 1918 יאָר אין לעבן דאָס פולשטענדיקע און ענדגילטיקע אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע.

VI. די רעליגיִעזע קאָנטער-רעוואָליוציע אינ פסר״ר.

אויב אינ די קאפיטאליסטישע לענדער דינענ די רעליגיע אונ די קירכ גאנצ אָפנ די הערשניקע קלאסנ, איז אינ פסר״ר. דינענ זיי ניט די איצט-הערשנדיקע קלאסנ, נאָר די קלאסנ, וואָס האָבנ אמאָל געהערשט.

בא אונדז אינ פסר״ר. איז די רעליגיע א שלייער, א מיטל אפ צו מאסקירנ זיכ פאר אלע פארשיידענע אנטיסאָוועטישע אונ קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס.

דער בוילעטסטער בײַשפּיל דערצו קענ דינענ די אָרגאניזאציע פונ די „אימיאסלאווצעס״, וואָס די אָ.ג.פּ.או. האָט ליקווידירט אפ צאָפנ-קאווקאז סאָפ 1920 יאָר.

נאָכנ פארניכטנ די ווײַסע אפ צאָפנ-קאווקאז האָבנ די איבערגעבליבענע רעשטלעכ פונ די ווײַסע באנדעס אָנגעהויבנ צוביסלעכווײַז צונויפזאמלענ קויכעס אפ צו קעמפנ מיט דער ראטנמאכט. סאָפקאָלסאָפ האָט זיכ געשאפנ א געהיימע מאָנארכיסטישע אָרגאניזאציע. ווענ סע האָט זיכ פאר זיי געשטעלט די פראגע וועגנ דעמ, וויאזוי צו עקזיסטירנ, אז זיי זאָלנ קיינ פארדאכט ניט ארופציִענ אפ זיכ, אונ דורכ וועלכע מעטאָדנ איז בעסער צו־ווערבירנ מיטגלידער אינ זייער אָרגאניזאציע, איז באשלאָסנ געוואָרנ צו טונ דאָס אלצ מיט דער הילפ פונ רעליגיע,—באהאלטנ זיכ אונטער דער מאסקע פונ דער רעליגיע, אונטער דער שילד פונ א רעליגיִעזער סעקטע. אליינ די פירער פונ דערדאָזיקער אָרגאניזאציע האָבנ זיכ צולעצט מוי-

דע געווען, אז די רעליגיע איז געווען פאר זיי בלויז א שירעם, א מאס־קע, ערשטנס — קעדיי זיך אויסצובאהאלטן פון די מאכט־אָרגאנען, צווייטנס — קעדיי עס זאָל באקוועמער זיין צו ווערבירן מיטגלידער.

דאָס ווערבירן מיטגלידער אין דערדאָזיקער אָרגאניזאציע איז דורכ־געפירט געוואָרן דורך ספעציעלע אגיטאטערס, וואָס זיינען ארומגעפאָרן איבער קאווקאז קלוימערשט אלס רעליגיעזע פריידיקער.

זייערע פארזאמלונגען האָבן די „אימיאסלאווצעס" אָנגעהויבן מיט טפי־לעס און דראָשעס און דערנאָך, ווען די ניי־ווערבירטע זיינען שוין געווען גענוג צוגעגרייט, האָט מען אָנגעהויבן דארשענען מאָנארכיסטישע דראָשעס.

די „אימיאסלאָווצעס" האָבן אגיטירט פאר אופשטעלן צוריק די מאָ־נארכיע. פעדאָר גריגאָריעוויטש — איינער פון די אָנפירער פון דערדאָזי־קער באנדע — האָט געזאָגט אפ דער אויספאָרשונג: — „מיר זיינען מאָ־נארכיסטן. דאָס פאָדערט די לערע פון אונדזער סעקטע"... די ראטנ־מאכט האָט בא זיי געהייסן „די מאכט פון אנטיכריסט". זיי האָבן גערופן די באפעלקערונג ניט צו צאָלן קיין שטייערן, ארונטערצורייסן אלע מאָסמיטלען פון דער פארטיי און ראטנמאכט.

די אָנטיילנעמער פון דערדאָזיקער רעליגיעז־מאָנארכיסטישער אָרגא־ניזאציע זיינען געווען: די ברידער גריגאָריעוויטש — געוועזענע גוטבאַ־זיצערס אין קיעווער גובערניע; פון זיי איז איינער א געוועזענער פאָלקאָווניק, דער צווייטער — א שטאב־ראָטמיסטער; גאָלאָוואן — א געווע־זענער אָנטיילנעמער אין שקוראָס און אין כוואָסטיקאָווס באנדעס, א טאליען, האָט צעשאָסן אסאך פויערים און פאמיליעס פון פארטיזאנער; רעדקין — א געוועזענער באנדיט, האָט געדינט בא די ווייסע; טשוכלע־נאָוו — א באנדיט און הענקער פון גענעראל כוואָסטיקאָווס באנדע; משערקאסין — א צארישער אוריאדניק, אן אקטיוויסט אין שקוראָס באנ־דע, א טאליען און הענקער. און אזוי אלע — אלץ פון זעלבן סאָרט.

מיר זעען אזוי ארום, ווי, באנוצנדיק זיך מיט דער רעליגיע, קלערן די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן צו שאפן אן אנטיסאָוועטישע באוועגונג און גרייטן צו אן אופשטאנד קעגן די ראטן. די צעקלאפטע ווייסבאנדיטן האָבן אפ קיין אנדער אופן ניט געקענט שאפן זייער אָרגאניזאציע, ווי נאָר מיט דער הילף פון דער רעליגיע. מיט דער רעליגיע האָבן זיי פארדעקט זייער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע זאך.

א צווייטער בײַשפּיל: אָנהייב נאָיאַבער 1929 יאָר איז פאָרגעקומען אין וואָראָנעזש דער פּראָצעס איבער די אָנפירערס פון דער סעקטע „פעדאָראָווצעס“, וואָס זײַנען געווען טעטיק אין קאָליטווינער ראַיאָן, ראָסאָשאַנער קרײַז, — אין דער צענטראַלער שוואַרצערדישער געגנט.

קאָליטווינער ראַיאָן איז אין 1920—21 י. געווען דער צענטער, וווּ ס'האָט געאַרבעט די באַנדע פון קאָלעסניקאָוו, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן דער ראַטנמאַכט. קאָלעסניקאָווס באַנדע איז צעקלאַפּט געוואָרן. די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון קאָלעסניקאָווס באַנדע האָבן פונקט אַזוי ווי די „אימיאַסלאָווצעס“ אויף צאָפן־קאַווקאַז אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַ מאָנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע, אויסקלײַבנדיק אַלס איר שילד — די רעליגיע. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט קלוימערשט אַלס סעקטע — „פעדאָראָווצעס“...

אין דער שפּיץ פון דעדאָזיקער „סעקטע“ זײַנען געשטאַנען: דמיטר. סערג. פאַרכאָמענקאָ — אַ באַלעגוף און אַ געוועזענער באַנדיט פון קאָלעסניקאָווס באַנדע; פעדאָר דאָראָשענקאָ — אויך אַ באַלעגוף און אַ געוועזענער באַנדיט; סטעפאַן אַטאָרקין — אַ הענדלער, אַ געוועזענער גרויסער גוטבאַזיצער און אַ באַנדיט א. א.

די „פעדאָראָווצעס“ האָבן אַגיטירט, אַז ס'קומט אָן דער סוף פון דער וועלט, אַז גאָר אינגיכן וועט קומען אויף אַ ווײַסן פערד דאָס ווײַסע מיליטער בעראָש מיט מיכאל אַרכאַנגעל. אַלע רויטע (די קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן, פּיאָנערן, סאָוועטישע לײַט, קאָלווירטלערס א. א.) וועט מען אויסקוילען. און איבערלאָזן וועט מען בלויז די „פעדאָראָווצעס“. קעדיי זיך אויסצוטײלן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, האָבן די „פעדאָראָווצעס“ צוגעגרייט אויף זייערע קליידער צלאָמים, אויך אויף זייערע הײַזער האָבן זיי אויסגעמאָלט צלאָמים. פון אַלע הייליקע בילדער (איקאָנעס) האָבן זיי פאַרערט פריִער פון אַלע די, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו מיליטער־זאַכן, ווי געאָרגיע דער זיגער (פּאָבעדאָנאָסעץ), מיכאל אַרכאַנגעל א. א.

זיי האָבן גערופן ניט צאָלן קיין שטײַערן, ניט געבן קיין ברויט דער מעלוכע, ניט אַרײַנטרעטן אין די קאָלווירטן, ניט שיקן די קינדער אין שול א. אַז. וו. יענע ווידער, וואָס האָבן ניט געוואָלט גיין מיט זיי, האָבן זיי טעראָריזירט, אונטערגעצונדן זייערע הײַזער א. אַז. וו.

אויך דאָ האָבן מיר א טיפּישן בײַשפּיל פון דעם, וויאַזוי די קאָנטער־רעוואָליוציע נוצט אויס די רעליגיע צוליב אירע צילן.

דער באַלעגופישער באַנדיטיזם, וואָס איז צעקלאַפּט און צעשטויבט געוואָרן אין דער צײַט פון בירגערקריג, האָט אין מעשעכ פון א ריי יאָרן צונויפגעזאמלט זײַנע קויכעס אונטער דער פאָן פון דער רעליגיעזער סעקטע — „פּעדראָוואָצעס", באַנוצנדיק זיך דערמיט, וואָס די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירן לעגאַל און וואָס די ראַטנמאַכט פאַרפאָלגט ניט קיינעם פאַר קיין רעליגיעזע איבערצײַגונגען. אונדזער קלאַסנסוינע נוצט אויס די לעגאַלקײַט פון די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס צוליב זײַנע צילן.

אָקטיאַבער כוידעש 1929 יאָר האָט די אָ.ג.פּ.או. אַנטדעקט אין וויאַטקע א מאָנאַרכיסטישע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע.

דידאָזיקע גרופּע קירכן־לײַט האָבן געפירט אן אַקטיווע קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע אַרבעט. בעראָש פון דער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען דער וויאַטקער עפּיסקאָפּ אָסטראָווידאָוו. אן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט האָבן גענומען גאַלאָכים (גלושקאָוו און פּאָפּיוואַיעוו), גרויסע אונטערנעמערס, סאָכרים, געוועזענע אָפיצערן פון דער צאַרישער אַרמיי א. אנד.

אינטערעסאַנט זײַנען די פּאַרוואַנדלונגען, די מעטאַמאָרפאָזעס, דורכ וועלכע איינער פון דער באַנדע, דער גאַלעכ מיכאַיל גלושקאָוו, איז דורכגעגאַנגען: אַליין איז ער א זון פון א סויכער 1־טע גילדיע. בעיס דער מילכאָמע — אַן אָפיצער. נאָכ דער רעוואָליוציע איז ער געוואָרן א מאָנאַכ. באַם נעפּ — אַראָפּגעוואָרפן דעם מאָנאַכנ־ראָק און געוואָרן א הענדלער. און ווען דעם פּריוואַטן הענדלער, דעם נעפּמאַן הייבט אָן שלאָגן דער מעלוכע-האַנדל און די קאָאָפּעראַציע — ווערט ער ווידער א גאַלעכ. אַזוי זעען אויכ אויס די איבעריקע אָנפירער פון דערדאָזיקער גרופּע.

אַלס שטאַב פון דער אָרגאַניזאַציע איז אויסגעקליבן געוואָרן די וויאַטקער קאַטעדראַלע קירכ. זייער אַגיטאַציע האָבן זיי געפירט אונטער אַזא לאָזונג: „די ראַטנמאַכט — דאָס איז די מאַכט פון אַנטיכריסט און מע טאָר זיכ איר ניט אונטערוואַרפן". די ראַטנמאַכט האָבן זיי פאַרגליכן מיטן סאָטן, מיטן טײַוול. אין די דערפער האָבן זיי געפירט אַן

אגיטאַציע דורך די מאָנאַכן קעגן די שטײַערן, קעגן ברויט-פּאַרגרייט און אפילו קעגן פּאַקן שטעלן („פּאַקן שטעלן — דאָס איז דער שטעמפּל פון אַנטיכריסט" — האָבן געדאַרשנט דידאָזיקע פינצטערע לײַט).

אָקטיאַבער כוידעש 1929 יאָר איז אַנטדעקט געוואָרן אַ קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע גאַלאָכישע אָרגאַניזאַציע אין אַסטראַכאַן. בעראָש פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען דער אַסטראַכאַנער אַרכיע-פּיסקאָפּ פיליפּ. אַרום פיליפּן האָבן זיך גרופּירט די מאָנאַרכיסטן.

סענטיאַבער כוידעש 1929 יאָר איז אין לענינגראַד ליקווידירט געוואָרן אַ קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט עקזיסטירט אונטערן שילד פון אַ רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אויפשטייונג". דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געווען פאַרבונדן מיט דער ווײַס-גוואַרדעישער עמיגראַציע אין פּאַריז און האָט זיך געשטעלט אַ ציל אַראָפּצוואַרפן די ראַטנמאַכט. לויטן באַשטאַנד איז די אָרגאַניזאַציע באַשטאַנען פון „געוועזענע" לײַט — פון פּריצים, שטאָט-ראַטמענער, אָפיצערן, הויף-באַאַמטע א. אז. וו.

אויגוסט כוידעש 1929 יאָר איז אַנטדעקט געוואָרן אַ קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון קירכן-לײַט אין בוינער קאַנטאָן (טאָטערישע רעפּובליק). דאָרט זײַנען דידאָזיקע לײַט אַזוי פרעך געווען, אַז זיי האָבן פאַנאַנדערגעקלעפּט איבערן שטאָט פּלאַקאַטן מיט לאָזונגען — „אַראָפּ די קאָמונע!"

דעם 12-טן סענטיאַבער 1929 יאָר האָט די אָ. ג. פּ. או. ליקווידירט אַ קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע גרופּע גאַלאָכים אין סערפּוכאָווער קרײַז (מאָסקווער געגנט). די אַרעסטירטע גאַלאָכים האָבן אָפן דערקלערט: „לעניני איז אונדזער גרעסטער פײַנט". בא איינעם פון זיי האָט מען געפונען קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס און דאָס בילד פון ניקאָלײַ דעם 2-טן. די קירכן-לײַט האָבן געפירט אַ ווילדע אַגיטאַציע קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אָקטיאַבער כוידעש 1929 יאָר איז אַנטדעקט געוואָרן אַ קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון קירכן-לײַט אין איוואַנאָוו-וואָזניעסענסק. בעראָש פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע זײַנען געשטאַנען דער עפּיס-קאָפּ גאָלובאָוו און רעשענצאָוו, די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו פירן אַן אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע.

ביז איצט האָבנ מיר גערעדט וועגנ קעמפערישע מאָנארכיסטישע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבנ עקזיסטירט אונטער א רעליגיעזנ נאָמענ, וואָס האָבנ זיכ אויסבאהאלטנ אונטער דער פאָנ פונ רעליגיע.

ס׳זײַנענ אויכ פאראנ פאלנ ווענ גאלאָכימ אונ קירכנ־לײַט טרעטנ ארויס אָפנ קעגנ דער ראטנמאכט. א ריי פאלנ פונ אָפענע ארויסטרעטונגענ קעגנ דער ראטנמאכט האָבנ זיכ געטראָפנ אינ 1929 יאָר. דאָ זײַנענ שוינ אלײנ די גאלאָכימ, אלײנ די קירכנ־לײַט געווענ די איניציאטערס אונ די אָנפירערס.

אינ דער שטאָט קימרע, מאָסקווער געגנט, האָט דער שטאָראָסט אינ מײַ כוידעש באשלאָסנ צו פארמאכנ א קירכ. זײַענדיק שטארק ניט צופרידנ מיט דעמ, וואָס ער האָט פארלוירנ אזא פײַנ שטיקל פארנאָסע, האָט דער גאלעכ קאָלעראָוו אָרגאניזירט די קירכנ־לײַט אפ צו פארטיידיקנ אונ באשיצנ די קירכ. ער האָט אָפגעריכט ספּעציעלע טפילעס אונ געהאלטנ דראָשעס וועגנ דעמ, אז „די באָלשעוויקעס פארפאָלגנ די קירכ”, מיטנ ציל אָנצודראָענ, אופצורייצנ דעמ אוילעמ אפ אנטיסאָוועטישע ארויסטרעטונגענ.

דידאָזיקע פראָפאגאנדע האָט געהאט דערפאָלג בא די קרעמערס, הענדלערס אונ בא די פרויענ. דעמ גאלעכ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אָנצורייצנ דידאָזיקע לײַט אפ די ארבעטער אונ קאָמוניסטנ, אונ אדאנק זײַנ טעטיקײַט, ווי אויכ אדאנק דער ארבעט פונ די אנדערע קירכנ־לײַט, האָט מענ צעשלאָגנ עטלעכע מיליציאָנערנ אונ אײנ ארבעטער מיטנ נאָמענ קאָזשעווניקאָוו. דער רעזולטאט איז געווענ, אז פאר אָרגאניזירנ קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ האָט מענ דעמ גאלעכ קאָלעראָוו אונ די אנדערע אָרגאניזאטערס פונ דערדאָזיקער ארויסטרעטונג פארמישפּעט צו שיסנ. דאָ האָבנ מיר צו טאָנ מיט א פאל, ווענ די רעליגיע איז אויסגענוצט געוואָרנ מיטנ ציל צו אָרגאניזירנ אנטיסאָוועטישע גאסנ־ארויסטרעטונגענ.

אָקטיאבער כוידעש 1929 יאָר האָבנ די גאלאָכימ אונ באלעגופימ אָרגאניזירט אינעמ דאָרפ בעלאָאָמוט, אינ קאָלאָמענער קרײַז (מאָסקווער געגנט), א אנטיסאָוועטישע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונג אינ צוזאמענהאנג מיטנ פארמאכנ אינ דאָרפ א קירכ (אײנע פונ פיר).

אין דעמזועלבן קאָלאָמענער קרײַז, אין דאָרף אַנפאַלעוו, האָט דעם 9־טן אָקטיאַבער לויט דער אופּהעצערײַ און אָנריידונג פונעם גאַלעכ ריאַבאָוו דער אונטערבאַלעגופּ פאַנסעראָוו דערהאַרגעט דעם באַטראַק טראָפימאָוו און פאַרוווּנדעט 7 אָרטיקע דאָרפישע אַקטיוויסטן.

אַזוינע פאַלן פאַרן לעצטן יאָר זײַנען געווען עטלעכע.

ניט ווייניקער אַקטיוו טרעט אַרויס דאָס גאַלאָכנטום קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע. זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז דידאָזיקע וויכטיקע זאַך איז אַ טויט־קלאַפּ דעם באַלעגופּ; זיי פאַרשטייען, אַז די קאָלעק־טיוויזאַציע פאַרייניקט אַפּ דער באַזע פון קאָלעקטיווער אַרבעט, מאַשינ־טעכניק און פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען — די פויערשע אָרעמשאַפט מיטן מיטל־פויערטום. זיי ווייסן, אַז די קאָלעק־טיוויזאַציע וועט ענדערן אינגאַנצן דאָס פּאָנעם פון דאָרף, וועט איבער־בויען דאָס דאָרף אַפּ נײַע סאָציִאַליסטישע יעסוידעס, וועט שאַפן אַזאַ אָרדענונג, בא וועלכער ס׳וועט ניט זײַן קיין אָרט פאַרן גאַלאָכנטום.

אָט פאַרוואָס די גאַלאָכים און די סעקטאַנטישע פריידיקער זײַנען קעגן אַלע מאָסמיטלען פון דער פּאַרטיי און ראַטנמאַכט.

זיי ספּעקולירן אַפּ אומגערעטענישן, אַפּ ווירטשאַפטלעכע שווערי־קײַטן, אַפּ קלאַנגען וועגן מילכאָמע. זיי בויען אַפּ וווּנדער און ניסים. זיי זאָגן נעוויִעס וועגן „אָנקום פון אַנטיכריסט" און פאַרשיידענע אַנ־דערע „שרעקלעכע" זאַכן, — אַלץ צוליב דעם, קעדיי אָפּצושרעקן, קעדיי אָפּצווועגדן, אָפּצוציִען די אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם קאַמף פאַר סאָציִאַליזם.

דער סאָציִאַליסטישער אָנגריף אַפּ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן רופט אַרויס בא זיי אַ ווילדן ווידערשטאַנד. און דעמדאָזיקן ווידער־שטאַנד, קעגנווירקונג און שעדיקערײַ דער סאָציִאַליסטישער בויונג איז אַסאַך באַקוועמער, געפאַרלאָזער, זיכערער און לוינט בעסער פאַר אונדזערע קלאַסן־פײַנט אַרויסצווײַזן, פאַרדעקנדיק זיך מיטן מאַנטל פון רעליגיע.

אין פסר״ר. איז די רעליגיע די אייניציקע האָפענונג פון אונ־דזערע קלאַסן־פײַנט די קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע אַרבעט בא אונדז אין לאַנד איז באַקוועמער פון אַלץ צו אָרגאַניזירן אונטער דער פּאָן פון אַ רעליגיעזער באַוועגונג.

אָבער די האָפענונג פונ דער בורזשואזיִע (ווי פונ אונדזערער, אזוי אויכ פונ דער אויסלענדישער) אפ דער רעליגיע, דאָס אויסשטעלנ אפ גאָט האָט ניט געבראכט אונ וועט ניט ברענגענ צו גאָרניט. ס׳וועט דערפונ גאָרניט אַרויסקומענ.

די דערפארונג פונעמ קלאסנקאמפ פונ די ארבעטנדיקע אינ פסר״ר האָט באוויזנ די קאָנטער־רעוואָליוציִאָנערע ראָלע פונ דער רעליגיע. אונ וואָס גיכער די מיליאָנענ ארבעטנדיקע וועלנ זיכ איבערצײַגנ דערינ, וואָס גיכער זיי וועלנ דאָס אָנערקענענ — אלצ גיכער וועלנ זיי זיכ אָפּטרייסלענ פונ דער רעליגיע, אלצ גיכער וועלנ זיי אוועקשלײַדערנ זי פונ זיכ.

VII. וועמענ דינט די רעליגיע

די אראָפּגעוואָרפענע דורכ דער רעוואָליציע אינ 1918 יאָר געוועד־זענע דײַטשישע פירשטנ, דער געוועזענער דײַטשישער קייסער ווילהעלמ זײַנע קרויווימ אונ פרײַנט האָבנ דערלאנגט א פאָדערונג דער דײַטשי־שער רעגירונג וועגנ אויסצאָלנ זיי בא אנדערהאלבנ מיליארד רובל — באגיטיקונג פארנ „שאָדנ", וואָס די רעוואָליוציע האָט זיי אָנגעטאָנ. די בורזשואזע רעגירונג פונ דײַטשלאנד האָט גאָרניט געהאט קעגנ אָפּצאָלנ די געוועזענע פירשטנ מיליארדנ רובל געלט אפנ כעשבנ פונ די ארבע־טער אונ פונ דער קליינ-בורזשואזיע. אדאנק דער איניציאטיוו פונ דער דײַטשישער קאָמפּארטיי איז אופגעהויבנ געוואָרנ א ברייטע קאמפּאניע איבערנ גאנצנ לאנד, ס'זײַנענ צונויפגעקליבנ געוואָרנ מיליאָנענ אונ־טערשריפטנ קעגנ באגיטיקנ די געוועזענע פירשטנ. באמ דורכפירנ אינ יוני כוידעש 1926 יאָר די אלגעמיינע פאָלק־אָפּשטימונג האָבנ זיכ בא 15 מיליאָנ מענטשנ ארויסגעזאָגט פאר קאָנפיסקירנ דאָס פארמעגנ פונ די געוועזענע פירשטנ.

אויכ די קירכ האָט ניט געשוויגנ. אויכ זי האָט אָנטייל גענומענ אינ דערדאָזיקער קאמפּאניע. איינער פונ די קאטוילישע עפּיסקאָפּנ האָט פארעפנטלעכט פאָלגנדיקע מעלדונג: „אלס בארופענער אָפּצוהיטנ די געטלעכע מאָראל־געזעצנ בינ איכ מעכויעוו מיט דער פולער אנטשיידנ־קייט צו דערקלערנ, אז דאָס אָנטיילנעמענ אינ דידאָזיקע אונטערשריפטנ איז א באוווסטזיניקע אונ בעקיוונדיקע זינד קעגנ זיבעטנ געבאָט פונ גאָט. דאָס דורכפירנ אזא מינ געזעצ וואָלט געווענ דער ערשטער שריט צו אָפּשאפנ דאָס אייגנטומ ביכלאל אונ אנ אָפענע אופהעצערײַ צו בארויבנ די קירכ מיט אלע אירע אנשטאלטנ".

אָפּנעמען בײַ די עקספּלואַטאַטאָרס זײער רײַכקײט, וואָס זײ האָבן זיך דערוואָרבן דורך באַרויבן און עקספּלואַטירן די פֿאָלקמאַסן, „איז אַ זינד קעגן זיבעטן געבאָט פֿון גאָט".

די קירך איז שטענדיק אַרויסגעטראָטן צו פֿאַרטיידיקן און באַשיצן „די מאָראַל, דאָס אײגנטום און אָרדענונג", ד. ה. צו פֿאַרטיידיקן און באַרעכטיקן די הערשאַפֿט פֿון די פּריצים, באַנקירן און קאַפּיטאַליסטן. וואָס העכער עס שטײַגט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, אַלץ מער נעמען אָן די הערשנדיקע קלאַסן מיטלען אויף אײַנצופֿלאַנצן די רעליגיע צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן. די רעליגיע פֿאַרשטאַרקט זיך. אײנע בורזשואַזע מעלוכע נאָך דער אַנדערער שליסט אָפּמאַכן (קאָנקאָרדאַטן) מיט דער קירך. פּוילן, רומעניע, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, בײַערן, פּרײַסן און אַ גאַנצע רײ אַנדערע מעלוכעס האָבן געשלאָסן פֿאַר די לעצטע יאָרן קאָנקאָרדאַטן מיט דער קירך. די פֿאַשיסטישע איטאַליע און די „דעמאָקראַטישע" פֿראַנקרײַך האָבן אין 1929 יאָר געשלאָסן אַן אָפּמאַך און אַ בונד מיטן רוימישן פּויפּסט.

מיטן אויטאָריטעט פֿון דער מעלוכע־מאַכט ווערט פֿאַרטיידיקט און באַשיצט גאָט, ווערן פֿאַרפֿאָלגט די „אַפּיקאָרסים" פֿאַר גאָטלעסטערײַ אין עסטרײַך, דײַטשלאַנד, פּוילן, אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. דאָס געלט, וואָס דאַרף גײן פֿאַר אַרבעטלאָזיקע, אויף סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג, גיט מען אויף די גײַסטלעכע, די גאַלאָכים.

מיר באַמערקן אין עמעסן געיעג פֿון דער בורזשואַזיע נאָך רעליגיע. אין דער רעליגיע זעען די הערשנדיקע קלאַסן אַ קויעך, וואָס איז פֿעיִק אין אַ געוויסער מאָס אָפּצוהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, אײַנצושטילן און לינדערן דעם רעוואָלוציאָנערן האַס פֿון די אונטערגעדריקטע קלאַסן און פֿעלקער צו די אונטערדריקער.

די בורזשואַזיע טוט אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, צו פֿאַרשטאַרקן די רעליגיע צווישן די פֿאָלקמאַסן. פֿון אירע געלערנטע פֿאָדערט זי „וויסנשאַפֿטלעכע" דערווײַזן פֿון גאָטס עקזיסטענץ, פֿון גאָטס זײַן. און ס'איז גאָר קײן וווּנדער ניט, וואָס די געלערנטע „געפֿינען" טאַקע אַזוינע דערווײַזן, וואָרעם די געלערנטע זײַנען אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון די הערשנדיקע קלאַסן. די אַבסאָליוטע מערהײַט געלערנטע זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער בורזשואַזיע דורך זײער אָפּשטאַמונג, זײ זײַנען דורכגעדרונ־

גענ מיט זייער וועלט־קוק, זײַנענ אידייִש זיי נאָענט. די געלערנטע, וואָס די בורזשואזיִע איז ניט צופרידנ מיט זיי, די, וואָס זײַנענ ניט דינסט־גרייט, ווערנ פארטריבנ פונ די אוניווערסיטעטנ — בלײַבנ אָנ קאַטעדרעס.

דער ווּקס פונ רעליגיִעזע שטימונגענ צווישנ די הערשנדיקע קלאסנ גופע, די שטרעבונג אײַנצופלאנצנ און פארשטארקנ די רעליגיע אינ פאָלק איז פארבונדנ מיטנ ווּקס פונ דער ניט־זיכערקײַט אינעם מאָרגנדיקנ טאָג.

דער אופשטײַג פונ דער רעוואָליוציִאָנערער כוואליע (די מײַ־באריקאדעס אינ בערלינ, דער אלגעמיינער שטרײַק אינ ענגלאנד, לאָדז אונ אינ אנדערע ערטער), די שרעק פאר דער אָנקומענדיקער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, די דראָונג פונ די אינדוסטריעלע אונ פינאנציִעלע קריזיסנ,—דאָס אלצ שטויסט די בורזשואזיִע אינ די אָרעמס פונ מיסטיציזמ, צו זוכנ א העכערנ וועזנ, אנ איבערנאטירלעכנ קויעכ, וואָס זאָל ראַטעווענ די קאפיטאליסטישע וועלט פונ אונטערגאנג.

אָט דעריבער טאקע האָבנ זיכ עס איצט אזוי אָפט אָנגעהויבנ באַווײַזנ פארשיידענע ספיריטיסטישע געזעלשאפטנ, וואָרזאָגערס, טרעפערס, פאָרויסזאָגערס פונ דער צוקונפט, נעוויִימ, רעטערס, היילערס א. אז. וו.

אָבער ניט אינ דעמ (ד. ה. „פארנ פערזענלעכנ געברויכ״) איז די גרונט־באשטימונג פונ דער רעליגיע. ניט דאָס אלצ פונדעסטוועגנ קענ דערקלערנ דעמ ווילדנ גײעג נאָכנ גאלאָכנטומ, וואָס מיר באמערקנ אצינד אינ אייראָפּע אונ אינ אמעריקע.

די גרונט־באשטימונג פונ דער רעליגיע, איר הויפּט־אופגאבע איז — צו דינענ דער זאכ פונ פארשטארקנ אונ פארפעסטיקנ די אָרדענונג פונ עקספּלואטאציע, פונ שטיצנ די קאפּיטאליסטישע וועלט, דינענ דער בורזשואזיע אלס געווער אינ קאמפּ מיט דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג.

אפּ דער שפּראכ פונ דער ווירקלעכקײַט ווערנ די שיינע, הויכע ווערטער פונ די גײַסטלעכע וועגנ ברידערלעכקײַט, ליבע א. ד. גל. פארוואנדלט אינ אָפענער דינסט דעמ אימפּעריאליזמ, אינ בארעכטיקנ די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג פונ עקספּלואטאציע.

אָט דאָס איז די גרונט־אופגאבע, דאָס איז די הויפּט־ראָלע פונ אלע רעליגיעס.

אינהאלט

זײַט

פאָרוואָרט — פונ יעמ. יאראָסלאווסקי 3

פאָרוואָרט פונעמ אווטער 6

I. די קירכ אונ די צווישנפעלקערלעכע ארבעטער-באוועגונג 7

די קירכ אינ קאמפ קעגנ דער ארבעטער-באוועגונג 11

דער קאמפ פאר דער ווירקונג אפנ פויערטומ 17

דער קאמפ פאר דער יוגנט 20

דער קאמפ פאר דער שול 26

ראדיאָ אונ קינאָ צו דינסט די אָבסקוראנטנ 28

דער קאמפ פאר די קינדער, די ווירקונג אפ דער פרוי 30

די גײַסטלעכע אינ קאמפ קעגנ קאָמוניזמ 32

די אינטערנאציאָנאלע שטרעבונגענ פונ דער קירכ 34

די אלוועלטלעכע רעליגיעזע פארייניקונגענ 38

צי זײַנענ די ארבעטער אינ אויסלאנד רעליגיעז 43

די סאָציאַל-דעמאָקראטיע אונ די רעליגיע 47

דער קאָמינטערנ אונ די רעליגיע 49

די אפיקאָרסישע באוועגונג אינ די בורזשואזע לענדער 51

I. די רעליגיע אלס געווער פונ קאָלאָניאלע רויבערײַענ אונ אימפעריאליסטישער פארכאפונג-פאָליטיק 55

III. צוליב וואָס זוכט די אמעריקאנער בורזשואזיע א גאָט 71

צווײ פראָצעסנ 71

דאָס אײַנפלאנצנ די רעליגיע 75

וועגנ קולטור, מאָראל, זיטלעכקײַט אונ דאָסגלײַכנ 78

אמעריקע האָט שוינ פונלאנג אופגעהערט צו זײַנ „דאָס לאנד פונ פרײַהײַט" 82

אמעריקע — דאָס לאנד פונ שפּיאָנענ אונ קנעכט 86

„קיין אנדער האָפענונג האָבן מיר ניט" 91
די קירך אין אמעריקע 94
דער מענטש באשאפט זיך א גאָט לויט זיין אייגענעם געשטאלט 99
אין וואָס באשטייט די קראפט פון דער קירך אין אמעריקע 106
צוליב וואָס זוכט די אמעריקאנער בורזשואזיע א גאָט 108

IV. וועגן דער יידישער רעליגיע 118
דער רעאקציאָנערער טאָך פון דער יידישער רעליגיע 118
וויאזוי איז עס פאָרגעקומען און ווער האָט עס געדארפט האָבן 122
די יידישע ראבאָנים צו דינסט די געלט־זעק 126
דער ציאָניזם און דער קלעריקאליזם 128
דער אטעיזם וואקסט 132
V. די קאָנטער־רעוואָליוציע אונטער דער פאָן פון איסלאם 138
VI. די רעליגיעזע קאָנטער־רעוואָליוציע אין פסר"ר 146
VII. וועמען דינט די רעליגיע 154

ארויס פון דרוק:

מ. שיינגאָלד — „היגיִעניִשע" מיצוועס.

אי. סודארסקי — פאַרוואָס קעמפן מיר קעגן רעליגיע.

זאַמלונג — קעגן פּייסעך.

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען פון „אוקרקניגאָצענטער" און „וווּקאָפּקניגא".